STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09375

# ALE VERK

Isaac Leib Peretz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ל. פרץ

# בילדער און סקיצן

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PNIRTED IN POLAND

I. L. Perec. — „Bilder un skicn".

Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

# אינהאַלט


| | |
|---|---|
| | זייט |
| פאָררעדע | 5 |
| בטחון | 7 |
| נאָר גיי | 10 |
| וואָס דאַרף אַ יידענע | 13 |
| נומער 42 | 16 |
| דער משכיל | 23 |
| דער טשיוויצער רב | 27 |
| פערציילטע מעשיות | 31 |
| אַ יינגעלע | 43 |
| דער יאַרציעווער רב | 47 |
| לאַשציאָוו | 53 |
| די ערשטע פּרוב | 55 |
| די צווייטע פּרוב | 60 |
| אין שוחטס הויז | 63 |
| די סקולער רביצין | 67 |
| אַסעקורירט | 71 |
| דער נשרף | 76 |
| דער עמיגראַנט | 81 |
| דער משוגע | 84 |
| בלאַנקעטן | 87 |
| דער למ"ד-ווניק | 89 |
| דער מסר | 93 |
| דאָס וואַסערל | 98 |

| | |
|---|---|
| | זייט |
| ר׳ בעריל | 113 |
| ר׳ יוחנן גבאי | 121 |
| אייזיקל שוחט | 126 |
| בשעת מגפה | 149 |
| אין חדר אריין, שקצים | 185 |
| משוגעים | 190 |
| דער נדבן | 197 |
| דער דראַנג | 209 |
| אַ קשיא אויף יענע לייט | 215 |
| מלוה מלכה | 225 |
| ווי אַזוי אַ פּרוש איז געוואָרן אויס פּרוש | 238 |
| דאָס פּראָבלעם | 246 |

# א.

## פאַרְרֶעדֶע.

עס איז געוועזען אין סוף פון די גוטע, און אין אָנהייב פון די שלעכטע צייטען. אויפ'ן הימעל האָבען זיך געוויזען שוואַרצע חמאַרעס, נור עס האָט זיך גערדאַכט, אַז דער רוח — דער צייט־גייסט, מיין איך, — וועט זיי לייכט פערטרייבען. זיי וועלען ערגיץ אויסגיסען זייער האַרץ אין אַ מדבר. אין איי־ראָפּאַ'ס פיין־געהאַלטענעם וויינגאָרטען האָט דער ביטערער וואָרצעל שוין געשפּאַלטען די ערד, אַרויסגעשיקט זיינע שטע־כעדיגע, שוין פערסמטע שפּיצלעך, נור, אָט, אָט, טראַכט מען, דערזעהען עס די גערטנער און רייסען עס אויס מיט'ן וואָר־צעל... עס האָט זיך גערדאַכט, אַז דאָס נײַנצעהנטע יאָהר־הונדערט האָט זיך אויף דער עלטער נור אַ ביסעל פערקיהלט, אַ ביסעל היץ געקריגען! עס זאָל זיך פון דעם מאַכען אַ שווערע קרענק, אַ שגעון, — דאָס האָט זיך קיינער נישט גערעכט...

ווי וויט איז פון אונז געוועזען דעמאָלט אַמעריקאַ! נישט איין יוד האָט געקלערט, ווי אַזוי עס שטעהט דאָרט אַ שיסעל גריץ, אָדער — צי ט־אָגט מען דאָרטען די יאַרמולקעס אויף די פּיס. פון ארץ־ישראל־אתרוגים האָט מען אַזוי זעלטען גע־הערט, ווי פון באַראָן הירש צי פון „הנדיב הידוע"...

די אַסטראָנאָמיע בערעכענט פריהער יעדע לקוי־חמה, לקוי־לבנה; די פּסיכאָלאָגיע האַלט נישט אַזוי וויט. דער וועלטס

נשמה ווערט ראַפּטים פּינסטער, דער גוף קריגט אַ מין קאָנוואולסיע — און נישט נור זי קען עס פאָראויסזעהען, נור אפילו ווען עס איז שוין געשעהן, איז זיך שווער צו גלויבען... איז עס נישט צום פערשטעהען...

אונרוהיג דאָך איז מען שוין געוועזען. עס האָבען זיך געשיט פון אלע זייטען בלבולים איבער בלבולים.

צווישען אנדערע זאַכען איז געבליבען, אַז מען דאַרף זיך בעקענען מיט'ן געוועהנליכען וואָכעדיגען יודישען לעבען; זעהען, וואָס עס טהוט זיך אין די קליינע שטעדטליך; אויף וואָס מען האָפּט, פון וואָס מען לעבט, וואָס מען טהוט... וואָס עס זאָגט דאָס פאָלק?

# ב.

## בּטחון.

מיין ערשטער אַריינפאָהר איז געוועזן טישאָוועץ. איך האָב מיך אָבגעשטעלט ביי מיינעם אַ בעקאַנטען, ר׳ ברוך. ער האָט געשיקט נאָכ׳ן שמש און עטליכע בעלי־בתים. וואַרטענדיג אויף זיי, בין איך געשטאַנען ביים פענסטער און בעטראַכט דעם מאַרק.

דער מאַרק איז אַ גרויסער פיער־עק. אַרום, אויף אַלע 4 זייטען, שטעהען פערשוואַרצטע, אַיינגעבויגענע, געבויטע הייזער, טייל מיט שטרוי, מעהרסטענטיילס מיט שינדלען געדעקט.

סאַמע איינציגע שטאָקען, מיט ברייטע פּאָדשעניעס אויף פוילע פערגעלטע באַלקען. אַרויסגערוקט פון פּאָדשעניע שטעהען, נישט וויט איינס פון׳ם אַנדערען, „פּשעקופּקעס״ איבער מולטערס מיט בייגעל, ברויט, אַרבעס, באָבעס און פערשיעדען אויבס. צווישען די ווייבער איז אַ שטאַר גערודער! איך האָב אויף זיי, זעהט אוים, אַ שטאַרקען איינדרוק געמאַכט.

— האָב דיר אַ שוואַרץ יאָהר, שרייט איינע, טייט נישט מיט די פינגער, ער זעהט דאָך!

— האַלט ס׳מויל!

די ווייבער ווייסען שוין, אַז איך בין געקומען פערשרייבען; איינע גיט איבער דער צווייטער דעם סוד אַזוי שטיל, אַז איך הער אין שטוב.

מען זאָגט: „דאָס איז ער טאַקי״, „פּאָרט גוט, אַז די אָרימע שאָף האָבען פאַסטוכער, וואָס האָבען זיי אין זינען״; פונדעסטוועגען, „אַז יענער פאַסטוך וועט נישט העלפען, איז — בלאָטע!״. איינע קאָן דערוויל נישט פערשטעהן, „יענער

פאסטוך זאָל דאַרפען אַזוינע שלוחים״... דאָס איז אַ וואונק אויף מיין געשוירען בערדיל און קורצע קליידער. איין אַנדערע איז ליבעראַלער און פעררופט זיך אויף אַ רופא: „הלמאי אַ רופא, זאָגט זי, איז אויך כל־בו און פונדעסטוועגען...״

— דאָס איז עפּעס אַנדערש, אַ יחיד, אָבער אַזוי, וועניג גוטע יודען?...

זאָלען זיי בעסער, מיינט איין אַנדערע, אַריינשיקען אַ פּאָר הונדערט רובל; איך בין זיי מוחל דאָס שרייבען, זאָל מיין זוהן ג י ש ט זיין קיין יעדנעראַל!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

זיצענדיג ביים טיש, בין איך געוועזען אַ רואה ואינו נראה: פון גאַס האָט מען מיך נישט געזעהען, נור איך האָב געזעהען אַ האַלבען מאַרק. דערווייל האָט מיין „בעל־הבית״ אָבגעדאַוונט, אָבגעלעגט טלית און תפילין, גענומען אַ ביסעל בראָנפען און געטרונקען צו מיר לחיים.

— לחיים טובים ולשלום! ענטפער איך.

— גאָט זאָל געבען בעסערע צייטען, עס זאָל זיין פּרנסה.

ווי מקנא בין איך מיין בעל־הבית, איהם פעהלט נישט מעהר נור פּרנסה. ער גיט נאָך צו מיט גדלות:

— און עס וועט מ ו ז ע ן זיין פּרנסה, עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, גוטע יודען וועלען אויך נישט שווייגען...

איך האָב איהם איבער, און פרעג, פאַרוואָס אין זיינע אייגענע געשעפטען, האָטש ער האָט בטחון, האָטש ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז „מאן דיהיב חיי יהיב מזונא״ (דער וואָס גיט לעבען, דער גיט עסען), פונדעסטוועגען טהוט ער זיינס, און האַנדעלט, און שלאָפט ניט גאַנצע נעכט, און קלערט אַלץ: מאָרגען, שפּעטער, אויפ׳ן יאָהר... קוים האָט אַ יוד חתונה, קלערט ער שוין אויף חתונה קליידער פאַר אייניקליך. און אַז עס קומט צום כ ל ל ישראל, איז דער בטחון שוין אַזוי גרויס, אַז עס

איז שוין איבריג צו טהון די האַנד אין קאַלט וואַסער אַריין.

— עס איז, מאַכט ער, גאָר פשוט: כל־ישראל איז שוין דעם רבונו של עולם'ס זאַך, און ער האָט זיינס אין זין... און, כביכול, עס זאָל זיין שבחה פאַר זיין כסא הכבוד, איז דאָ אַזוינע, וואָס דערמאַנען... און, ווייטער דאָס אייגענע... ווי לאַנג קאָן עס געדויערן? עס מוז דאָך איין עק נעמען: אָדער כלו חייב, אָדער כלו זכאי... דאָס איז נישט פרנסה!

## ג.

# נור גֵעה!

איך האָב אייך פערגעסען צו דערצעהלען, אַז דער רב פון שטעדטיל האָט נישט געוואָלט, נישט קומען צו מיר, נישט מיך אויפנעהמען ביי זיך. ער האָט מיר געשיקט זאָגען, אַז עס איז נישט זיין זאַך גאָר, אַז ער איז אַ שוואַכער, לא־עליכם. אויסערדעם זיצט ער שוין אַ כאָ־ וואָכען איבער אַ האַרבע שאלה פון בשר בחלב; און דער עקר איז, אַז ער איז ברוגז אויף קהל, ווייל מען וויל איהם נישט מוסיף זיין צוויי גילדען אַ וואָך פרנסה.

געקומען איז, על־כן, אַ דריי בעלי־בתים מיט צוויי שמשים. איך הויב אָן ביי מיין בעל־הבית.

ער האָט נישט קיין ווייב, און פערענטפערט זיך באַלד:

— ווי לאַנג, מיינט איהר, איז זי, אונז צו לענגערע יאָהר, נפטר געוואָרען?

הכלל — איין אלמן; דריי אויסגעגעבענע זיהן, איין אויס־געגעבענע טאָכטער, צוויי יונגלעך און אַ מיידעל אין דער היים. דערביי, בעט ער זיך, איך זאָל פערשרייבען, אַז אַלע זיהן — אויסער דעם יונגסטען, וואָס איז ערשט אַלט 4 יאָהר און ביז ער וועט „שטעהן“, וועט נאָך משיח קומען! —, אַז די רעשט זיהן האָט יעדער זיין פעהלער!

אויסער די עלטערע, צוויי אויסגעגעבענע, זיהן, האָב איך שוין געקענט די גאַנצע משפחה. די אויסגעגעבענע טאָכ־טער האָט אין דעם איינענעם הויז אַ געוועלבעל מיט טיטון, טאַבאַק, טיי און צוקער, ווי אויך שפייז; דאַכט זיך, נאָך סמאַר און נאַפט. איך האָב באַלד אין דערפריה ביי איהר

געקויפט צוקער. זי איז אַלט אַ יאָהר 25, אַ אַ פּנים, אַ לאַנגע, אונטערגעבויגענע נאָז, וואָס צעהלט איהר, דאַכט זיך, די פוילע שוואַרצע צייהן אינ׳ם האַלב=אָפענעם מויל, אַ פּאָר בלאָנע=בלוי=שוואַרצע געפּלאַצטע ליפּען — דער פאָטער אויס׳ן אויג. די שוועסטער איהרע, אַ מיידעל, איז גאַנץ עהנליך צו איהר; זי האָט אָבער „כלה=חן”. דאָס פּנים איז פריש, רויטליכער, די צייהן — ווייסער, און אין גאַנצען נישט אַזוי צי=ווירען, נישט אַזוי אָבגעלאָזט. אויך זעה איך ביידע יינגלעך, שענע יינגלעך; זיי האָבען געמוזט אין דער מאַמען אַריין געראָטען: רויטע בעקעלעך, חנ׳וודיגע, פערשעמטע אייגעלעך... פול פערערן אין די געדרעהטע שוואַרצע לעקלעך... נור מאוסע תנועות: זיי הויבען אַלע מאָל די פּלייצעלעך, פערקרימען זיך. זיי טראָגען שינעמענע קאַפּאָטקעלעך. ברודיג, נור גאַנץ.

די מוטער אַפּנים איז נישט לאַנג געשטאָרבען, גענוג צייט געווען צו פערברודיגען; וועניג — צו צורייסען... היינט — ווער האָט צייט צו זיי? די עלטערע שוועסטער האָט פיער קינדער, אַ מאַן אַ למדן און אַ געוועלבעל... דאָס „כלה=מיידעל” פיהרט די שענק; דער פאָטער האָט קיין צייט נישט.

— וואָס איז איי ער געשעפט? פרעג איך איהם.

— פּראָצענט...

— ליכוועˀ

— ליכווע?... עט...

— גלייך אַזוי? מען האָט וועניג מיט אונז צו טהון...

— ווייסט איהר וואָס, — מאַכט ער, — נאַט אייך אַוועק אַלע מיינע שמאַטעס — וועקסלען, אַקטען, — אַלץ פאַר 25 פּראָצענט. נור צאָהלט מיר אויס באַר! איך לעג אַוועק נישט נור די ליכווע, אפילו די שענק! איך וואָלט באַדיי אַוועקגעפאָהרען קיין ארץ=ישראל... אַבי געלד! אפשר ווילט איהר, נאַט אייך אַ חרם=קוויטעל! איהר מיינט, אַז מיר האַלטען זיך אין דער ליכווע... זי האַלט אונז. מען צאָהלט נישט.

וואַקסט, רער חוב. וואָס מעהר דער חוב וואַקסט; וועניגער ווערט איז ער, מעהר קבצן ווער איך... אויף נאמנות!

פאַר'ן אַרויסגעהן ווייטער פערשריבען, האָב איך נאָך בייגעוואוינט אַ קליינע סצענע. בשעת ווען איך האָב צונויפגע־קליבען מיינע כלים, פאַפּיער, בליישטיפט, פאַפּיראָסען, האָט ר' ברוך דערווייל אָנגעשמירט פאַר די קינדער, אין חדר אַריין מיטצונעהמען, צוויי שטיקלעך ברויט מיט פּוטער, מיט אַ צולאָג אַ שציפּיאָרעק.

— נור געהט'ס! מאַכט ער; ער וויל זיי נישט האָבען אין שענק. דער קלענערער יתום איז אָבער נישט צופרידען. ער הויבט אויף די פּלייצעלעך און פערקרימט זיך צום וויינען. ער שעמט זיך אַ ביסעל פאַר מיר, וואַרט, איך זאָל אַרויס־געהן; ער קאָן זיך אָבער נישט דערוואַרטען, און לאָזט אַרויס אַ געוויין:

— נאָך שציפּיאָרעק, — וויל ער.

— די מאַמע פלעגט מיר געבען צוויי!

די שוועסטער איז צוגעלאָפען צו דער שאַנק, זי האָט אַרויסגעהאַפּט און געגעבען איהם נאָך שציפּיאָרעק.

— געה, — מאַכט זי אויך, — נור אַ סך ווייבער. אין די ווערטער האָט דער מוטערס קול געקלונגען. —

## ד.

# וָואס דַארְף אַ ייִדינֶע?

מיר געהען פון הויז צו הויז, פון נומער איינס אָן. איך וויים אַליין, וואו יודען און וואו נישט־יודען וואוינען, איך קוק נור אין פענסטער אַרײַן. פערגעלטע פענסטער איז אַ סימן פון „אתה בחרתנו“, בפרט נאָך אויסגעהאַקטע שויבען, פערטרע־טענע מיט קישעלעך און זעק... פאַר דאָס — בלומענטעפּ און פאָרהאַנגען זענען סמנים מובהקים, אַז דאָ וואוינט שוין אַזוינער, וואָס האָט נישט אַזאַ פּראָווע אויפ׳ן דלות ווי יענע...

עס טרעפען זיך אויסנאַהמען... אָט וואוינט נישט אַ יוד, נור אַ שטאַרקער שכור... און פערקעהרט, — בלומען און פאָרהענגלעך, נור דאָ לייענט מען שוין די „הצפירה“.

דעם ערגסטען איינדרוק מאַכט אויף מיר אַ גרויס, אַ היל־צערן משונה הויז. עס איז גרעסער, נור שוואַרצער און ברודיגער פאַר אַלע הייזער. די פאַציאַט האָט זיך שטאַרק אַריבערגעבוי־גען, און קוקט אַרונטער אויף זיינס־גלייכען — אויך איין אַל־טע, שוואַרצע חורבה, — אויף איין אַלטע, אויסגעדאַרטע, איינגעבויגענע, ציטערדיגע יידינע וואָס דינגט זיך מיט איהר קונה — אַ צושויבערטע געלע דינסט־מויד — איבער אַ צולאָג צו אַ פונט זאַלץ.

דער שמש ווייזט מיר אויף דער אַלטער: דאָס איז „די בעל־הבית׳טע פון הויז“. איך האָב מיך פערוואונדערט; די יו־דינע איז צו אָרים פאַר אַזאַ הויז.

— דאָס הויז, ערקלערט דער שמש, איז אייגענטליך נישט איהר. זי האָט נור אַ זעקסטעל „דאָזיוואָציע“, איין אלמנה

איז זי . . . נור די יורשים, איהרע קינדער, וואוינען נישט היע, — הייסט זי בעל-הבית.

— וויפיעל מאַכט דאָס הויז?

— גאָר נישט.

— ווערט איז עס?

— אַ פונפצעהן הונדערט רובל.

— און מאַכט גאָר נישט?

— עס שטעהט ליידיג.

עס קומען מיר אויף די געדאַנקען „יענע בחורים".. מן הסתם וואַרפט מען דאָ ציגעל אָדער קאַרטאָפעל.

— ניין זאָגט. דער שמש און שמייכעלט. פערהאַן אַזוי-נע אַנדערע צווי הייזער, וואָס מען וועט מוזען צולענען; דאָ איז עפּיס אַנדערש: אין דעם הויז, פערשטעהט איהר, האָט געוואוינט אַמאָל אַ דאָקטאָר; איז ער געשטאָרבען, און שוין, שטעהט ליידיג ס'הויז!

— וואָס איז, אויף אַ זאַראַזשליווע קראַנקהייט?

— חס ושלום!

— וואָס דען?

— עס האָט פשוט נישט ווער צו וואוינען; ווער זאָל וואוינען?

— ווי הייסט, ווער?

— טאַקי ווער? ביי אונז האָט יעדערער כמעט זיין נחלה. ווער עס דינגט שוין אַ דירה, וויל נישט קיין בעזונ-דערע שטוב צו פערהייצען. ביי אונז איז אַ מאָדע, אַ קאַמאָר-ניק (לאָקאַטאָר) צאָהלט עטליכע רובל אַ יאָהר פאַר איין עק שטוב מיט בעהייצונג. ווער דאַרף אַזוינע גרויסע שטיבער?

— נאָך וואָס האָט מען געשטעלט אַזאַ הויז?

— באַ, — אַמאָל! היינט דאַרף מען נישט . . .

— נעביך!

— וואָס פאַר אַ געביך? זי האָט אַ שטעל מיט זאַלץ, פערדיענט עטליכע רובל אַ וואָך, פון דעם צאָהלט זי אָב 28 רובל אַ יאָהר פאַדאַטעק פון הויז. פון דער רעשט לעבט זי... וואָס דאַרף אַ יידינע? וואָס פעהלט איהר? תכריכים האָט זי שוין . . .

איך האָב נאָך אַמאָל אַ קוק געטהון אויף דער אַלטיטשקער, און עס האָט זיך מיר שוין געדאַכט, אַז עס פעהלט איהר באמת גאָרנישט. איהר געראָנצעלטע הויט האָט מיר אפילו צוגעשמייכעלט: וואָס דאַרף אַ יידינע?

# ה.

## נומער 42.

איך בין געגאַנגען פון הויז צו הויז לויט נומער, מיט אַ צעטעל אין דער האַנד. פון נומער 41 האָט מיך דאָך דער שמש געפיהרט צו 43.

— און 42? פרעג איך.

— אָט! ווייזט ער מיר אויף אַ שטיק הורבה אין אַ שמאָל געסעל צווישען איין־און דריי־און פערציג.

— איינגעפאַלען?

— איינגעלענט, ענטפערט דער שמש.

— פאַרוואָס?

— איבער אַ פייער־מויער.

איך האָב נישט פערשטאַנען, וואָס ער מיינט.

מיר זענען ביידע מיעד געוועזען געהענדיג, און מיר האָבען זיך געזעצט אויף אַ באַנק אין פּאָדשעניע. דער שמש פערצעהלט:

— פערשטעהט איהר, על פי דיניהם, אויב איין געבויט הויז איז נישט גענוג ווייט אָבגעטרעטען פון צווייטען, מוז מען אָבטיילען די דעכער מיט פייער־מויערן. ווי ווייט דער מהלך דאַרף זיין, ווייס איך נישט; משפטים בל ידעום, דאַכט זיך, מעהר ווי ד' אמות. אַ פייער־מויער איז ביי זיי אַ סגולה פאַר אַ שרפה... נו, דאָס הייזעל האָט אָבער געשטעלט אַ קבצן גדול, ירוחם איוואַנחאָווקער, אַ מלמד, האָט ער נישט געקאָנט מאַכען קיין פייער־מויער.

— זיין גאַנץ בויען, פראַוודע, איז געוועזען אָהן אַ יסוד. דערנאָך, וועט איהר הערען, איז דערפון געוואָרען אַ דין־

תורה. ביי דעם דין־תורה, האָט, עליה־השלום, זיין ווייב מלכה דערצעהלט דברים כהויתן. ווי דער סדר עולם איז, אָנ־געהויבען משׁשת ימי בראשית, און אַזוי אָט אַזוי איז געוועזען די מעשה:

מלכה האָט מיט איהר מענדלען נישט גערעדט אַ יאָהר פונפצעהן. זי איז בטבע אַ פערביסענע יידינע געוועזען. נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין: אַ הויכע, אַ דאַרע, אַ שוואַרצע מיט אַ שפּיציגע נאָז ווי אַ האַקען. זעלטען, אַז עס איז איהר אַרויס אַ וואָרט פון מויל, האָטש פון פרנסה — אַ פּשעקופּקאַ! און מען האָט נישט געדאַרפט! פון איהרם אַ קוק איז אויך שוין קיהל געוואָרען אין האַרץ. אַלע פּשעקופּקעס האָבען געציטערט פאַר איהם אימת מות; זי האָט שוין אַזאַ אויג געהאַט. פער־שטעהט זיך, אַז ירוחם האָט זיך מחיה געוועזען מיט איהר שווייגען; ער פלעגט צו איהר אויך קיין וואָרט נישט רעדען. אַזוי שטילערהייד, זענען זיי דאָך געבענשט געוואָרען מיט צוויי בנים זכרים און דריי מיידלעך.

דאָך דער יצר־הרע — אַ בעל־הבית צו ווערען, האָט זיי ביידע רעדעוודיג געמאַכט. דער שמועס איז אַזוי געגאַנגען:

— מלכה! זי ענטפערט נישט.

— מלכה? זי שווייגט. ער מלכה'עט, און זי ריהרט זיך נישט פון אָרט.

ירוחם שטעלט זיך אָבער אויף און גיט אַ געשריי:

— מלכה! איך וויל שטעלען אַ הויז!

מלכה האָט שוין נישט אויסגעהאַלטען, און אויפגעהויבען איין אויג און געעפענט דאָס מויל. „איך האָב געמיינט — פער־צעהלט זי — ער איז משוגע געוואָרען!"

און אַ שגעון איז עס באמת געוועזען. ער האָט געהאַט בירושה פון איין עלטערזיידען דאָס שטיקל פלאַץ, דאָס שמאָ־לע, וואָס איהר האָט געזעהען, און — קיין פחות משוה פרוטה געלד. דעם ווייב'ס פאָר טשוועקעס, וועלכע מען האָט דערנאָכטען פערקויפט פאַר דריי־מאָל ח"י זהובים, פלעגען זיין

פערזעצט אַ גאַנץ יאָהר; אויסער שבת וויום טוב, ווען ירוחם האָט זי אַרויסגענומען אויף אַ חרם-קוויטעל.

אַז דער יצר-הרע נעמט זיך אָבער צו הילף דעם כח הדמיון, איז „מי יעמוד״! „קוים שטעלט ער אויף אַ הויז, איז ער פערזאָרגט מיט אַלעם גוטען. אַ בטוח וועט ער זיין, וועט ער זיך באַרגען אויף אַ ציעג און האָבען די מחיה אין דער היים. איין שטוב וועט ער פערדינגען אויף אַ שענק. און, אַז גאָט, ב״ה, וועט העלפען, וועט זי אַליין זיין שענקערין. און דער עיקר — די קינדער פערזאָרגט! די ייִנגלעך וועט ער סיי ווי סיי שיקען אין אַ ישיבה אַריין, די מיידלעך וועט ער געבען אַ שטר חצי זכר אויף דער נחלה, און — אַיין עק!

אַ מיט וואָס מען וועט בויען? אויף דעם האָט ער געהאַט אַ גרייטען חשבון:

— איך בין — זאָגט ער — מלמד, און דו — פשעקופּ-קע, האָב׳מיר דאָך צוויי פּרנסות; פון איין פרנסה וועל׳מיר לעבען און פון דער צווייט׳ער — בויען.

— וואָס רעדסט דו, משוגע — ענטפערט מלכּה — מיטביידע פּרנסות קומען מיר נישט אוים...

— אַזוי ווי מען נעמט זיך פאַר — זאָגט ער — אַזוי העלפט גאָט, ב״ה. אַ והא ראיה — מאַכט ער — אַט זעה! נח מלמד, אונזער שכן, האָט אַ קראַנק ווייב, וואָס פערדיענט נישט אַ דרייער, און זעקס קינדערלעך — זאָלען געזונד און שטאַרק זיין — און לעבט דאָך פון מלמדות אַליין.

— וואָס רעדסט דו, ער איז אַ גרויסער מלמד, סאַמע גבירישע קינדער.

— פאַרוואָס, מיינסט דו, איז אַזוי? וואָס איז? ער קען בעסער לערנען פאַר מיר? אַוודאי און אודאי נישט, נור אַז גאָט ב״ה זעהט, אַז ער האָט נישט מעהר ווי איין פּרנסה גיט ער איהם אין איהר די שפע. און, אַ והא ראיה? זעה ווייטער! די שוואַרצע ברכה! אַיין אַלמנה, אויך מיט פינף קינדער, און איז נור אַ פשעקופקע אַליין...

— וואָס רעדסטו דו. פערריקט ביזט דו? יענע, הלואי אויף מיר געזאָגט, האָט אַ הון רב שטעקען אין עסק. אודאי אַ רובל דרייסיג...

— נישט דאָס אָבער איז דער עיקר, — גיט ער איהר צו פערשטעהן, — דער עיקר איז, אַז איהר קען אַריינקומען די ברכה נור אין די עפּעל! דער „רבונו של עולם" פיהרט די וועלט על פּי דרך הטבע!

אויף רעדט ער איהר איין, אַז מע'קען אָבשפּאָרען פון אַ סך זאַכען... מע'קען זיך בעגעהן...

און עס איז אַזוי געבליבען. ירוחם האָט זיך אָבגעזאָגט פון טאַבאַק-שמעקען, דאָס גאַנצע הויז-געזינד — פון זויער-מילך בפרט און פון וויעטשערע בכלל, און מען האָט געבויט!

געבויט האָט מען יאָהרענלאַנג, נור אַז עס איז געקוי-מען צו דער פייער-מויער, איז מלכה געשטאַנען אָהן סחורה, ירוחם האָט שוין קיין כח נישט געהאַט צו לעבען, דער עלטסטער זוהן האָט זיך געלאָזט אויף דער מדינה, דאָס יונגסטע איז געשטאָרבען, און דאָ פעהלט נאָך אַ מטמון — אַ רובל 40 אויף אַ פייער-מויער.

נו, וואָס זאָל מען טהון? מען האָט געמאַכט דעם כותב אין גמינע אין דער יד אַריין, און — אַריינגעצויגען זיך אָהן אַ פייער-מויער!

---

ער האָט זיך מיט נחת אַריינגעצויגען. אַ נושאים-מאַן איז ער, האָט איהם די חברה געמאַכט אַ חנוכת הבית. מען האָט אויסגעטרונקען, אָהן גוזמא, אודאי אַ פאַס ביער, אַ חוץ בראָנפען און ראָזינקע-וויין. עס איז געוועזען אַ שמחה, אַ גדולה.

נור די שמחה האָט נישט לאַנג געדויערט. עפּיס אַ בעל-הבית האָט זיך צוקריגט מיט ירוחם'ס אַ שכן, מיט נח מלמד.

דער נח מלמד איז אַמאָל אַ גרויסער בעל־הבית געווען, אַ גביר עצום! אַ חוץ דער נחלה, ביי וועלכער ער איז געבליבען, האָט ער פערמאָגט שענע עטליכע מאות; דערצו האָט ער געפיהרט אַ מסחר מיט האָניג. שפּעטער, אַז עס איז ביי אונז געווען דאָס מחלוקת איבער'ן ליטווישען רב, האָט מען איהם דעם זוהן גע'מסר'ט (ער דיענט עד היום מיט אַ לונגען־פעהלער אין פאָלק), און ער אַליין איז אַריינגעפאַלען אין אַ פראָצעס פאַר אונטערלעגען דעם רב. אַ רציחה איז טאַקי דעמאָלט געווען. מיט „אויסזאָגען" איז מען שוין געוואוינט, אָבער אונטערשפּאַרען אַ הויז פון אַלע זייטען, און אונטערצינדען איז טאַקי רציחה'שדיג... צי ער האָט געשטעקט דערינען צי ניין, נור דאָס פּראָצעס און דער זוהן האָבען איהם בדיל הדל געמאַכט, און ער איז מלמד געוואָרען. אַלס פּריש־געבאַקענער מלמד האָט ער וועניג דרך־ארץ געהאַט פאַר בעלי־בתים, האָט זיך איינער בעלײדיגט, אַרויסגענומען זיין בן און אַריינגעגעבען צו ירוחם'ן אין חדר.

נח'ן האָט די מעשה פערדראָסען, אַ „חברה־מאַן" איז ער פון לאַנג, אין פאָוויאַט פלעגט ער אָבליעגען טעג און נעכט, אַ מויל מיט אַ פען האָט ער. נו — איז די מעשה מיט דער פייער־מויער אַרויסגעשוואומען, און עס איז אַראָבגעקומען דער סטאַרשי־סטראַזשניק.

נור דערוויל האָט נח חרטה געהאַט! ער אַליין האָט זיך געמיהט! מען האָט אָנגעהאָנגען אָן דער דיעלע אַ מטבע. איז זי צוריק פערזונקען געוואָרען.

עס וואָלט שוין ווייטער גוט געווען, מאַכט זיך אָבער אַ מעשה מיט תכלת. אַז ירוחם איז אַ ראָדזינער און טהוט אָן בלאָהע ציצית, איז נח אַ פערברענטער בעלזער און שרייט געוואַלט! אַ וואָרט צו אַ וואָרט, די פייער־מויער איז ווייטער אַרויס, עס איז שוין אַ דיעלע אין סאָנד.

מען האָט געלאָזט אַ „וויראָק זאָאָטשני", דער סאָנד האָט גע'פּסק'ט, אַז ירוחם זאָל במשך אַ חדש מאַכען אַ פייער־מויער.

און אויב נישט — זאָל טען איהם צולעגען דאָס הייזעל.

קיין דרייער איז נישט געוועזן, צונד האָט שוין נח קיין חרטה נישט געהאַט — (דאָס מחלוקת האָט ערשט רעכט געבּרענט) — און האָט נישט געוואָלט ענטפערן אַ גוט וואָרט. ירוחם האָט איהם גערופען צום רב; נח האָט אויסגעפּאַטשט דעם שמש.

אַז מלכה האָט געזעהען, אַז עס איז כלה כל הקיצין, האָט זי אָנגעחאַפּט נח׳ן אין מיטען גאַס ביים פּאָדקאָלנער, און געשלעפּט ווי אַ הורג אַריין צום רב. עס איז אפילו געוועזן אַ פולער מאַרק מיט בעלזער, נור ווער וועט צוגעהן צו אַ יידינע?... „גברא דנשי קטלוהו לית דין ולית דין" *). נח׳ס וויב איז נאָכגעגאַנגען און געשאָלטען מיט טויטע קללות, צוגעהן האָט זי מורא!... ביים רב האָט מלכה פערצעהלט די מעשה מהחל ועד כלה: זי פערלאַנגט, אַז נח זאָל מאַכען, אָדער עס זאָל זיין אַ פייער-מויער, אָדער די דיעלע זאָל ווייטער אַיינגעזונקען ווערען!...

אונזער רב׳יל האָט געוואוסט, אַז ווען ער וועט דאָ צו׳פּסקענען, וועט דער צווייטער צד חסידים נעמען זיך צו איהם, האָט ער זיך אויסגעדרעהט ווי אַ יוד אַ למדן. ער קען נישט פּסקענען... גרמא בנזוקין... בע... מע... קיין פשרה קען נישט זיין און האָט אָבגעשיקט די צדדים צו די רביים.

נו, „התובע הולך אַחרי הנתבע", נח איז בעשטאַנען, ירוחם — פאַר אין ברירה; און אַזוי האָבען זיך ביידע אַראָבגעחאַפּט קיין בעלז.

---

*) אַ מאַנספּערזאָן, וואָס ווייבער האָבען גע׳הרג׳עט, האָט קיין געריכט און קיין ריכטער.

איידער ירוחם איז אַוועקגעפאָהרען, האָט ער איבערגעלאָזט זיינם אַ שוואָגער אַ דאָוויערענאָסט, מיט עטליכע רובל, וואָס ער האָט צוזאַמענגעבאָרגט (און געבאָרגט האָט מען איהם פאַר רחמנות), ער זאָל מאַכען דערוויל איין אָפּאָזיציע.

עס איז אָבער אַלץ געגאַנגען שלימשלימזל. דער שוואָגער האָט די פאָר רובל אויפגעגעסען, צי, ווי ער זאָגט, פערלוירען ... מלכה איז פאַר גרויס צרות קראַנק געוואָרען ... ביים רבין האָט אפילו ירוחם געוואונען אַ „פייער־מויער" מיט „הוצאות", נור צוריקצוועגס האָט מען ביידע, נח'ן מיט ירוחם'ן, געחאַפּט אויף דער גרעניץ, און אַ היימגעפיהרט מיט'ן עטאַפּ.

אַז מען האָט ירוחם'ן געברענגט, איז שוין מלכה געווען אויפ'ן עולם אמת, און דאָס הייזעל — צוואָרפען ...

ו.

# דער משכיל.

און מיינט נישט, אז אין טישעוויץ עקט זיך די וועלט! עס איז דאָ אַ משכיל אויך. און איין אמת׳ער משכיל, אַ פאַרצייטישער. אַ מענש אין די מיטעלע יאָהרען, נישט שטודיערט, נישט געלעזען, אָהן ביכער, אָהן צייטונגען אפילו, מיט איין וואָרט אַ משכיל פון דער לופט.

ער גאָלט זיך נישט די באָרד; אין טישעוויץ איז מען יוצא מיט אונטערשערען, נור מען זאָגט, אַז „ער איז מסלסל בשערו אפילו עשרת ימי תשובה״! דייטש געהט ער אויך נישט, דער פעלדשער אין טישעוויץ געהט אויך נישט דייטש, איז אויך אַ יוד אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע מיט פאות!

אונזער משכיל איז יוצא מיט שטיוועל־פוצען, און אַ שוואַרץ סטענגעלע אויפ׳ן האַלז. ער האָט שירים פון פאות, פאַר דאָס טראָגט ער אַ קאַנטיג קאַשקעטעל. „פּראָסטע״ (זאָגט מען) וויסמן ישורן ויבעט; „עס געהט איהם זעהר שוואויל, אַ שאַרף געוועלב; אין גאַנצען, אימשטיינס געזאָגט, דריי קינדערליך, וואָס פעהלט איהם? איז ער אַ משכיל!״

מיט וואָס ער איז אַ משכיל, איז שווער געוועזען געוואָהר צו ווערען. עס איז גענוג, אַז מען ווייסט, אַז ער איז אַ משכיל; די גאַנצע שטאָדט זאָגט, אַז ער איז אַ משכיל, ער אַליין איז אויך מודה. דער עיקר זענען זיינע „ווערטליך״, ער רעדט „על השם ועל משיחו״.

לויט איך בין דערנאָך געוואָהר געוואָרען, האָט דער משכיל מיך אויך פאַר אַ משכיל גערעכענט, און זיכער גע־

ווענען, אז איך וועל ביי איהם איינשטעהן, על כל פנים ביי איהם „שרייבען" צום ערשטען.

— צו אזא זאך, האט ער געזאגט, דארף מען האבען מענשען מיט קעפ. מיט אייך, פערד, וועט ער עפּיס מאכען?

און אז דער בארג איז נישט געקומען צו מחמד'ן, ווייל ער האט פשוט נישט געוואוסט פון איהם, איז מחמד געגאנגען צום בארג.

געטראפען האט ער מיך ביי איין אלמנה אין שטוב. אריינגעפאלען איז ער מיט'ן רשע'ס שאלה פון דער הגדה — מיט'ן: מה העבודה הזאת לכם?

— מאי פאניע — וואס מאכט איהר עפּיס דא?

— וואו דא? פרעג איך.

— איהר מיינט, אפנים, גאר, אז איך בין פון אונטערן אויוען! אז מען וואוינט אין טישעוויץ, איז מען שוין קיין מענש נישט, ווייסט מען שוין נישט, וואס אויף דער וועלט טהוט זיך? איהר ווייסט: „עם לבן גרתי", איך וואוין טאקי דא, נור א נאז האב איך!

— און אז איהר האט א נאז און ווייסט, וואס אויף דער וועלט טהוט זיך, נאך וואס פרעגט איהר?

דער שמש האט אויפגעשפּיצט די אויערן. דאס אייגענע האבען געטהון די עטליכע ליידיג־געהערס, וואס זענען מיר נאכגעגאנגען טריט־ביי־טריט. אויף זייער פנים איז אויסגעגאסען א ווילדע הנאה, אויפ'ן שטערן — דער פסוק: „יקומו נא הנערים... לאמיר זעהען, ווי צוויי משכילים באדיען זיך!"

— וואס טויג מיר דארט, מאכט דער משכיל גערייצט, חוזק־שמויזעק! מיין צונג איז אויך נישט קיין פאדעשווע! און פאר וועמען האב איך מיך דא צו צופיהרען, פאר טישעוויצער חמורים? זעהט נור די בידליאקעס!

איך בין אין א פערלעגענהייט. אננעמען פאר טישע־

ווײַל די טישעוויצער בעלי־בתים, ווײַס קען איך מיך נישט, אין פּענסטער און אין טהיר, האָבען גאַנץ אַנגענעהם גע־שמייכעלט.

— נור, זאָגט מיר, וואָס איז דאָס אַזוינס? דאָס פערשרייבען!

— סטאַטיסטיק!

— סטאַטיסטיק־שמיסטיק! מיר האָבען שוין געהערט אַזוינס! נור נאָך וואָס טויג עס?

איך האָב געזאָגט, נישט איהם, אייגענטליך, נור טישעוויצער קהל; זאָלען זיי האָבען אַ בעגריף פון דער סטאַטיסטיק.

— האַ! האַ! האַ! צולאַכט זיך געדיכט און גראָב דער משכיל, דאָס וועט איהר איינרעדען טישעוויצער חמורים, נישט מיר! פאַרוואָס פערשרייבט איהר, ווי מען וואוינט: מיט אַ פאָדלאָגע, אָהן אַ מאָדלאָגע? וואָס געהט אייך אָן, אַז איינער וואוינט אָהן אַ פאָדלאָגע? האַ?

עס געהט אין דעם, פערצעהל איך איהם, אַז מען וויל אויסווייזען, ווי אָרים יודען זענען; מען מיינט...

— מען מיינט גאָרנישט, האַקט ער מיך איבער, נור — זאָל זיין אַזוי! וואָס דאַרף מען אָבער וויסען אַקו־ראַט, וויפיעל ייִנגלעך און וויפיעל מיידלעך? און — ווי אַלט יעדעס איז? און אַלע קרענק, וואָס איהר פערשרייבט!

— מען איז אונז חשד, אַז מיר דיענען נישט אין מיליטער; די ביכער, ווייסט איהר אודאי, זענען נישט ריכטיג, ווילען מיר אויסווייזען...

— נו, אויך רעכט, למשל... איך בין אייך דערווייל מודה... אָבער — פאַטענטען? נאָך וואָס פער־שרייבט איהר, ווער עס האָט? און פאַר וויפיעל?

— אויסצווייזען, אַז יודען —

דער משכיל לאָזט מיך אָבער נישט ענדיגען.

— איהר דערצעהלט מיר נישט קיין באָבע־מעשיות!

דערווייל וועט מען געוואָהר ווערען, אַז איינער און דער צוויי־טער האָט אַ קלענערן פּאַטענט, וועט מען איהם שטעלען אַ חופה!

קוים ער האָט עס אַרויסגעזאָגט, איז ראַפּטים דער עולם פון פענסטער נעלם געוואָרען. דער שמש פון טיר האָט זיך אָבגעטראָגען, און דער משכיל, וואָס האָט גאָרנישט אַזוי שלעכט געמיינט, איז געבליבען ווי פערשטיינערט.

דער עולם האָט מורא געקריגען. אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט שוין גאַנץ טישיוויץ מיט מיר געקלונגען. מען האָט מיך שוין חשד געווען, אַז איך בין אַ געשיקטער פון דער אַקציז, אַ קשיא אויף אַ מעשה, די אַקציז ווייסט, אַז אַ יוד וועט בעסער געוואָהר ווערען אַלע סודות!

איך האָב מיך אַרומגעדרעהט אין מאַרק שוין איינער אַליין, דאָס שטעדטעל האַלט זיך פון מיר פון וויטען. איין משכיל איז מיר נאָך געגאַנגען טריט־ביי־טריט. ער האָט געוואָלט מיט מיר רעדען. נור ער איז מיר שרעקליך נמאס געוואָרען, איך האָב אויף זיין פּרצוף נישט געקאָנט קוקען.

און די פּנים'ער אין גאַס ווערען ערנסטער און פינ־סטערער, איך הויב שוין אָן קלערען וועגען פּלטה־מאַכען. מען קוקט אויף מיר צו פיעל פון דער זייט, מען סודעט זיך צו פיעל!

עס איז מיר איינגעפאַלען צו מאַכען נאָך די לעצטע פּרוב. איך האָב מיך דערמאַנט, אַז דער היינטיגער טישי־וויצער רב איז אַמאָל ביי אונז דין געווען, ער וועט מיך דערקענען, על כל פּנים עדות זאָגען, אַז איך בין נישט דאָס, וואָס מען מיינט!

— וואו וואוינט דער רב? פרעג איך דעם משכיל.

ער דערפרעהט זיך און ענטפערט:

— קומט, איך וועל אייך פיהרען!

## ז.

# דער טישיוויצער רב.

ווער עס האָט נישט דעם טישיוויצער רב'ס שלאָפראָק געזעהען, וועט קיינמאָל נישט וויסען די סבה, פאַרוואָס די רביצין, זיין דריט ווייב, אַ יודינע קוים אין די מיטעלע יאָהרען, טראָגט שוין אַ פּאָר גרויסע ברילען אויף דער נאָז. דער שלאָפראָק זעהט אויס ווי פון איינציגע פּעדעם געלאַטעט.

— נאָך 2 גילדען אַ וואָך, בעקלאָגט זיך דער רב, ווען די שטאָדט גיט מיר, וואָלט איך געקענט שוין דורכקומען; אַזוי איז גאָר ביטער! נור איך וועל מיינס אויספיהרען... אָהן אַ דין־תורה קענען זיי זיך נאָך בעגעהן, אויף דעם האָבען זיי גוטע יודען און... סאַנדעס; „טעפעל — לעפעל” פּסקענט אַ ליאַדע מלמד, שאלות־נשים; עס איז דאָך נאַריש, דאָס קען מען נישט מחמיץ זיין! אָבער אויספיהרען וועל איך. איך וואַרט נור אויף דער קלפּי! אָהן אַ רב וועלען זיי קיין קלפּי נישט מאַכען! לאָמיך זעהן אַ שטאָדט, קיין עיני־הרע, אַיין עיר ואם בישראל, אָהן גבאים! און, וועט דאָס אויך נישט העלפען, וועל איך נישט פּרובען די חלפים... איך האָב זיי גוט אין דער האַנד!

עס איז שווער געוועזען דעם רב אַראָבצופיהרען פון זיינע אייגענע צרות. דאָך אַז דער משכיל האָט איהם צוגעזאָגט, זיך צו סטאַרען פאַר איהם ביי קהל, צו פּועל'ן די הוספה, — האָט ער אונז געבעטען זיצען, און אויסגעהערט, אין וואָס עס געהט.

— נאַרישקייטען! מאַכט ער, — איך קען דיך! זאָג זיי,

די שוטים, אַז איך קען דיך.

— זיי אַנטלויפען פון מיר!

— עט, אַנטלויפען! וואָס הייסט אַנטלויפען? ווער אַנטלויפען? נאָך וואָס? נור מילא, אַז דו זאָגסט: אַנטלויפען! וועל איך אַליין מיט דיר אַראָבגעהן.

— אין וואָס וועסט דו געהן? רופט זיך אָן אַ ווייבעריש קול פון אונטערן איווען.

— גיב טאַקי אַהער די קאַפאָטע! ענטפערט דער רב.

— געבען? איך האָב זי ערשט צוטרענט!

— מילא, מאַכט דער רב, אויך נישט קיין אומגליק, חס ושלום! וועלען מיר מאָרגען געהן.

איך גיב איהם צו פערשטעהן, אַז עס איז ערשט מיטטאָג-צייט, אַז עס איז מיר אַ שאָד דער טאָג.

— נו, וואָס זשע זאָל איך טהון? פרעגט דער רב און פערלעגט די הענד, — פונקט האָט די רביצין זיך גענומען צו מיין קאַפּטאַן...

— רופט זיי אַרויף אַהער!

— רופען איז אַ קלייניגקייט, אויך איין עסק! נור ווער וועט קומען? מען וועט מיך הערען ווי דעם רב! אפשר בעסער אַראָבגעהן אין שלאָפראָק?

עס פאַסט נישט, רבי, — רופט זיך אָן דער משכיל, — דער סטראַזשניק געהט אַרום אין גאַס!

— פון מיינטוועגען, זאָגט דער רב, איך וואָלט געגאַנגען; זאָגט איהר: ניין, איז ניין.

עס בלייבט דערביי, מיר זאָלען אַלע דריי אַרויפרופען דעם עולם פון גאַס דורכ'ן פענסטער. מיט'ן פענסטערעפענען איז אָבער נישט לייכט צוגעגאַנגען. מען האָט עס שוין אַ יאָהר פונפצעהן נישט געעפענט. די שויבען זענען דורכגעברענט פון דער זון, דער קיט איז אויסגעדאַרט, און די שויבען ציטערן ביי יעדען טריט איבער דער פאָדלאָגע. די קוואַטירען זענען געלעכערט פון האָלץ-ווערים, צוגעקלעבט

נור מיט'ן ראָסט (זשאַווער) צו דער וואַנד, עס איז נאָך אַ ספק, אויב זיי האָבען זאַוויאַסען.

עס איז אונז דאָך געראָטען, מיר האָבען איין זייט געעפענט, דערנאָך די צווייטע און אָהן אַ שאָדען. דער רב האָט זיך אַנידערגעשטעלט אין דער מיט, איך און דער משכיל פון ביידע זייטען, און מיר אַלע דריי רופען.

דער מאַרק איז פול מיט מענשען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום, איז שוין געווען איין עולם אין שטוב.

— רבותים, מאַכט צו זיי דער רב, איך קען דעם מענש...

מען וועט נישט שרייבען! האָבען זיך אָנגערופען עטליכע קולות צוזאַמען.

דער רב פערליערט באַלד דעם קוראַזש.

— נישט — נישט! מאַכט ער שטיל. דער משכיל איז אָבער דערוויייל אַרויף אויפ'ן טיש און רופט:

— חמורים! מען מוז שרייבען! דער טובת הכלל פערלאַנגט עס!

„לטובת הכלל” לאַגט ער, אַז ער האָט מיט מיר „איבערגערעדט שוין דאָס גאַנצע פּשט'ל”, אַז עס איז נישט ווי ער האָט „קאַטאָוועס געטריבען”, אַז איך האָב איהם אפילו געוויזען בריעף פון רבנים!

— פון וועלכע רבנים? רופט מען פון אַלע זייטען.

— פון פאַריזער רב, האָט דער משכיל ווייטער געשפּינען אויפ'ן הויכען קול, — פון פאַריזער רב — (קיין אַנדערער פּאַסט איהם נישט), פון לאָנדאָנער...

— יודען, אַהיים! — האָט איהם עמיץ איבערגעהאַקט, — נישט אונזערע לייט!

און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסצושיטען אַזוי געשווינד, ווי ער איז אָנגעקומען. געבליבען זענען מיר דריי און — דער שמש, וואָס האָט זיך צוגערוקט צו מיר —

— שענקט מיר עפּיס, מאַכט ער, פאַר'ן טאָג

איך האָב איהם געגעבען עטליכע צעהנערליך. ער האָט נישט איבערגעצעהלט, אַריינגעוואָרפען אין קעשענע, און, נישט געזעגענט זיך, אַוועקגעגאַנגען.

וואָס זאָגט איהר, רבי? פרעג איך דעם רב.

— איך ווייס? איך האָב שטאַרק — שטאַרק מורא — עס זאָל מיר נישט שאַדטען...

— אייך?

— וועמען דען? דיר? זעהסט דו איין עסק! וועסט דו נישט מאַכען די סטאַטיסטיק, מען וועט זיך בעגעהן אָהן איהר... כי הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל!.. איך מיין די שני זהובים אַ וואָך!

די רביצין מיט די גרויסע ברילען איז דערווייל אַפּער פון אונטערן אויוועץ:

— איך האָב דיר לאַנג געזאָגט, מאַכט זי, דו זאָלסט זיך נישט אַריינמישען אין קהל'ס זאַכען, נור דו פאָלגסט דען מיך? ווי קומט אַזוינס צו אַ רב, דיין דאגה—קהל?

— נו, שטיל שוין, רביצין, שטילער, ענטפערט ער איהר ווייך, זעהסט דאָך, איך בין שוין אַזוי, איך האָב אַ ווייך האַרץ, עס בעריהרט מיך — נור אַ שאָד די צוויי גילדען אַ וואָך!

# ח.

## פֶּערְצֵייהֶלְטֶע מַעֲשִׂיוֹת.

„אבל וחפוי ראש” בין איך אַראָבגעגאַנגען פון רב מיט'ן משכיל צוזאַמען אין גאַס אַריין. מיר טרעפען דאָך דעם שמש אויפ'ן וועג און דער פערזיכערט, אַז, ווי איהם זעהט אויס, וועט מען קאָנען מאָרגען ווייטער שרייבען.

דעם גאַנצען „טאַראַראַם” האָבען אָנגעמאַכט צווי אָבגעקומענע בעלי־בתים, וואָס זענען היינט, פאַר גרוים דחקות נעביך: איינער אַ טרפה'נער שענקער און דער צווייטער אַ פ ע ר ד ס ־ ה ע נ ד ל ע ר...

דער משכיל, פון זיין זייט, זאָגט מיר צו צווישען מנחה ומעריב איבערצושמועסען „דאָס פשט'ל” מיט'ן עולם. און — „הייסט זיין נאָמען נישט שמעריל” (אַזאַ נאָמען האָט אַ משכיל אין טישעוויץ!) אויב ער וועט נישט „איבערקעהרען דאָס שטעדטיל”.

— זיי מעגען זיך — זאָגט ער — אויף די קעפ שטעלען, און שרייבען מוז מען! הפה שאסר הפה שהתיר!

גוט האָטש, דער משכיל האָט אין אַ חדר געלערנט; אויף דער גרויסער וועלט טרעפען זיך נאָך אַנדערע משכילים. —

איך געה צוריק אויף דער סטאַנציע; דער שמש געהט מיט. ביי מיין בעל־הבית דעם אלמן איז נאָך אַ מנין געוועזען. צווישען מנחה ומעריב האָט מען אָנגעהויבען רעדען פון פאָליטיק, נאָך מעריב איז מען אַראָב אויף יודען! דער רוב איז שרעקליך אָפּטימיסטיש. ערשטענס מיינט מען נישט זיי, צווייטענס וועט מען זיך מיט „יענקלען” נישט קיין עצה געבען; שכל האָט ע ר! דריטענס, געהט עס ווי אַ

רעדעל, אַ ביסעל אַרויף אַ ביסעל אַראָב, פיערטענס—ווער גאָט העלפען, פינפטענס — וועלען גוטע יודען נישט דערלאָזען.
דאָס אַלטע ליעדעל!

— גלויבט מיר—שפּרינגט אַרויס איינער מיט פליהענ-דיגע קליינע אויגעלעך אונטער אַ קורצען שטערען,—גלויבט מיר, אַז ווען עס זאָל זיין אחדות צווישען אַלע גוטע יודען, זיי זאָלען זיך האַלטען איינס, טאַקי יד-אחת און אויפהערען צו זאָגען תחנון, וואָלט משיח ג ע מ ו ז ט קומען.

— דער קאָזיניצער ז״ל האָט דאָך אויפגעהערט, פרעגט איינער.

— איין שוואַלב, ענטפערט דער יונגער-מאַן, מאַכט קיין זומער נישט. ווער שמועסט, זיי זאָלען אַרויסגעבען איין אסור אויף כלל ישראל!

אַמאָל מוז מען זיך אַקעגען שטעלען! איינשפּאַרען זיך!

— ווען זיי גיבען אַרויס איין אסור — שפּעט עמיץ און וואַרפט אויף מיר איין אויג, — וואָלטען די אפיקורסים אָנגעהויבען באַדיי דאַווענען אַבי צו זאָגען תחנון! אַבי משיח זאָל נישט קומען!

דער עולם שמייכעלט.

— וואָס קומט אָבער אַרויס — מיינט איין אַנדערער
— אַז די גרויסע האַלטען זיך נישט צוזאַמען . . .
דער עולם האָט אָבגעקרעכצט.

געוויס האָט זיך יעדערער דערמאַנט, וויפיעל פעטש ער האָט שוין געקריגען, וויפיעל צרות ער האָט שוין געהאַט דורך דעם נישט ביינאַנד האַלטען. און דער בעסטער סימן, אַז טישיוויץ האָט שטאַרק געליטען פון מחלוקת, איז דאָס, וואָס פון דעם רעדען איז שוין נישט אַרויסגעקומען קיין וכוח וועגען דעם, ווער עס איז שולדיג, פאַר וואָס עס איז קיין שלום נישט דאָ צווישען די גרויסע. מען האָט מורא פאַר אַ ניי מחלוקת.

איך האָב מיך אָנגערופען, אַז אינ׳ם מחלוקת איז מעהר

שולדיג דער דלות. עס איז נישטאָ מיט וואָס צו האַנד־לען, מען געהט ליידיג, זוכט מען זיך געשעפטען, זוכט מען נאָך עברות, פיהרט מען וכוחים, אַ והא ראיה: אין גרעסערע שטעדט, וואו יעדערער איז פערנומען מיט זיינע געשעפטען, איז שטיל.

— עס זאָל עמיץ — מיין איך — אַריינוואַרפען אין טישיוויץ אַ פּאָר טויזענד רובל, וואָלט מען פערגעסען אָן די אַלע זאַכען.

— אַ גרויסע זאַך עשירות, — רופט זיך אָן איינער, — איך זאָל געוועזען האָבען אָט אַזוי גרויס, אַ נאָגעל שכל, וואָלט איך היינט גאַנץ טישיוויץ אַריינגעשטעקט אין בוזעם... עס האָט זיך אין איין האָהר געווענדט; איך האָב נור געדאַרפט וועלען.

— אמת, אמת! האָט מען מעיד געוועזען אין אַלע זייטען, — אמת, אַ מעשה שהיה —

— מילא, המפורסם אין צריך ראיה.

דער יד, וואָס עס האָט איהם נור געפעהלט „אַ נאָגעל שכל“ אָדער אַ פּיצעלע רצון, נתעשר צו ווערען, האָט אויס־געזעהען ווי דער דלות אַליין: דאַר, געלב, צוזאַמענגעצוי־גען, אויסגעווייגט, און אין אַ קאַפּאָטע, וואָס האָט נור אין טישיוויצער רב׳ס שלאָפראָק איהר גלייכען געהאַט.

אויף דעם איז אָנגעקומען דער משכיל.

— נאַטירליך! האָט ער זיך צולאַכט.

— ר׳ אליה — לאַכט ער — איהר האָט אודאי דאָס גרויסע געווינס אַ שעה פאַרן ציהען פערקויפט.

— זעה נור זיין לצנות, — מאַכט דער ר׳ אליה, גלייך ער געדענקט נישט די מעשה —

— אַזוי לאַנג קרענקט מיר נישט מיין קאָפּ — שוועדט דער משכיל, — ווי לאַנג איך האָב שוין פערגעסען, אויב איך האָב אַמאָל געהערט די ליגען —

— ליגען? בעליידיגט זיך ר׳ אליה — גלאַט אַזוי,

ליגען?! נאָך אייך נאָך איז עפּיס אַנדערש אויך ליגען!

איך מיש מיך אַריין און פרעג, וואָס די מעשה איז געוועזען.

— פון וואָרקער צדיק, זכרונו לברכה, האָט איהר דאָך אודאי געהערט? הייבט ר' אליה אָן.

— אודאי!

— מן הסתם! פון איהם האָט קינד־און־קייט געוואוסט! איהר ווייסט, אַז צו איהם פלעגען פאָהרען נישט נור חסידי אומות־העולם, נור אפילו דייטשליך אויך; אפילו ליטוואַקעס, די צלם־קעפּ, אויך! אַזוי גרויס גאָלד זאָל איך האָבען, ווי גרויס ליטוואַקעס איך האָב דאָרטען געזעהען. עס איז אפילו אַ מעשה געוועזען מיט אַ תוספות'ל. אַ ליטוואַק, מוז דאָך אומעטום ווייזען זיין חריפות, פרעגט ער דאָרט אַ תוספות אין נדרים, דער רבי, זכרונו לברכה, האָט איהם אַמִישנע פערטייטשט פערקעהרט. „ס'טייטש רבי, שפּרינגט דער ליט־וואַק אַרויס, אַ תוספות אין ראש השנה פון דער אייגענער סוגיא זאָגט דאָך בפירוש דעם היפך פון אייערע דבורים?“ מילא, וואָס קלעהרט איהר — עס איז געוועזען אַ נס מן השמים, אַז אנשי שלומינו האָבען איהם נישט גע'ממית'ט אויפ'ן אָרט. נור נישט אין דעם בין איך אויסען. געהאַנ־דעלט האָט דער וואָרקער מיט'ן רבונו של עולם, כביכול, װי מיט אַ גוטען ברודער:

— רבונו של עולם, — גיט ער זיך אַ שטעל אַנידער אין מיטען שטוב, — עס וואָלט שוין אפשר גענוג געוועזען צו מו־טשען דיינע יודעלעך מיט היצען! זיי קאָנען נישט זיצען און לערנען!

מען האָט, אפנים, עפּיס געענטפערט פון דאָרט

— אַזוי! מאַלט ער, איז עפּיס אַנדערש! איך גיב דיר נאָך! ביי גוט בעצאָהלען איז אַלץ רעכט. נור רבונו של עולם! טאָמער אַ ביסעל אויף ד ע ר וועלט!...

מען האָט ווייטער אָנגעזעהן בחוש אין זיין פנים, אַז

ער הערט אַ תשובה און ענטפערט:

— מילא, נישט איז — נישט! דו ביזט קוראַנט, וועל־מיר וואַרטען!

נור אין דעם בין איך אויך נישט אויסען. דער עקר איז געוועזען פאַר סנדקאות. פאַר אַ סנדקאות איז ער שוין געוועזען שטאָהל און אייזען; עס האָט נישט געהאָלפען קיין תירוץ. מען האָט שוין געוואַרט דאָרטען, און קוים האָט ער נעגעבען אַ וואונק, איז באַלד מקוים אָבגעוואָרען. ער האָט געזאָגט, אַז איידער ער געהט צו סנדקאות, אַז ער דער־מאַנט זיך נור אינ׳ם מוהל־מעסער, איז ער שוין בבחינת פחד, און דעריבער — „רצון יראיו יעשה״!

ער האָט זיך שטאַרק מצער געוועזען, וואָס מען איז דערפון געוואָהר געוואָרען. ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט דעריבער שוין נישט לאַנג דאָ פיהרען, אַז ער וועט נתבקש ווערען בישיבה של מעלה. אַניט וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום נישט געהאַט. עס האָט געדאַרפט צו זיין בסוד!

נור מען איז דערפון געוואָהר געוואָרען. איך אויך! איך אפילו פריהער ווי אַנדערע, וויל דער גבאי משה איז מיין ערשט ווייב׳ס אַ לייבליכער שוואָגער געוועזען... און טאַקי דער משה, וואָס האָט אויסגעפּלאַפּעלט דעם סוד. דערפאַר האָט מען איהם אפילו מעביר געוועזען אויף אַ האַלב יאָהר; נור דער צער פון דעם יוד איז אַזוי גרויס געוועזען, אַז דער רבי האָט רחמנות געקריגען, און באַלד צוריק געשטעלט על כנו, נור דאָס נעהער אויך נישט צו דער זאַך.

נענוג איך בין געוואָהר געוואָרען.

מילא — „וישמור הדבר בלבו״; איך האָב געוואַרט; איך וועל דאָך נישט געהן איבער אַ נאַרישקייט דולען דעם רבין דעם קאָפּ; איך וואַרט. דעמאָלט האָב איך געוואוינט אין גאַנצען אַ מייל אונטער וואַרקע. מיין ערשט ווייב האָט געלעבט, און עס איז איהר נישט שלעכט געגאַנגען: שווער אויסצוקומען איז אפילו געוועזען... נור — איך האָב

פערדיענט פון מיין שדכנות וואָס עס איז, און זי האָט אונז מפרנס געוועזען פון־שטעל. אַחוץ׳ן „דרויב״, האָט זי נאָך קעסט געגעבען אַ פּאָר פּאָלק,—מיין עלטערער טאָכטער. דער איידעם — אַ למדן מופלג! וואָס האָט מיר געפעהלט?

ויהי היום, דער איידעם איז אין גער, אין שטעדטעל איז יריד, און די טאָכטער געהט צו קינד. שווער—אַיין ערשטלינג... ביילע־באַשע, אונזער באָבע, קאָן זיך קיין עצה נישט געבען, און זי האָט שוין וויהען דעם דריטען טאָג. עס העלפען נישט קיין טרוקענע, נישט קיין געהאַקטע באַנקעס, קיין אָדער־לאָזען, עס איז ביטער! און דאָ קריג איך אַ ידיעה, אַז דער רבי קומט אויף סנדקאות! וואָס קלערט איהר? „ליהודים היתה אורה!" — מיר זענען אַלע דערפרעהט געוואָרען! עס איז אין אונז אַריין אַ נייע נשמה! מיר בעטען נור, גאָט זאָל זי דערהאַלטען נאָך אָנדערטהאַלבען טעג! וואָרען אַריינגעלאָזט האָט מען ערשט פונקט אַ שעה פאַר׳ן סנדקאות! דאָ ווערט אָבער דערווייל ערגער און ערגער; עס ווערט סכנות־נפשות!

אַ פּאָר שעה פאַר׳ן סנדקאות איז איהר דאָך בעסער געוואָרען, אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט. זי איז צו זיך געקו־מען, געעפענט די אויגען, געטריבען די מוטער אויפ׳ן יריד, און מיך צוגערופען צום בעט!... אַ נאַרישע יידענע... אַלע זענען אַזוי, פאַר׳ן האָבען זענען זיי בייז אויף אונז... שמואליק — זאָגט זי — געפעלט איהר נישט; ער איז איהר קיינמאָל נישט געפעלען, זי האָט איהם פון דער ערשטער שעה נישט געוואָלט! זי קאָן איהם גאָר נישט ליידען, זי וויל בעסער שטאַרבען! זי האָט אַמישנע אַרויסגעשיקט די מוטער, ווייל פאַר איהר האָט זי מורא געהאַט! זי, עליה השלום, איז טאַקי אַ פייער געוועזען צו קינדער. ביי׳ם בע־דעקענס, האָט זי זי געוואָלט פאַטשען!

איך, פערשטייהט זיך, גיב איהר צו פערשטייהן, אַז אַלע ווייבער זענען אַזוי; אַז טייל טהוען אפילו נדרים, מיט די מאַנען נישט מעהר צו וואוינען; אַז דעריבער איז טאַקי

דער קרבן חטאת . . . טייל שווערען אפילו . . . נור —„אין אדם נתפס על צערו“. און זי האַלט זיך איהרס, זי געזעגענט זיך מיט מיר . . . זי דאַרף נישט, נישט קיין נדרים, נישט קיין שבועות,— שמייכעלט זי, —„איך גייה — זאָגט זי— אוים ווי אַ ליכט!

מילא, הער איך זי עפּיס, אַז איך זעה בחוש, אַז עס איז איהר בעסער; זי איז צוריק ביים גאַנצען שכל. און עס איז נאָך אין גאַנצען אַ האַלבע שעה צו סנדקאות! זי איז גאַר, אויף נאמנות, שיין־חנ׳עווריג געוואָרען!

איך זיץ ביים בעט, רעד מיט איהר . . . די באָבע אפילו איז אַוועקגעגאַנגען; זי איז געגאַנגען קויפען אַ ווינעל אויפ׳ן יריד. איך קוק אויפ׳ן זייגער, עס איז שוין צייט צו גייהן, איך קוק אויף איהר, — כאחד האדם! געזונד! דאָך גלוסט זיך מיר נישט פון איהר אַוועקצוגעהן, זי אייגע אַליין צו לאָזען. און איינע אַליין, כמעט אין דער גאַנצער שטאָדט.

ביי אונז — פערשטייהט איהר — איז יריד איין מאָל אין יאָהר, און שטייהט דריי טעג, און פון דעם האָט מען אַ גאַנץ יאָהר פרנסה. איהר קאָנט פערשטייהן, אַז אפילו ביים רבין איז אויך קיינער נישט געוועזען; אַלע אויפ׳ן יריד.

נו, וואַרט איך אַ ביסעל.

אין אַ האַלבע שעה אַרום איז אָבער ראַפּטים ערגער געוואָרען. זי האַפּט מיך אָן ביי דער האַנד, פאַלט אַרונטער אויפ׳ן קישען, מאַלט הועיות, שלעכט!

זי הויבט אָן פּייפען . . . איך שריי, עס ענטפערט קיינער! פון מאַרק קומט אַריין אַ גול, אַ גערויש פון טויזענדער מענשען, נור מיך הערט נישט קיינער . . . צווישען אלפים מענשען מיט פויערן,— ווי אין אַ מדבר! איך וויל אויסרייסען די האַנד . . . גייהן עמיצען רופען, זי האַלט אָבער זי שטאַרק . . .

עס דויערט איין מינוט, צוויי, עס איז שוין באַלד

שפעט, דאָ איז ביטער — רייס איך פאָרט אויס די האַנד און לויף גלייך אַהין! — דער ברית איז געוועזען אין צווייטען עק שטאָדט — איך פליה איבער וועגען, איבער קופּעס סחורות, איך פליה און פליה . . . עס דויערט מיר אַלץ צו לאַנג. געוועזען איז תמוז, און מיך האָט לויפענדיג געוואָרפען די קעלט . . . אָט, אָט, דערזעה איך שוין צמח׳ס הויז, וואו עס איז דער ברית . . . „לב אדם יודע מרת נפשו" — דאָס האַרץ קלאַפּט אין מיר ווי ביי׳ן אַ גזלן: איך פיהל, אַז דאָרט איז יציאת נשמה. אָט, האָב איך שוין דאָס ערשטע פענסטער! איך וויל אויף דער טהיר נישט וואַרטען, איך וועל אויסהאַקען די שויבען און אַריין. איך לויף גלייך צום פענסטער, איך זעה, דער רבי איז טאַקי אין שטוב, ער גייהט אַרום אויף און אָב, איך וועל אַריין ווי אַ גזלן! איך נעם צונויף די לעצטע כוחות . . . אין די אויערן קלינגט מיר: „טאַטעשי! טאַטעשי!" . . . איך שפּרינג —

דעם ערצעהלער האָט אָטעם פערפעהלט. ער רוהט זיך אָב, לאָזט אַראָב די אויגען, און וועלכע עס האָבען זיך דיקע טרעהרען געוויזען, און ענדיגט שטילערהייד מיט אַ צובראָכען קול —

— עס איז אָבער נישט בעשערט געוועזען! — פאַר׳ן פענסטער איז געוועזען אַ בערגעל מיסט מיט שטיינער — איך בין געפאַלען, און שיער נישט האַלז און לייב צובראָכען . . . איך האָב נאָך עד היום אַ צייכען אויפ׳ן שטערן . . . אַז מען האָט מיך אַריינגעברענגט צום רבין, האָט ער שוין אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנד . . .

אַז איך בין אַהיים געקומען (ווי אַזוי, ווייס איך נישט), איז זי שוין געלעגען אויף דער ערד . . . אָדער זי איז אַראָבגעפאַלען ביים גוסס׳ען, אָדער איך האָב זי אַראָבגעשלעפּט ביים אַרויסרייסען די האַנד . . .

דער עולם איז שטיל געוואָרען, עס האָט אונז געדריקט אַ שטיין אויפ׳ן האַרץ. איין משכיל איז באַלד

צו זיך געקומען —

— נו, — מאַכט ער — „ברוך דין אמת!", וואו איז דאָס עשירות!

דער ערצעהלער האָט זיך אויסגעווישט מיט'ן אַרבעל די אויגען, אַ טרויריגען שמייכעל געגעבען און ווייטער פערציילט —

— יאָ... איך האָב אייך נור געוואָלט ווייזען, וואָס מען מיינט: נישט בעשערט. דערווייל האָט זיך געמאַכט צרות איבער צרות... מיין ווייב איז נפטר געוואָרען... די שטעל איז גע־גאַנגען לאיבוד... ביי אַ מאַנספּאַרשוין... איך בלייב מיט'ן דרויב אָהן אַ שטיקעל ברויט... האָב איך חתונה געהאַט... איך האָב אַמישנע גענומען איין עלטערע יידינע! וואָרען, באמת, געמיינט האָב איך — אַ יידינע צו דער שטעל! איך האָב אָבער געהאַט אַ „מקח טעות", וואָס אַ יאָהר — אַ בן! דערווייל זענען אונזערע ירידים אָבגעפאַלען, און אַ גאַנץ יאָהר איז די שטעל ווערט אַ „שישקע פולווער"... האָב איך מיך מישב געווען: איין עק זאָל עס האָבען! איך וועל אַוועק ליגען דאָס שדכנות, ווערען איין עושר, און זיצען און לערנען! אַי — ווי אַזוי ווערט מען איין עושר? איך שרייב צו מיין געוועזענעם ווייב'ס שוואָגער, צום גבאי, אַז, למען־השם, ער זאָל מיר מודיע זיין, ווען עס וועט זיך מאַ־כען אַ סנדקאות.

עס איז נישט אַוועק אַ חודש, קריג איך אַ שליח מיוחד, און לויף קיין וואָרקע. איך שטעל מיך אין ערגעץ נישט אָב, לויף גלייך צום רבין.

— און — אַ גרעסערער בארג מיסט? לאַכט דער משכיל. דער ערצעהלער שיקט אין זיין זייט אַ בליק ווי אַ שפּיז.

— דער וואָרקער צדיק, זי"ע, — זאָגט ער — האָט געהאַלטען פון טהרות, זיין גאַנצע עבודה איז געווען טהרות.

— זעה נור, — מאַכט דער משכיל, — ווי ער קוקט אויף מיר! שיינעץ איינער! אַז דו ביזט געקומען אַהער, ווער האָט דיר געהאָלפען? אַ וואָרקער חסיד? אפשר דיין איינענער פעטער, דער צדיק? אָדער איך? הא? דו וואָלסט שוין לאַנג געפגרט פאַר הונגער, ווען נישט איך!

און צו מיר זיך ווענדענדיג:

— און היינט מיינט איהר, וואָס איז ער? מלמד ביי מיינע קינדער, זאָל איך זיי איהם היינט אַוועקנעמען, בלייבט ער שטעהן אָהן פרנסה — אָהן אַ שטיקעל ברויט אין פיסק...

דער יוד שווייגט מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען.

דער משכיל ווערט מיר אַלע רגע עקעלער, האָטש ער האָט מיר נאָך פריהער מיט די אויגען אַ צייכען געגעבען, אַז ער האָט געפועל'ט, און מיט די הענד געוויזען, אַז מאָרגען וועט מען שרייבען. איך דרייה מיך איבער צום ייד:

— נו, נו, דערצעהלט ווייטער, ר' קרוב.

— זעהט אַליין, — מאַכט ער צו'ם משכיל, — אונזער „פערשרייבער", אויפ'ן פנים קוקענדיג, איז מעהר משכיל פון אייך, און חוזק מאַכט ער נישט... מען מאָג זאָגען אַנדערש... דער רמב"ם, ז"ע, האָט אפילו אין כשוף, להבדיל, נישט געגלויבט... נור, ווי עס איז, ענטפערט מען ערנסט... אַ ייד דאַרף האָבען אַ דרך... נור חוזק איז נישט מעשה... מעשה... ייד, עס חאַפט אָן ביי דער לעבער!

— נו, נו! — מאַכט דער משכיל ווייכער, — שיט שוין אויס די רעשט.

— איך וועל שוין מקצר זיין — הויבט אָן דער אָרי־מער ייד — איך קום אַריין אָהן אַ קוויטעל, בעל־פּה... אפילו אָהן אַ פדיון... דעמאָלט געהט נישט קיין פדיון... פאַר סנדקאות איז ער בבחינת „לא יועל כל כופר", אַזוי כלפי מעלה, ווי כלפי מטה... נור דאָס פנים איז געוועזען

שרעקליך! הענד און פיס האָבען אונטער מיר געציטערט! איך שטעה און עפען נישט דאָס מויל. ער, זכותו יגן עלינו, מאַכט גרויסע שפּרייז אויף און אָב.

ראַפּטים דערזעהט ער מיך, און גיט אַ געשריי, טאַקי ממש ווי אַ לייב.

— וואָס ווילסט דו?

איך האָב מיך נאָך מעהר דערשראָקען און — קוים גע־ענטפערט:

— עשירות!..

דער רבי האָט, אפּנים, נישט גוט דערהערט.

— עשירות? פרעגט ער, און דאָס קול איז געווען ווי פון אַ דונער.

— חאָטש... פּרנסה! ענטפער איך נאָך שטילער.

— וואָס, פּרנסה? שרייט ער ווייטער —

— חאָטש — פאַר הונגער נישט שטאַרבען!

דער רבי לויפט אויף און אָב, און שטעלט זיך ראַפּטים אָב און פרעגט:

— וואָס נאָך?

איך האָב געמיינט — איך שטאַרב! דאַכט זיך מיר, (ווים איך, מיר דאַכט זיך אזוי), אַז נישט איך, נור עמיץ אַנדערש האָט מיר איבערגעדרייהט די צונג! און זי האָט גע־ענטפערט:

— יוסף זאָל זיין אַ למדן...

און שוין! — איך בין קוים לעבענדיג אַרויס, און ער, ז״ע, איז די אַנדערע וואָך נפטר געוואָרען...

נו? האָט עפּיס אַ סך געפעהלט צו עשירות? אַ האָהר! איך בין מיר אַליין שולדיג! ווען איך שפּאַר מיך איין, האַלט מיך איינם — מילא!

— איז חאָטש — פרעג איך — אייער יוסף אַ למדן מופלג?

— ער וואָלט אודאי געווען, — ענטפערט ער מיט אַ

צוברעכען לשון, — נור ער וויל נישט... אויף דעם איז שוין קיין רבי נישט פערהאַן... ער וויל נישט לערנען... טהר עפּים!

— וואָס טויג מיר דאָרטען — פאַלט דער משכיל אַריין אין די רייד — דער „היוצא לנו מדברנו” איז: אַז מען דאַרף נישט האָבען קיין מיסט אונטער די פענסטער; אַז מען פועל'ט נישט אָהן אַ פדיון, און דער עקר — אַז מען דאַרף פאַר קיין רבין נישט מורא האָבען!

אין איין רגע איז דער בלאַס־געלער ייד פלאַמענדיג געוואָרען, די אויגען האָבען זיך איהם אונטערגעצונדען, די געשטאַלט האָט זיך אויסגעצויגען, און די שטוב האָט אַ הילך געטהון פון צוויי פּעטש, וואָס דער משכיל האָט געקריגען.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

איך האָב מורא, אַז זיין ערשטע בקשה וועט אויך נישט דערפילט ווערען: ער וועט נאָך שטאַרבען פאַר הונגער.

# ט.

## אַ יִנְגֶעלֶע?

דעם גאַסטהייזערס שיין חנ׳עוודיג יינגעלע מיט די מאָוסע תנועה׳לעך, מיט די לעקעלעך פול מיט פעדערן, קען מיר אויס׳ן קאָפּ נישט אַרויס. אָדער ער שטעהט מיר פאַר די אויגען מיט אַ סציפּיאָרעק אין האַנד און וויינט, און וויל דעם צווייטען; אָדער איך הער איהם ביי מנחה־מעריב זאָגען אַזוי קינדיש־וויינענדיג־ערנסט דעם קדיש, אַז עס חאַפּט מיך אָן ביים האַרץ.

ווען דער חסיד האָט דעם משכיל געפּאַטשט, איז דאָס קינד אַזוי בלאַס און גרין געוואָרען פאַר שרעק, אַז איך האָב איהם אָנגענומען ביי דער האַנד און אַרויסגעפיהרט פון שטוב.

— קום אַ ביסעל שפּאַציערען!

— שפּאַציערען? שטאַמעלט ער.

דאָס בלאַסע פּנים רויטעלט זיך.

— דו שפּאַציערסט קיינמאָל נישט?

— היינט נישט. אַז די מאַמע, עליה השלום, האָט געלעבט, פלעגט זי מיך מיטנעמען שבת וויום־טוב שפּאַציערען... דער טאַטע — איהר צו לענגערע יאָהר — הייסט בעסער אַריינקוקען אין אַ ספר.

דאָס איז שוין געווען אין לאַנגען איינפאָהר־הויז; פון דער ווייטענס שימערט אַ רויטער „מגן־דוד״ פון אַ לאַמטער אַרויס. איך האָב זיין פּנים נישט געזעהען, נור זיין דאַר הענדטעל האָט אין מיינער געציטערט.

מיר זענען אַרויס אין גאַס אַריין.

דער הימעל הענגט איבער טישיוויץ ווי אַ טונקעל בלויער מונדיר מיט מאַט-זילבערנע קנעפּ. מיין מיט-שפּאַציערער האָט עס אַוראַי אויסגעזעהן ווי אַ פּרוכת מיט זילבערנע פליטערלעך בעניהט. איהם חלומ'ט זיך אפשר אַזאַ בלאָה-זיידען תפילין-בייטעלע מיט פליטערלעך; אין אַ יאָהר פינף זעקס וועט ער אפשר קריגען אַזאַ מתנה פון דער כלה.

ביינאַכט זעהט דאָס שטעדטעל גאָר אַנדערש אויס. די קרום- און לאָם-געבויגענע הייזלעך פערשווינדען אין דער „פּאַעטישער שטילער שוים פון דער נאַכט"; און די פענסטער און שויבען-טהירען זעהען אויס ווי גרויסע פייערדיגע, פּורפּורשטראַהלענדיגע אויגען...

אויף די קוימען שטייהען שוין אַוראַי טעפּ מיט זידענדיגע וואַסער צו קאַרטאָפעל אָדער „קליסקעלעך מיט ביבערלעך". לויט סטאַטיסטיק פאַלט אין טישיוויץ דורכשניטליך 37 און אַ האַלבער רובל אויף אַ קאָפּ אַ יאָהר, לערך 10 קאָפּיקעס אַ טאָג. בערעכענט: מלמד-געלד, צווייערליי געפעס, שבתים און ימים-טובים, אַ קרענק און אַ גוטען ייד — אַחוץ ביי-זאַכען... וועט איהר פערשטעהן, אַז אַ יאַיכיל טרעפט זיך ביים קוימען זעלטען, אַז די קליסקעלעך ווערען געמאַכט פון רעציען-מעהל אָהן אַיין איי, און ווער ווייסט, אויב די קאַרטאָפעל ווערען געשמאָלצען.

דאָך שטייהען מאַנכע הייזלעך שטאָק בלינד. דאָרט גייהט אַ שטיקעל טרוקען ברויט, מיט אָדער אָהן אַ הערינג. און אפשר — קריאת-שמע אָהן וויעטשערע... אין איינעם פון די הייזלעך מוז שטייהן די אַלמנה, וואָס דאַרף אַזוי וויינינג, און קלאַפּען זיך אין דאַרען האַרץ-ברעטעל אַריין ביי דער לאַנגער ודוי... אפשר מעסט זי זיך אָן איהרע תכריכים... דערמאָנט זיך אין אַמאָליגען, מיט אַ גאָלדענעם פּאַס בעזוימטען חופּה-קלייד, און פון די אַלטע אויגען קאַפּעט אַראָב אַ

טרעהר, און זי שמייכעלט דערביי אריין אין דער פינסטערער נאַכט: וואָס דאַרף אַ יידינע?

מיין יתום האָט עפּיס אַנדערש אין זין.

אונטערטאַנצענדיג אויף איין פיסעל, רייסט ער אַרויף דאָס קעפּעל צו דער לבנה, וואָס שווימט נאַריש־אַריסטאָקראַ־טיש פון איין דרילע אַרויס אין דער צווייטער אַריין.

ער זיפצט. צי האָט ער געזעהען אַ שטערן פאַלען? — ניין:

— אוי — זאָגט ער — וואָלט איך געוואָלט, משיח זאָל קומען!

— וואָס איז?

— איך וויל, די לבנה זאָל שוין גרעסער ווערען! עס איז אויף איהר אַזאַ רחמנות! זי האָט מאַקי געזונדיגט, אָבער אזוי לאַנג צו ליידען... עס געהט שוין דער אלף השׁשי...

אין גאַנצען צוויי בקשות: פון טאַטען אויף דער ע ר ד — נאָך אַ סציפּיאָרעק, און פון פאָטער אין ה י מ ע ל — די לבנה זאָל גרעסער ווערען!

עס האַפּט מיך אָן אַ ווילדער חשק איהם צו זאָגען: לאָז געמאַך! דיין היעגער טאַטע וועט באַלד חתונה האָבען, דו וועסט באַלד אַ שטיפמאַמע קריגען, אַ שטיפקינד ווערען, און וועסט וויינען אַ שטיקעל ברויט! זיי מוחל דעם סציפּיאָרעק, פערגעס אויך די לבנה...

איך האָב מיך קוים איינגעהאַלטען.

מיר זענען אַרויס פון טישיוויץ, דער פריהלינג־אָטעם בלאָזט אויף אונז פון גרינעס פעלד. ער שלעפּט מיך צו צו אַ בוים. מיר זעצען זיך.

דאָ — פאַלט מיר איין — האָט ער געמוזט זיצען מיט זיין מוטער. זי האָט איהם געמוזט וויזען, וואָס עס וואַקסט אויף די שמאָלע פּאַסען פון די מיעשטשאַנסקע פעלדער; ער דערקענט ווייץ: קאָרן, קאַרטאָפעל.

— און דאָ וואַקסען דערנער! צי קיינער עסט קיין דער־נער נישט?

— אייזעל זאָגט מען עסען דערנער!

פאַרוואָס — פרעגט ער — האָט גאָט בעשאַפען, יעדע בריאה זאָל עסען עפּים אַנדערש?!

— ער ווייסט נישט, אַז ווען אַלע זאָלען גלייך עסען, וואָלטען אַלי׳ גלייך געוועזען.

## י.

# דער יאַרציעווער רב

איז אַ מענש מיט אַלע, „וויגאָדיס״, מיט אַלעם גוטען. ער נעמט פיער רובל אַ וואָך און האָט כמעט די והותר! וואָס? „דזיאַר ז׳באַבאָן״! ער איז פריהער דין געוועזען אין אַ גרעסערער שטאָדט, אויך גענומען פיער רובל אַ וואָך, און האָט זיך משבת לשבת ביים הערינג כמעט די פינגער צושניטען. ער רעכענט מיר אוים: אָנבייסען, וויים איך, אַ ביסעל מילך־גריין, אַ האַלב פונט פלייש צו׳ם וואַרעמעס. ביינאַכט אַ גלעזעל וואַרימס מיט נעכטיגע בייגעל, — איז שוין געוועזען ענג! נהרא נהרא ופשטיה, — דאָס וואַרמעס אין די גרויסע שטעדט איז אַ דלות. אַזוי איז מען איננאַנ־צען פטור פון קאָלדאַן... ער איז נישט קראַנק צו וואַר־טען ביז וויעציערע. און אין דערפריה — אַ ביסעל באָרשטש. אַזוי פיהרט מען זיך טאַקי אין יאַרציעוו און אַזוי איז טאַקי גוט! דאָרט איז זעהר שלעכט געווען. איהם האָט עס אפילו נישט געאַרט, ער האָט גאָר נישט ליעב קיין פלייש, אין דער וואָכען איז עס אַ „מאכל גס״, טאַקי אַ שווער מאכל. אין דער וואָכען האָט ער ליעב אַ ציבעלקע מיט אַ בי־סעל פיצמיטהאַנע. פיצמיטהאַנע האָט ער ליעבער אפילו ווי פורים׳דיג קרויט, ער האָט שוין אַזאַ טבע. „נור די רביצין, זי הערט דאָך נישט — שמייכעלט ער אויף איהר קוקענדיג — זי האָט עס אַמאָל פערדראָסען! אַ יידענע האָט קנאה! ווי הייסט? די שוחט׳קע האָט קישקע, און זי, די דין׳טע — אפילו קיין ביינדיל! נישט אַ רציחה, האַ? היינט בין איך אַלץ פטור; אין יאַרציעוו, ברוך השם, עסט קינד און

קיט פלייש — משבת לשבת, און אויך — שעבסענס! און אַבי די רביצין האָט נישט וועמען מקנא צו זיין, איז אַלץ גוט.

— מקנא צו זיין! וואָרציט אַריין די רביצין.

— איך וויס, איך וויס — לאַכט שטיל דעם רב'ס קליין געגרונצעלט קעפעל, בשעת דאָס ווייך־שפּיציגע בערדיל ציטערט, און די אַלטע אויגען ווערען פייכטער — איך וויס, דיר איז נישט געגאַנגען אינ'ם זינדיגען גוף, נור אין כבוד התורה... ס'טייטש אַ שוחט — יאָ, און אַ דין — נישט! אַ דין איז דאָך גרעסער ווי אַ שוחט! סיי ווי סיי, היינט בין איך פּטור פון די אַלע זאַכען! — אַז מע קוילעט גאָר נישט אַ גאַנצע וואָך.

נאָך צופריעדענער איז ער פון דער פרישע לופט. אין דער גרויסער שטאָדט פּאַסט נישט פּאַר בעלי־בתים, נור גרויסע הייזער: אין מיטען וואוינען רייכע בעלי־בתים; אונטען אין קעלער, און אויבען אונטערן דאַך — אָרימע לייט, און — פערשטעהט זיך — די משועבדי־קהל.

זומער האָט עס איהם געשטיקט... עס איז אַזוי ווייט געקומען, אַז די רביצין האָט איהם אַוועק גע'גנב'עט דאָס טאַבאַק־פּישקעלע, ער זאָל חאָטש קיין טאַבאַק נישט שמעקען. זי האָט עס אָבער געמוזט אָבגעבען; אָהן טאַבאַק איז ער גאָר אוים מענש; ער קאָן אפילו ביי'ן אַ ספר אָהן טאַבאַק נישט זיצען. אפילו ווען ער שמעקט נישט, מוז ער דאָס קאָרינע פּושקעלע דרייען אין דער האַנד ביים לערנען, און אפילו (ווי צינד) ביים רעדען, אַניט פערליערט ער די מחשבות, איז ער מגמגם מיט'ן לשון.

מילא — וואָס קלערט איהר — „אַז ער האָט דערזעהן יאַרציעוו מיט'ן גרויסען, מיט גראָז־בעוואַקסענעם מאַרק", האָט ער זיך געוואָלט לאָזען כלי־זמר שפּילען. „כלי־זמר האָבען טאַקי געשפּילט", דעם טאָג איז גאַנץ קהל אין דערהיים געוועזען, און מען איז איהם אַקעגען גע־גאַנגען מיט קאָמאַראָווער מוזיק. אויך האָט ער זיך גאָר

מחיה געוועזען מיט די פיצעלעך הייזעלעך, טאַקי ווי קאָרינע טאַבאַק=שטעקעלעך, סאַמע הילצערנע, איינס איז דאָ אַ געמויערטס, אַ גרויס, דאָס וואָס שטעהט אין מיטען מאַרק, — איז עס דעם פריץ׳ס. —

און היינט די טרעפּ, וואָס ער איז פטור געוואָרען. ער איז בטבע אַ כשל=ברך, נאָך אַ יאָהר וואָלט ער אָהן פיס געבליבען! און די מנוחה! שטיל! עס בילט נישט קיין הונד, און להבדיל, עס וואָיוועןנישט די קינדער. עס איז דאָ אַ דרייסיג קינדער איז איבער זיי אפשר 6 מלמדים. האָט מען טאַקי אויף זיי השגחה, נישט ווי אין די גרויסע שטעדט! וואָיוועןן, יאָ! פורים, חנוכה, אַזוי אַ יום=טוב! אַזוי אָבער — מען זאָל עס הערען אַ שאָרך!

און דער עיקר, האָט ער אַ ברכה פון זיין ליבען נאָמען — אַ שטעדטעל אָהן מחלוקת! עס איז אפילו דאָ צוויי דריי חסידים מיט תכלת, — „גלויבט מיר, איך בעט פאַר זייער לעבען”, וואָרום, חס ושלום, איבער הונדערט יאָהר, וועט זיך מאַכען איין עסק מיט דער קבורה! אַזוי איז שטיל.

דאָס שטעדטיל איז סאַמע דאָרפס=גייער, אָדער „לייפער”. אפילו די בעלי=מלאכות זיצען נישט אין דערהיים, און געהען אויף די דערפער אַרבייטען. אפילו דער פעלדשער לויפט אַרום אין דער סביבה מיט די באַנקעס. זונטאָג אין דערפריה קענט איהר טרעפען דעם גאַנצען עולם, ווי ער שיט זיך אַרויס פון די הינערנע הייזלעך. אונטער דער שטאָדט טהוט מען אויס די שטיוועל, מען הענגט זיי אויף אַ שטעקען איבער די פלייצעס, און מען צולויפט זיך אין אַלע זייטען. פרייטאָג פאַרנאַכט קומען זיי צוריק. אפילו דער שוחט גייהט אַמאָל אַוועק אויף אַ גאַנצע וואָך, — ווען האָט מען צייט צו פיהרען מחלוקת?

שבת און יום=טוב, איז אפילו עלול צו אַזוינע זאַכען, עס מאַכט זיך אַמאָל איין עסק, נור ווי! זיי זענען גאָר נישט געוואוינט דערצו; עס געהט עפיס אומגעלימפערט. דער עולם איז שלעפעריג און מיעד.

זיצט ער טאַקי און לערענט.

„עס מאַכט זיך אפילו (שמייכעלט ער) אַמאָל אַ שטיקל מחלוקת, נור — לשם שמים! צווישען מיר מיט'ן שוחט. פערשטעהט איהר: אַ שאלה טרעפט זיך זייהר זעלטען: אַ גאַנצע וואָך גייהט מילכדיג געפעס, שבת — פליישיג געפעס, ביי איין קוימען, בבת־אחת, שטייהן זיי נישט! אַ שאלת הריאה טרעפט זיך איין מאָל אין יאָהר! נו פאַר דאָס, אַז עס טרעפט זיך שוין, לאָזט מען זי אַזוי געשווינד נישט אַרויס; וואַרפט מען דורך גאַנץ ש"ס, אַלע פוסקים, און עס ווערט אַ מחלוקת. דער שוחט איז זייהר איינגעשפּאַרט און פערקרעקט, און האָט נאָך אַ טבע זיין בינטעל חסרונים צולייגען אויף יענעמס פּלייצע; זאָגט ער, אַז איך בין „אַיינגעשפּאַרט און פערקרעקט!“.

לכתחילה האָט ער אפילו דאָ אויך ווילד צער געהאַט פון צוויי זאַכען: פון די הייוועןֽ, און — פונ'ם הייזעל. „אַלץ (שמייכעלט ער) דורך דער רביצין“. מיט די הייוועןֽ איז אַזוי געוועזען די מעשה: ער האָט זיך משוה געוועזען מיט קהל 4 רובל אַ וואָך. אַז דער פריהערדיגער רב האָט בעקומען 4 רובל אַ וואָך מיט די הייוועןֽ, האָט מען פון איהם מעלים געוועזען, און גאָר נישט.

נור דעם ערשטען שבת־הגדול האָט ער געהאַלטען גאָר אַ גרויסען דרוש איבער חמץ בפסח. די שטאָדט איז גאָר אויסער זיך געוואָרען. „אַ גוטע זאַך שמעקט יעדען, אפילו איין עם־הארץ דאורייתא. איך זאָג, אַז עס קומט פון דעם, וואָס אַלע נשמות זענען געוועזען ביים באַרג סיני, און דאָרטען איז געוועזען „כל מה שעתיד תלמיד ותיק לחדש“! דעריבער אפילו ווען די נשמה האָט שוין פערגעסען, דערשמעקט זי דאָך, אַז דאָס איז עפּיס פון יענע זאַכען... און טאַקי באַלד חול־המועד האָט מיר די שטאָדט אַליין צוגעגעבען די הייוועןֽ. באותו הרגע האָב איך ביי מיר געפיהלט אַביסעל גאוה, און זיין ליעבער נאָמען האָט מיך טאַקי באַלד געשטראָפט דערפאַר.

איך האָב געהאַט צרות פון די הייוועןֽ. אַ גאַנצע וואָך

האָב איך געהאַט דין=תורות צווישן די בעלי=בית׳טעס מיט דער רביצין: דער איז די חלה געוועזן צו האַרט, דער — צו שווער, דער איז די חלה אָבּרינדיג געוואָרען. מען האָט זי חושד געוועזען, אַז זי גיסט אַריין וואַסער. ווייס איך? איך האָב נישט געזעהן און זי זאָגט: ניין.

מילא, עס איז דאָך נאַריש, איך וועל דאָך דער רביצין קיין דין=תורה נישט פסק׳ענען, מאַך איך פשרות. קומט מען פרייטאָג, טויש איך אוים אויף מיינע קוילישען, אַ גאַנצע וואָך גיב איך צו אַ ביסעל הייוען אויף קליסקעלעך. הכלל — צרות צרורות! געלויבט איז גאָט, עס האָט אַ שניידער געברענגט געפּרעסטע הייוען! אוים פונדוש! אַיין — עק!

מיט׳ן הייזעל ווייטער איז אַזוי געוועזען:

ער האָט בעמערקט, אַז די רביצין מאַכט זיך אַ קניפּעל. מילא, מאַכט זי — מאַכט זי; זיין דאגה. די קינדער געהט עס אפילו גוט, נו, וויל זי אפשר איין אייניקעל אַ מתנה קויפען; זאָל זיין אַזוי. ער אפילו האַלט נישט דערפון, נור מיט אַ יידענע פיהרט ער קיין מלחמה נישט. אפשר, טראַכט ער, מיינט זי עפּים אַנדערש. „איך ווייס, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, אַ סך גרייטען זיך אָן אויף שפּעטער... ווייס איך! איך זאָג: „ברוך השם יום יום!“, אַז מען וועט נפטר ווערען, וועט זיין תּכריכים! נור ער מישט זיך נישט אַריין!

די הייוען זענען נאָך דעמאָלט געגאַנגען, און, קורץ און בקיצור, „איינמאָל דערציילט מען מיר און בית=המדרש אַ מעשה! באשר בכן, די רביצין האָט געקויפט אַ ביסעל געהילץ! איך קום אַהיים, אמת! זי האָט שוין אפילו בעשטעלט בעלי=מלאכות, זי הויבט אָן בויען אַ הייזעל! וואָס איז? זי וויל נישט וואוינען קאָמאָרינע!“. ער האָט זיך ווייטער נישט געמישט, — זאָל זי בויען! און זי האָט אויפגעבויט, זי האָט זיך אַריינגעצויגען, ער — האָט נור איבערגעטראָגען זיין ש״ס. —

„נו, בין איך בעל=הבית אויך!“

איז איהם אָבער זעהר ווייט געוועזען צום בית המדרש.

„לא־עליכם, אויף דער עלטער זענען מיר שוואַך געוואָרען די פּיס. אין דערהיים קיין סך ספרים האָב איך נישט. אין בית־המדרש ווייטער איז אַ חרם, נישט אַרויסצוגעבען קיין ספר. נישט נור דעם רב, קיין ראש־הקהל אפילו נישט. מאַכט זיך אַ שאלה, האָב איך מיר נישט מיט וואָס די הענד צו צופיהרען, איך האָב געליטען צער דערפון"!

—„וואָס טהוט גאָט? מאַכט זיך אַ שרפה'לע, עס זענען אָבגעברענט געוואָרען עטליכע הייזער. מיינס אויך! געלויבט איז גאָט! די בעלי־הבתים האָבען קיין גרויסען היזק נישט געהאַט, זיי זענען געווען „סעקעריערט"; איך אודאי נישט — קהל האָט מיר, ווי איהר זעהט, אָבגעצוימט אַ שטיקעל „בית־המדרש"!„

# יא.

# לַאשְׁצָיאוו.

אין אַ טונקעלע זומער=נאַכט, צווישען 11 און 12, בין איך אָנגעקומען קײן לאַשציאָוו. ווייטער אַ מאַרק, אַרומגעצוימט מיט געבויטע און געמויערטע הייזלעך. אין מיטען מאַרק ליגען אָנגעוואָרפענע ווייסע שטיינער. איך פאָהר צו נעהנטער, — די שטיינער ריהרען זיך, קריגען הערנער; עס ווערט פון זיי אַ מאַסע הערליך=ווייסע ציגען.

די ציגען זענען געשייטער פאַר טישיוויצער קהל; זיי דערשרעקען זיך נישט. איינע אָדער צוויי אינגאַנצען האָבען אויפגעהויבען די קעפּ, בעטראַכט אונז שלעפעריג, און ווייטער זיך גענומען צום קאַרגען גראָז אין גאַס און צום קראַצען איינס דאָס אַנדערע!

גליקליכע ציגען! עס מאַכט אויף אײַך קיינער קיין בלבולים, איהר ברויכט זיך נישט שרעקען פאַר סטאַטיסטיקער. אמת—מען קוילעט אַייך, נו וואָס? ווער שטאַרבט נישט פאַר דער צייט? יסורים—האָט איהר זיכער ווייניגער!

איך דערמאַן מיך, וואָס מען האָט מיר אין טישיוויץ געזאָגט: אין לאַשציאָוו וועט אייך בעסער און געשווינדער געהן. רוהיגע בעלי־בתים, שטילע, עס וועט אייך קיינער נישט נאָך לויפען".

קהל און די ציגען זעהען אוים אַ זווג צו זיין; איינס אין דאָס אַנדערע געראָטען.

דאָך מיין גאַסט=הייזער, מיינס אַיין אַלטער בעקאַנטער, מאַכט מיר אַ ביסעל שווער דאָס האַרץ, עס איז נישט, זאָגט ער, אַזוי לייכט ווי מען מיינט.

— און וואָס וועט איהר טהון, פרעגט ער, איהר וועט אַרומגעהן מבית לבית?!

— ווי דען?

— הלואי מען זאָל אייך ענטפּערען אַ גוט וואָרט!

— פאַר וואָס נישט?

— אַ יוד האָט פיינט, מען זאָל איהם עפענען און ציהלען די קאַסע.

— וואָס איז, די ברכה וועט נישט אַריין?

— ניין, דאָס נישט, נור די קללה — דער קרעדיט וועט אַרויס.

## יב.

## די ערשטע פּריב.

אין דער פריה, נאָך איידער דער שמש איז געקומען, זענען שוין געוועזן ביי מיר עטליכע יודען; זיי ווילען זעהן דעם פערשרייבער. מיין שם פאָהרט פ אַ ר מיר!

איך מאַך א פּריב, און ווענד זיך צו איינעם.

— גוט מאָרגען, ר׳ קרוב.

— גוט מאָרגען, שלום־עליכם.

ער דערלאַנגט מיר גאַנץ פויל די האַנד.

— ווי הייסט איהר, ר׳ קרוב?

— לוי־יצחק.

— און אויפ׳ן דייטשען נאָמען?

— וואָס דאַרפט איהר צו וויסען?

— וואָס, א סוד איז עס?

— א סוד צי נישט א סוד, נור איהר מעגט מיר זאָגען, נאָך וואָס איהר דאַרפט וויסען... דאָס איז דאָך אוּדאי קיין סוד נישט!

— איהר ווייסט דען נישט?

— נישט אַקוראַט...

— און ווי איז אייער „מכח שטוים״?

— „בערענפעלץ״, — ענטפערט ער א ביסעל פערשעמט.

— א ווייב?

— עט!

— וואָס הייסט „עט״?

— ער וויל זיך גט׳ן! — ענטפערט פאַר איהם איין אַנדערער.

— וויפיעל קינדער?

ער מוז זיך מישב זיין, און ציילט אויף די פינגער: פון ערשטען ווייב, מיינע — איינס, צוויי, דריי, איהרע — איינס צוויי, — פון צווייטען ווייב...

עס ווערט איהם דאך נמאס צו ציילען —

— נו, זאל זיין זעקס!

— „זאל זיין" טויג נישט, איך דארף וויסען אקוראט!

— זעהט איהר, אט דער „אקוראט" איז נישט פראסט! אקוראט!

וואס דארפט איהר וויסען אקוראט? וואס איז, א טשי־נאוניק זענט איהר? מע'צאהלט אייך דערפאר? עס וועט אייך עפיס נאכפאהרען און קאנטראליערען? א־קו־ראט!

— זאג, בהמה, זאג! מונטערן די רעשט. האסט אנ־געהויבען — זאג!

זיי ווילען וויסען, וואס פאר א שאלות עס וועט אלץ זיין.

ער האט נאך אמאל איבערגעציילט אויף די פינגער און עס איז געווארען, ב"ה, 3 מעהר.

— ניין קינדער, זאלען געזונד און שטארק זיין.

— וויפיעל זיהן, און וויפיעל טעכטער?

ער האט נאך אמאל געציילט:

פיער זיהן און פינף טעכטער.

— וויפיעל זיהן, און וויפיעל טעכטער האט איהר אויס־געגעבען?

— דאס דארפט איהר אויך וויסען? זאגט מיר פארט, נאך וואס?

— זאג שוין, זאג! רופט דער עולם אונגעדולדיגער —

— דריי טעכטער און צוויי זיהן, ענטפערט עמיץ פאר'ן געפרעגטען —

— טאקי? מאכט דער געפרעגטער, און שראליק?

— ער האט דאך נאך נישט חתונה געהאט?

— ביזט א פערד! מע'רופט איהם דעם שבת אויף! וואס

מאַכט אויס אַנדערהאַלבען וואָכען? —

איך פערשרייב, און פרעג ווייטער:

— גערדיענט אין מיליטער האָט איהר?

— אַ בעצאָהלטער, 400 רובל! וואו נעם איך זיי היינט! קרעכצט ער.

— און די זיהן?

— דער עלטערער האָט אַ גולע אונטער׳ן רעכטען אויג, און איז, לא־עליכם, נאָך אַ ביסעל געבערעכט... אָבגעלעגען איז ער אין דריי שפיטעלער, געקאָסט האָט מעהר ווי אַ חתונה! און מע׳האָט איהם קיים פון פאָלק אַהיים געשיקט! דער צוויי־טער האָט אַ וויבאָר, דער דריטער דיענט —

— און דאָס ווייב?

— מן הסתם איז זי ביי מ י ר! וואָס איז די שאלה?

— זי האָט דאָך געקענט זיין ביי א י ה ר פאָטער!

— אַ קבצן!

— אַ הויז האָט איהר?

— ווי דען!

— וויפיעל איז עס ווערט?

— עס זאָל שטעהן אין זאַמושץ וואָלט עס ווערטה גע־וועזען, היע איז עס נישט ווערטה אַ דרייער, טיליע וואָס איך האָב אַ דירה.

— פאַר 100 רובל וואָלט איהר עס פערקויפט?

— חס ושלום! אַ נחלה?! פאַר 300 אויך נישט, זעהט איהר — 500 רובל! מאַ! וואָלט איך מיר געדונגען אַ שטיבעל, געמאַכט אַ שטיקל עסק...

— און אַזוי וואָס איז אייער געשעפט?

— ווער האָט אַ געשעפט?

— פון וואָס לעבט איהר?

— ד אָ ס מיינט איהר?! מע׳לעבט!

— פון וואַנען?

— פון השם־יתברך! אַז ער גיט, האָט מען!

— ער ווארפט דאָך נישט פון הימעל אַראָב!

— ער ווארפט טאַקי! איך וויים, פון וואַנען איך לעב? אַט, מאַכט אַ חשבון: איך דאַרף אַ הון — 4 רובל אַ וואָך אודאי! פון הויז האָב איך, אַ חוץ מיין דירה, אַ רובל 12 הכנסה; נעהט אַראָב 9 רובל פּאַדאַטעק, אַ 5 רובל אויף רע־פּעראַציע, בלייבט — אַ לאָך אין קעשענע אויף 2 רובל אַ יאָהר אודאי!

ער פאַלט אַריין אין גדלות:

— קיין געלד, ברוך־השם, האָב איך נישט! נישט איך, נישט די אַלע יידען, וואָס שטייהען דאָ, נישט אַלע יידען! אויסער, אפשר, די דייטשען פון די גרויסע שטעדט... מיר האָבען נישט קיין געלד! קיין מלאכה קען איך נישט, מיין ווידע האָט קיין שטיוועל נישט גענייהט! פונדעסטוועגען, אַז השם יתברך וויל, לעב איך; און לעב שוין אַזוי אַ יאָהר עטלי־כע פינפציג! און — דאַרף מען אַ קינד חתונה מאַכען, מאַכט מען חתונה, טאַנצט מען אין דער בלאָטע!

— הכלל, וואָס זענט איהר?

— אַ יוד!

— וואָס טהוט איהר גאַנצע טעג?

— איך לערן, איך דאַווען... וואָס טהוט אַ יוד?! אַז איך עס אָב, גייה איך אין מאַרק אַריין...

— וואָס טהוט איהר אין מאַרק?

— וואָס איך טהו? וואָס עס לאָזט זיך! אָט, נעכטען למשל, האָב איך, דורכגעהענדיג, געהערט, אַז יונה באַריק וויל קויפען, פון אַ פריצ׳ס וועגען, 3 טריקעס; פאַרטאָג בין איך שוין ביים צווייטען פריץ, וואָס האָט אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט צופיעל טריקעס! האָב איך געמאַכט מיט יונה באַריק יחדו, און האָבען ברוך־השם פעררדיענט צו אַנדערהאַלבען קער־ביל־שטיק!

— זענט איהר, הייסט עס, אַ מעקלער?

— איך וויים? אַמאָל פאַלט מיר איין, קויף איך נאָר אַ

בילדער

קערציל תבואה!

— אַמאָל?

— וואָס הייסט אַמאָל? אַז איך האָב דאָס קערביל קויף איך.

— און אַז נישט?

— שאַף איך מיר אַ קערביל!

— ווי אַזוי? —

— ווי הייסט ווי אַזוי?

און עס דויערט אַ שטונדע, איידער איך ווער געוואָהר, אַז לוי יצחק בערענפעלץ איז אַ שטיקל דין און זיצט אין בוררות, אַ שטיק מעקלער, אַ חלק סוחר, אַ פּיצעל שדכן, אַמאָל, פאַלט איהם איין, געהט ער גאַר אין שליחות.

און פון די אַלע, אויסגערעכענטע און פערגעסענע „מלאכות" פערדיענט ער, חאָטש בדוחק גדול, זיין ברויט פאַר ווייב און קינד! אפילו פאַר דער אויסגעגעבענער טאָכטער, ווייל איהר שווער איז גאָר אַ קבצן!

## יג.

# די צווייטע פּריב.

מען פיהרט מיך אין אַ געוועלבעל אַריין.

עטליכע פעקליך זאַפּאַלקעס, עטליכע פידעליך פּאַפּי־ראָסען; נאָדלען, שפּילקים, האָהרנאָדלען, קנעפּליך, געלער גרינער זייף! עטליכע שטיקליך היימיש־גע׳מלאכה׳טער שמע־קעדיגער זייף... אַ ביסעל בשמים, און נאָך קלייניגקייטען...

אַ צושפּרינג: ביים טיש ליגט איין אַלטע סאָלע, דאָס איז שוין, אַ ביי־געשעפט.

— ווער וואוינט דאָ? פרעג איך.

— איהר זעהט דאָך! — ענטפערט מיר אַ יידענע און קעמט ווייטער אַ מיידעלע פון אַ יאָהר צעהן, וואָס האָט דער־וויל אָפּער געחאַפּט דאָס קעפּיל פון אונטערן קעמעל, און בעקוקט מיט גרויסע פער׳חדוש׳טע אויגען דעם גוי, וואָס רעדט יידיש!

— לעגסט צוריק דעם קאָפּ! חצופה! שרייט די מוטער.

— ווי הייסט אייער מאַן? פרעג איך.

— משה!

— אויפ׳ן דייטשען נאָמען?

— זיין נאָמען זאָל אַהיים קומען! — שילט זי פלוצים — 4 שעה איז ער געגאַנגען אָבנעמען ביי דער שכנות אַ טעפּעל.

— הער אויף צו פּיסקעווען׳ — מאַכט דער שמש, — זאָג, וואָס מען פרעגט דיך —

פאַר׳ן שמש האָט זי מורא, ער איז שמש און סאָלטים

צוזאַמען. ער נעמט צונויף די פּאַדראַמקעס און איז, אַ חוץ דעם אַ חשוב ביים וואָנט:

— ווער פּיסקעוועט? ווען? וואָס? אויף מיין מאַן טאָר איך אַייך קיין וואָרט נישט רעדען?

— ווי הייסט ער אויפ׳ן דייטשען נאָמען? פרעג איך נאָך אַמאָל.

דער שמש אַליין האָט זיך דערמאַנט און זאָגט מיר: „יונגפרייד״.

— וויפיעל קינדער האָט איהר?

— איך בעט אייך זייער, ר׳ קרוב, קומט שפּעטער, ווען מיין מאַן וועט זיין; דאָס איז זיין זאַך! גענוג, איך האָב אויף מיין קאָפּ דאָס געוועלב מיט דער שטוב, מיט זעקס קינדער לאָבוסעס... טשעפּעט איהר אייך האָטש אָב פון מיר!

איך פערשרייב ׳דערווייל: זעקס קינדער, און פרעג, וויפיעל זי האָט פון זיי אויסגעגעבען.

— אויסגעגעבען! הלואי וואָלט איך אויסגעגעבען, וואָלטען מיר וויינינגער גראָהע האָהר געוואַקסען! ס׳וואַקסט ביז׳ן גראָהען צאָפּ אַריין.

— איהר האָט סאַמע מיידלעך?

— דריי יינגען אויך!

— וואָס טהוען זיי?

— וואָס זאָלען זיי טהוען? צרות טהוען זיי מיר אָן! זיי האָבען אָפּענע מיילער!

— פאַרוואָס לערנט איהר זיי נישט קיין מלאכה?

זי פערציהט די נאָז, וואַרפט אַ בייזען בליק און וויל מעהר נישט ענטפערן.

איך פאַל אויף איין המצאה, קויף ביי איהר אַ פּעקעל פּאַפּיראָסען, זי ווערט אַ ביסעל בעסער אויפ׳ן פּנים. און איך פרעג.

— וויפיעל פערדיענט אייער מאַן?

— ער? ער פערדיענט! מע׳קאָן זיך דען מיט איהם בעהעלפען, נאָך אַ טעפעל צו אַ שכנות שיקען? אסור חזיר, ער זוימט שוין פיער שעה! איך וועל דען עסען היינט וואַרמעס דורך איהם?

זי איז ווייטער אַריין אין אַזאַרט; איך האָב געמוזט אָבטרעטען און חאַפען דעם מאַן אין. גאַם; איך האָב איהם דערקענט, ער האָט געטראָגען אַ טעפעל!

# יד.

## אין שוחט׳ס הויז.

פון שוחט׳ס הייזעל לויפען מיר אַקעגען פערשיעדענע געמישטע קולות. אַ גבור אַ האָהן שרייט זיין קוקוריקו מיט גאוה, גלייך עס וואָלט קיין חלף אויף דער וועלט נישט געוועזן. טרויעריג דאַגעגען מעקיט אַ צוגעבונדען קעלבעל; עס לייד, אַ פנים, הונגער... פאַר דאָס, צווישען די לאַטעס, אונטער׳ן הויכען, געלעכערטען דאַך, ציפּציען הונדערטער פייגעל, — זיי האָבען פליגעל און לאַכען אויס׳ן שוחט! זומער איז, די לופט איז פול ווערימליך; מענשען, אפילו די אָרימסטע, די קאַרגסטע, לאָזען איבער קרישקעלעך... ציפּ=ציפּ=ציפּ, ציפּ=ציפּ=ציפּ! אויסגעבעט איז די נעסט; אויסגעציערט מיט גלאַנצעדיגע פאַרבען דער „ער", סקראָמנע און שטיל די „זי", און די קינדערלעך זענען זאַט! עס איז זיי וואַרים און — אין ערגיץ נישט פערשריבען...

פרעגט זיי אָבער בחרם, וואָס מען מיינט „מום בקדשים"? מיט דער שאלה בעשעפטיגען זיך צוויי יונגע לייט, באָרפיסע, אין יאַרמולקעס, אויסגעטהון ביז די טליתים קטנים.

די יונגע לייט זענען נור פסול צו רעווידירען פאַטענטען, סחורה אויף דער קאַמער, אָבער קעלבער צום מזבח — פראַנק און פריי.

ווען גאָט האָט די וועלט צוטיילט; דער פויער האָט זיך גענומען די ערד, דער פישער — דעם טייך, דער יעגער — דעם וואַלד, דער גערטנער — די פרוכטבוימער, דער סוחר — די מאָס און די וואָג. און אַזוי ווייטער, האָט דער פּאָעט געוויילט אין אַ וועלדעל. די נאַכטיגאַל האָט איהם גע=

טרילערט, די בוימער — איינגערוימט אַלערליי וואַלד־קלאַ־טשערייען . . . און די אויגען, די פּאַטישע אויגען האָבען זיך נישט געקאָנט אָברייסען פון דער וועשינס קניהעןביים טייך און דער קיאַנקע אין איהרע הענד, און ער האָט אַלץ פערשפעטיגט! אַז ער איז געקומען, איז שוין די וועלט פערטיילט געוועזען. ביי גאָט איז פונזיינטוועגען מעהר נישט געבליבען ווי — וואָלקען, רעגענבויגען, ראָסע און זומער־פייגעל. צוריקצווועגס האָט ער אפילו שוין די וועשין נישט געטראָפען, זי האָט זיך געשטעלט ערגיץ פאַר איין אָם . . .

— האָסט פאַנטאַזיע, בעשאַף דיר וועלטען אַליין! האָט איהם גאָט געזאָגט!

און מען האָט מקנא געוועזען דעם פּאָעט, זיין וועלט איז די בעסטע! דער פויער בעאַרבייט זיין ערד מיט נויט און שוויים. דער פישער גייהט אויך נישט ליידיג; ווינטער דורכ־צוברעכען אייז, איז נישט קיין גוטע זאַך. דער יעגער ווערט מיעד פון לויפען און יאָגען. פון וואַלד־עפּעל מאַכען זיך „פאַננעס" נישט אַזוי גרינג! . . . דער סוחר אפילו מוז עפּיס טהון, האָטש פעלשען מאָס און וואָג, — אַ ניט שטאַרבט ער פאַר הונגער. איין פּאָעט, וואָס ליגט אויפ׳ן בויך און שאַפט זיך וועלטען!

עס איז אָבער אַ טעות געוועזען. עס האָט זיך אויס־געוויזען, אַז זיין נשמה איז נור אַ קאַמערא־אָבסקורא, און די גרויסע וועלט מיט איהרע גרויסע בלאָטעס, און מיט די חזרים אין די בלאָטעס פאָטאָגראַפירען זיך אָב אין איהר! כל־זמן דער חזיר וויסט זיין אָרט, איז נאָך צו דערליידען! קוים אָבער זעצט ער זיך אויבען אָן . . . ווערט דעם פּאָעטס וועלט אויך חזיריש ווי אונזערע . . .

מקנא צו זיין בלייבט נור אונזערע יונגע לייט: דעם שוחט׳ס זוהן מיט׳ן שוחט׳ס איידעם. אין דער וועלט פון „מום בקדשים" שלאָגט זיך אונזער וועלט מיט די חזרים איה־רע נישט אָב, צווישען זייער וועלט און אונזער וועלט

איז גאָר קיין שייכות, קיין בריק, קיין צוזאַמענהאַנג נישטאָ.

און דעריבער, אַז איך בין געקומען פון אונזער וועלט אויף יענע וועלט, ווערען די גמרות פערמאַכט, און אויף די יונגע פּנים׳ער האָט זיך בעוויזען שרעק און וואונדער; זיי וואָלטען דערזעהען עמיצען פון אַיין אַנדערער וועלט.

דער שוחט איז נישט אין דער היים, ער איז געגאַנגען אין דאָרף אַריין — דעריבער בלעקט נאָך דאָס קאַלב אין הויז. די שוחט׳קע האָט איהר שניט=קרעמעל.

די שנור און אַ טאָכטער שטייהען ביים קוימען דרייפאַכיג רויט. ערשטענס פאַר נחת פון די מענער מיט זייער תורה; צווייטענס פון דעם קנאַקעדיגען פייער; און דריטענס — פאַר בושה פאַר אַ פרעמדען מאַנספערשוין, און אַ דייטש דערצו. איינע האָט געחאַפּט אַ שפּיץ פאַרטוך אין מויל אַריין, די צווייטע האָט זיך אָבגערוקט, גלייך זי וואָלט אויסגעגאַנגען קדושה;ביידע קוקען אויף מיר פערוואונדערט פון אונטער קורצע שטערען אונטער האָהר=בענדלעך פון געפּלאָכטענע פעדעם.

די יונגע לייט זענען דאָך באַלד צו זיך געקומען. זיי האָבען שוין געהערט פונ׳ם „פערשרייבער", געשטויסען זיך, אַז איך בין עס!

דאָס פערשרייבען גייהט צו געשווינד.

דער שוחט נעמט פיער רובל אַ וואָך, אַ חוץ וואָס ער פערדיענט אין דאָרף; ווען נישט „שחיטת=חוץ", וואָלט ער גאָר געליוכטען. דאָס געוועלבעל מאַכט ווייניג, דאָך — אַ באַרער שטענדיגער גראָשען. פּרנסה, ב״ה, איז דאָ! די קינדער זענען פערזאָרגט: ביז הונדערט יאָהר עסען זיי קעסט; פלייש ביים שוחט פעהלט נישט! איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר וועלען זיי נעמען ירושה: איינער — די חזקה אויף שחיטה, דער צווייטער — דאָס געוועלבעל. דאָס הייזעל וועט בלייבען בשותפות!

זיי זעהען בעסער אויס, ווי אַלע אין שטעדטעל. בעסער

פֿאַר סוחרים, בעלי־בתים, בעלי־מלאכות... אפילו פֿאַר די שענקער מיט'ן פֿעלדשער צוזאַמען.

עס וועט נאָך קומען אַ צייט — טראַכט איך אַרויסגעהענדיג — ווען מלמדות אפילו וועט זיין איינע פֿון די בעסטע פֿרנסות...

עס איז דאָך נישט אַזוי שלעכט ווי מען מיינט. אַ חוץ רבנות, שחיטה, שמשות און מלמדות, איז דאָ נאָך אַ גוטע פּרנסה.

ביים שוחט אין הויז וואוינט אַ „קאַמאָרניצאַ"; זי צאָהלט פֿינפֿצעהן רובל אַ יאָהר. די טהיר איז צוגעשלאָסען, דורכ'ן פֿענסטער, וואָס געהט אין גאַס אַריין, זעה איך דאָך אַ גאַנ'ץ שיין שטיבעל. צוויי הויכפֿערבעטע בעטען מיט ווייסע קישען, הילצערנע רויטגעפֿאַרבטע כלי־בית, אויף דער וואַנד, נעבען קוימען, הענגען קופּערנע כלים, עס בלאַנקט אַ מעשענער הענגעל־לייכטער. דאָס שטיבעל איז פֿול מיט רחבות און בעל־בתישקייט.

— זי האָט זילבער אויך, — זאָגט מען מיר, — איך זעה אַ גרויסען קאַסטען מיט מעש־בלעך בעשלאָגען; דאָרט מוזען זיין בענש־לייכטער, אפשר ציהרונג אויך.

— וואָס קלערט איהר, — זאָגט מען, — זי האָט אַ מטמון מיט געלד; דאָס גאַנצע שטערטעל ליגט ביי איהר אין קעשענע! זי איז איין אלמנה מיט דריי יתומים. אַ גאַנצע וואָך איז די דירה געשלאָסען, ווייל זי קומט אַהיים משבת לשבת, אויסער שבת חזון. אַ גאַנצע וואָך איז זי אין די סביבות און בעטעלט מיט אַלע דריי קינדער.

# טו.

## די סקולער רביצין.

„אסתר המלכה איז געווען גרין, נור אַ פאָדעם לייט־זעליגקייט איז איהר געוועזען אויסגעגאָסען אויפ'ן פנים." אסתר די סקולער רביצין איז אויך גרין; אָבער נישט איין פאָדעם חסד, נור אַ גאַנץ בונט לייטזעליגע שטראַהלען ליגט אויף איהר פנים. אַיין אַלטע יידינע, אַ דאַרע; דאָס קעפעל איבערגעצויגען מיט אַ איינגעשרומפענעם דין־רויזיגען הייטעל, הוידעט זיך, ווי אַ הדר אַיין אתרוג, איבער'ן רויטען ברוסט־טיכעל. נור דער אתרוג האָט צוויי ערנסט־גוטע אויגען!

זי איז אַ היגע געבוירענע, וואוינט איינע אַליין. אַלע קינדער האָט זי אויסגעגעבען אין פערשידענע שטעדט אַריין; נור זיין ביי זיי, וויל זי נישט מכמה טעמים! פאַר שנירען און איידימס קאָן מען נישט ערוב זיין; און אַ מאַן האַלט פאַר'ן ווייב, אַ ווייב — פאַר'ן מאַן. (נישט אומזיסט זאָגט די הייליגע תורה: „על כן יעזוב": עס ווערט טאַקי איין פלייש). — וויל זי זיי נישט מעביר זיין אויף „כבוד־אם"; דאָס איז איין אמת'ער: „לפני עור לא תתן מכשול".

— „גאָט, ב"ה, — זאָגט זי, — האָט אַמישנע בעשאַ־פען אַזוי דעם מענש, אַז ער זאָל נישט זעהן דעם נאָהנטסטענס פעהלער, אַ נישט וואָלט געוועזען אַזוי פיעל גט'ן ווי כתובות!"

צווייטענס — האָט דער סקולער רב נישט איינמאָל גע־זאָגט, אַז אַיין אלמנה, וואָס קומט אָן צו איהרע קינדער, איז אַ טאָפעלע עגונה, און — „דעם סקולער רב'ס ווערטער דאַרף מען אַיינפאַסען אין גאָלד און טראָגען אויפ'ן האַלז פאַר אַיין אויבעל!".

— אמת, — זאָגט זי מיט אַ שטילען זיפץ, — היינט טראָגט מען שוין נישט קיין אויבעל, פאַלשע פערל זענען שענער!

אין סקול האָט זי נישט געקאָנט בלייבען. זייט דער

סקולער רב, איהר מאַן, עליו השלום, איז געשטאָרבען, איז איהר די שטאָדט נמאס ומאוס געוואָרען.

— טאַקי, — זאָגט זי, — פנה הודה, פנה זיוה, פנה הדרה.

זי פאָהרט אַהין איינמאָל אין יאָהר, אויף דער יאָהר־צייט. נור זי קאָן זיך דאָרט נישט לאַנג אויפהאַלטען — „אַ פוסטקע געוואָרען”!

פערציג יאָהר האָט זי געוואוינט מיט׳ן סקולער רב. די, וואָס האָבען איהם געקענט, זאָגען, אַז זי איז געוואָרען ער אוים׳ן אויג.

— ער איז געוועזען, — ער זאָל מיר עס מוחל זיין! — אַ מתנגד; האַלט זי נישט פון גוטע יידען. זיין „עבודה” איז געוועזען תורה, פשוט — „נגלה”, זיצט זי שטענדיג ביים „צאינה־וראינה”, אָדער לערנט דעם שלחן ערוך אויף עברי־טייטש! אַלע צוויי ווערטער פעררופט זי זיך אויפ׳ן סקולער רב, און — זיין קול, זיינע תנועות, זיינע מנהגים.

נאָך דעם סקולער רב׳ס קדוש און הבדלה, וויל זי קיין אַנדערענס ברכות נישט הערען; מאַכט זי זיך אַליין קדוש והבדלה, איבער חלות אָדער ראָזינקע־וויין. און איהר קדוש איז זיין קדוש אוים׳ן אויג; דער אייגענער שטילער, בעלי־בתישער נגון, מיט דער אייגענער מתיקות.

זי עסט „גלאַט כשר”, און איז אַ גרויסע מלומדת.

זי קען אַודאי שאלות פסק׳ענען אויך! זי איז אַודאי געשטאַנען פערציג יאָהר דורכאַנאַנד ביים קוימען, איבער־געדרייהט מיט׳ן גוטען פנים צום טיש, וואו דער מאַן איז געזעסען און געלערנט; מיט די טויבען־אויגען האָט זי אַיינ־געזאַפט יעדע תנועה זיינע מיט; די האַלב־בעהאַלטענע אויי־ערן אונטערן שטערען־טיכעל — זיין יעדעס וואָרט... זי איז געוועזען איין אמת׳ער „עזר כנגדו”; זיין יעדער געדאַנק האָט זיך דעריבער אָבגעשלאָגען אין איהר מח, און זיין גוטס־קייט — אין איהר האַרץ.

אַ טייך ליעגט שוין הונדערטער יאָהר אין איין אַנדער

געלעגער, און אַלע בעוועגונגען פון זיינע פּאַליעס זענען נאָך אויסגעקריצט אויפ'ן פּעלזען פון איבער דעם ערשטען געלעגער. דעם סקולער רב'ס לעבען האָט געקענט רוהיגער זיין פון אַ טייך, נור די רביצין איז פאַר איהם קיין פעלזען ניט געווען. גיכער אַ שוואַם, וואָס האָט אין זיך אַלץ אַריינגעצויגען.

פון דער היינטיגער וועלט איז זי נישט צופרידען.

„נישט פרום, — זאָל זיך דער רבונו של עולם זאָרגען... אַז זיינע יידעלעך פיהרען זיך אַזוי, מן הסתם וויל ער אַזוי... נור — אָהן אַ תכלית: די טייערסטע שטאָפען זענען שפּינוועבס, אויך נייהט מען נישט ווי אַמאָל, פריהער צושניידט מען אויף קלינעס!“

— פון קיין פרוכת וועל איך שוין נישט רעדען, נור מען קען אפילו קיין קינד קיין בגד דערפון נישט מאַכען. די פערציוטישע איבלען ווערען אַלע מאָל טייערער, אַ שטערענטיכעל האָט אַיין אייביגען ווערטה, אפילו פון אַ ברוסט-טוך קען מען אויסטעפען די פּערעם אויף זילבער און גאָלד, נור פון פאַלשע פערעל און דזיעטען קען מען שוין גאָר נישט מאַכען.

— און, גלויבט מיר, אַז ס'איז אַ סך מאוסער, על כל פנים — אין מיינע אויגען!

קיין שנאה טראָגט זי דאָך קיינעם נישט נאָך.

— מיין מאַן, דער סקולער רב, זכרונו לברכה, איז אַ מתנגד געווען, און קיינמאָל נישט גע'רודפ'ט קיין חסידים, — חס ושלום!

זי געדענקט, אַז די בעלי-בתים זענען אַמאָל געקומען שרייען, אַז ס'ען איז עובר זמן קריאת-שמע — האָט זי געהערט פון זיין אייגען „פה-קדוש“ אַזאַ תשובה: עס זענען פערהאַנען, — האָט ער זיי געזאָגט, — פערשידענע חילות, האָבען זיי פערשיעדען כלי-זיין, אַנדערע מנהגים, נור אַלע דיענען איין מלכות. אפילו שטיוועל, — האָט ער צוגעגעבען מיט זיין שמייכעלע — מאַכט מען אויך נישט אויף איין קאָפּיטע.

זי געדענקט אַלע זיינע ווערטליך, און פיהרט זיך לויט זיינע דעות.

ער פלעגט זיך שטאַרק בייזערן, אויב אַ בעל־מלאכה האָט זיך פאַר איהם אויפגעשטעלט; ער האָט שטאַרק געהאַל־טען פון אַ נהגה מיגיע כפו! און דעריבער, אַז זי איז אַהער געקומען מיט איהרע עטליכע הונדערט גילדען, האָט זי זיך באַלד פערלייגט אַ פאַבריקעל פון פּאַטאַש.

— אַ יידינע — זאָגט זי — איז נישט פטור פון דעם; עס איז נישט קיין „מצות עשה שהזמן גרמא". דערנאָך האָט מען איהר די פאָר זהובים בעהאַלטען, און זי איז געבלי־בען ביים פּאַטאַש אַליין.

— עס וואָלט — זאָגט זי מיר — קיין שלעכטער מסחר נישט געוועזען, איך לייז, ברוך השם... פאַר ימים־טובים אפילו 2 — 3 רובל אַ וואָך! וואָרען — געלויבט איז זיין ליע־בען נאָמען — מיין פּאַטאַש האָט אַ שם אין די סביבות, נור - היינטיגע צייטען, אַלץ גייהט אויף באָרג... ווערט מיר אַמאָל פערפאַלען.

איך קוק מיך אום אין אַלע זייטען; איך זעה נישט קיין כלים, קיין זאַכען צו דער מלאכה.

— דערצו — גיט זי מיר צו פערשטייהן — דאַרף מען גאָר נישט: מען נעמט אַ ביסעל זאַלע (אַש פון קוימען), קאַרטאָפעל, און אַנדערע געוויקסען, מען צואַרבייט אין וואַסער, לאָזט אויספאַ־רען, און מען שטעלט אויספרייען צום קוימען. פון דעם קומט אַרויס אומריינער פּאַטאַש; און — אַז מען טהוט נאָך אַמאָל דאָס איי־גענע, ווערט שוין דערפון „ליטער", דאָס הייסט, ריינער פּאַטאַש"!

ביי מיין אַוועקגעהן, פרעגט זי מיך אַ ביסעל פערשעמט און בעזאָרגט:

— זאָגט נור, איך בעט איבער אייער כבוד, און אַז אייערע כתבים וועלען קומען אין די גרויסע הענד אַריין, וועט מען מיך נישט הייסען נעמען אַ פּאַטענט?

# טז.

## אַסֶעקוּרִירְט.

אַ רוהיג־שטילע זומער־נאַכט. אין עק הימעל שוואַרצט זיך דאָס בעריהמטע וועלדעל; אויף זיינע ביימער האָבען עס אונזערע עלטערן אויסגעשניטען די מסכתות, אויף וועלכער זיי האָבען געמאַכט אַ סיום אין וועג. דאָ נישט ווייט האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט. דער „ראש הגולה" האָט געזאָגט: פה־לין! און פון דעמאָלט אָן הייסט דאָס לאַנד פוילין; די אמות־העולם קענען אָבער נישט אויסלייגען!

אויך האָט דאָס וועלדעל אַ קורצען וועג קיין ירושלים. און —עס איז געוועזען אַמאָל אַ ציעג, ביי איינעם פון די ל״ו צדיקים, און די ציעג האָט געקענט דעם וועג; זי פלעגט אַלע פאַרטאָג לויפען זיך פאַשען צום הר־הבית, און צוריקקומען מיט 3 טעפ מילך פאַר'ן צדיק'ס וועגען.

רעכטס פונ'ם וואַלד, ביי'ן אַ טייכעל, ליעגט דאָס שטעדטעל. עס איז געטיילט אויף צוויי חלקים. איין חלק איז אַ לאַנגע שנור — אַ גראַדע, ברוקיערטע גאַס מיט געמויערטע הייזער, אונטער בלעכענע דעכער, — סאַמע גשמיות, צוגעקאָוועט צו דער ערד מיט פונדאַמענטען. די איינוואוינער פון דער גאַס זענען זיכער, אַז זיי וועלען דאָ לעבען און שטאַרבען; אַז, ווען עס זאָלען קומען אַלע ווינטען פון דער וועלט, וועלען זיי זיי נישט ריהרען פונ'ם אָרט.

דערנאָך געהט ערשט דאָס צווייטע טייל. גאָר איין אַנדערע וועלט; סאַמע רוחניות: לייכטע היהנערנע הייזער, דורכאויס סאָסנע און שטרוי, זעלטען אַ שינדעל־דאַך. עס בלאָזט אַ קליין ווינטעל — ואיננו... צי האָפען די איינוואוינער צו

געפינען דעם קורצען וועג, און זולען, ווי די אונשטערבליכע ציעג, דעם הר=הבית, אָדער זיי שפעקולירען אויף פייערקאַסע?

און ווי ענליך די הייזלעך זענען צו די איינוואוינער! אויך שמאָל=ברוסטיג, פערטונקעלטע פענסטער=אויגען, איינגעהויקערטע אונטער אַ פעררוקטען שטרויענעם ספאָדעק.

פון די סבות קרעהען אַרוים העהנער, קוואָקען היהנער און געגז געגגען. פון זומפּ, וואָס לעקט מיט שבעים לשונות די שוועלען, קוואָקען בעל=בתיש די פרעש. נישט זעלטען מישט זיך אַריין אַ יידיש קעלבעל מיט אַ בלעק, און אַ גוישער הונד ענפערט איהם פון דער לאַנגער גאַם.

באַלד אין דער פריה וועל איך אָנהויבען פערשרייבען.

איך ווייס פריהער, וואָס עס וועט זיין: אויב נישט 36 רובל אַ יאָהר, וועט אַרוים 33 און 32... איך וועל געפינען אַ סך מלאכות און ווייניג ברכות; פאַבריקען פון פאָטאַש, אַ סך ליידיגע שטובען... דער שמש וועט מיר אויסרעכענען: ער איז אַ לייפער, זי — אַ פשעקופקאַ; צוויי מיידלעך דיענען, אין לובלין, אין זאַמושטץ... איין בחור איז אַ בעלפער, דער אַנדערער דיענט, און די שנור מיט 3—4—5 קינדער איז אַהיים געפאָהרען צו איהר פאָטער=און=מוטער...

איך וועל טרעפען פערלאָזטע קינדער, וואָס באָדען זיך צוזאַמען מיט געגז און ענטען אין עק זומפּ; פיצלעך=דרויב, וואָס רייסט זיך די העלזלעך — אין וויעג, קראַנקע אָהן הילף אין די בעטען, קעסט=קינדער ביי גמרות, יונגע ווייבלעך אין פעלענע שייטלעך מיט בושה און אָהן בושה... קוים מאַך איך צו די אויגען, שווימען פאַר מיר דורך טאַמע מאַטע, גרינע, בלאַסע, פערקרומטע צורות... זעלטען איינע שמויכעלט. זעלטען איינע מיט אַ חן=גריבעל... אַלע מענער אַזוי ווייניג מעניש, אַזוי גולם׳עוואַטע... ווייבלעך מיט פערטריפטע אויגען, טראָגענדיג — אַ מולטער אויבס, אַ זאַק ציבעלעס, אָדער אַ פרישען „אתה בחרתנו“ מיט אַ זאַק ציבעלעס צוזאַ=

מען. — איך ווייס פֿאַראויס, אַז איך וועל טרעפֿען אַ טרפֿה־נע שענק, צוויי־דריי פֿערדס־גנבים, און מעהר ווי צוויי־דריי פֿאַסיערער...

נור וואָס וועט זיין פֿון דער סטאַטיסטיק? צי קען זי ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע: אויף וויפֿיעל ליידיגע מאָגען, ליידיגע צייהן; אויף וויפֿיעל מענשען, וואָס אַ שטיקעל דאַר ברויט ציהט זיי די אויגען ווי מיט צוואַנגען אוים די לעכער אַרויס; אויף וויפֿיעל מענשען וואָס זענען באמת געשטאָרבען, פֿאַר הונגער — עס פֿאַלט אוים אַ טרפֿה'נע שענק, אַ גנב און אַ פֿערדס־גנב?

די געלעהרטע מעדיצין האָט ערפֿונדען אַ מאַשין, וואָס פֿערשרייבט דעם דפֿק, דאָס האַרצקלאַפּען; די נאַרישע סטאַ־טיסטיק שפּיעלט זיך מיט ציפֿערן.

צי ווייסט זי, וויפֿיעל מאָל און — יעדעס מאָל — ווי טיעף און ווי שטאַרק דאָס האַרץ האָט געקלעמט ביי'ן אַ הישפּאַני־שען מיוחס'ס אייניקעל, דעם תבואות שור'ס אַ זוהן, אָדער אַזוי אַ בעל־הבית, איידער ער האָט דאָס ערשטע מאָל אָב־געטהון, וואָס נישט רעכט איז? און ווי לאַנג עס האָט דער־נאָכטען געבלוטיגט? צי צייהלט זי חאָטש די פֿריהער און שפּעטער נישט געשלאָפֿענע נעכט? צי רעכענט זי, וויפֿיעל טעג הונגער, וויפֿיעל מאָל די קינדער האָבען זיך געוואָרפֿען אין קראַמף, וויפֿיעל מאָל די הענד און פֿיס האָט געוואָרפֿען דאָס פֿיבער ביים ערשטען אָנגיסען אַ גלעזעל בראָנפֿען אָהן אַ פּאַטענט?

און דער ליידיגער לופֿט שווימען פֿאַר מיר אַרוים געלע, בלאַסע און בלויע פּנים'ער, און ברוינבלויע פֿערברענטע, ליפּען — ליספּעלען:

— 24 טעג איז אויף מיין קיטען קיין פֿייער נישט געוועזען.

— 10 טאָג דורכאַנאַנד האָבען מיר געגעסען שאָלען פֿון קאַרטאָפֿעל.

— דריי זענען געשטאָרבען אָהן אַ דאָקטאָר, אָהן אַ

רעצעפט; דאָס 4=טע האָב איך שוין געמוזט ראַטעווען.

די הייזעריגע ווערטער שניידען מיר דאָס האַרץ, ווי אַ שטומפּיג מעסער; איך אַנטלויף פון פענסטער, ביי וועלכען איך בין געשטאַנען; אָבער די שטוב איז פול מיט געשפּענסטער.

ביים אויווען שטייט אַ רויטער ייד, איין אָנגעפּרעסענער — —חי, חי! — לאַכט ער, —גנבענען, קויפען אַ גנבה? אויך אַ געשעפט! לכל הפחות אַ חודש זיצען! — און אַ חודש וואָלט איך היזק געהאַט אַ מטמון... אויף מיר וועלען אלע פּריצים עדות זאָגען... ערליך! ערליך!

דאָס קול איז נאָך ערגער; עס זעגט..., איך וואַרף מיך אויפ׳ן בעט, איך פערמאַך די אויגען, און עס בעוויזט זיך מיר די אַלטע גוטע סקולער רביצין.

— אָבער, — מאַכט זי מיט איהר קינדיש זילבערן קול, — אָבער, אַז אויב נאָך אַלעס, וועט זיך אויסווייזען נישקשה׳= דיג, — וועסט דו, קינד מיינס, זאָגען פּרק: ועמך כלם צדיקים?...

עס דאַכט זיך מיר, אַז איהרע בלויע, גוטע, טויבענע אויגען גלעטען מיין הייסען שטערן מיט פערכשופט=ליכטיג=זיסע, לייטזעליגע שטראַהלען.

אונטער די אויגען בין איך איינגעשלאָפען, אוןביידע מלאכים, דער יצר=טוב מיט׳ן יצר=הרע, האָבען זיך מיר גע= חלומט. איך האָב זיי געזעהן, ווי זיי פליהען אַראָב פאַרטאָג פון הימעל, איינגעהילט אין אַ רויזיגען לייכטען נעפּעל.

דער יצר=הרע האָט געטראָגען אין איין האַנד — אַ בלוי פּאַפּיער מיט אַ גרויס שוואַרץ אויג אין דער הייך פון דער לינ= קער זייט, — איין אַקט, אודאי אויף אַ הויז, אפשר אַ גוט... אַ חוץ טייערע קליידער, שטריימלעך, קאַפּטאַנעס מיט סטראָ= קעס, זיידענע גאַרטלען, ווי אויך צילינדער אין פּרעק, ווי פאַר איינעם. אויך: שטערענטיכלעך, אויבלען, ברוסט=טיכער פון גינגאָלד, העלזער=פּערל, ווי אויך — זיידענע און אַטלאַסענע שלעפּען פוז אַלערליי קאָלירען, — דאָס אַלץ אין איין האַנד, און

אין דער צווייטער: שאָלען פון קאַרטאָפעל . . .

דער יצר־טוב — נאַקעט און בלויז, אָהן קליידער און אָהן כלים, אַזוי ווי גאָט האָט איהם בעשאַפען . . .

ביידע פליהען. עס דאַכט זיך מיר, דער יצר־טוב וויל מיר עפּיס זאָגען, ער עפענט דאָס מייליכעל . . . אָבער נישט זיין קול וועקט מיך אויף, נור אַ ווילד געשריי: עס ברענט! איך שפּרינג אויף, אַ שרפה פונקט געגענאיבער!

אַ פייערדיגע צונג שטרעקט זיך אויס צו מיר, און זי, דאַכט זיך, זאָגט:

— שרעק נישט . . . אַסעקורירט!

## יז.

## דֶער גְשְׂרָף.

די פייערדיגע צונג האָט מיר אַרויסגעשטרעקט ר׳ חיים זוייצענזאַנג׳ס הויז. וואָס אַמאָל ווערט די צונג גרעסער, דאָס הויז קלענער, ביז עס איז אינגאַנצען איינגעפאַלען אין אַ ים פון יללות און געשריי פאַר שרעק. צום גליק איז קיין ווינד בשעת שרפה נישט געוועזען.

אַז פון אונטער׳ן באָד איז אַרויס די זון, אַ רויט=הנ׳עוודיג, ווי אַ יונגע צדקת נאָך טבילה, האָט זי שיין מעהר נישט געזעהען, ווי שוואַרצע, לאַנגע מענער=קעפ מיט שטעקעלעך צווישען די גלאָווניעס. זיי זוכען „שירים״ פון ווייצענזאַנג׳ס עשירות, צווישען די „שיריים״ פון ווייצענזאַנג׳ס הויז.

אַרום הייזעל שטעהען שוין רעדליך געלע ווייבער, זיי האַלטען זיך צו מיט די „אָבגעגאָסענע נעגעל״ די ברודיגע שאַלען איבער די אומגעוואַשענע קעפ. און מיט בלאַסע ליפען, בעקרעכצען זיי און בעוויינען דאָס הויז.

מיט׳ן מאָרגען איז אָנגעקומען אַ פריש ווינטעל. פריהער וואָלט עס זיך די הענד צופיהרט, אַצונד שאָקעלט עס קוים מיט׳ן איבערגעבליבענעם אַלטען קוימען, ווי מיט אַ לולב איבער די ווייבער. דער קוימען שאָקעלט זיך און קרעכצט טרויעריג. ווי אַיין אלמן — אַיין אָבל. און אפשר הערט ער, ווי דער גאַסט=הייזער פערציילט מיר דעם „חורבן=הבית״, און שאָקעלט צו מיט׳ן קאָפּ: אמת אמת!

. . . . . . . . . . . . . . . . . . .

געשווינדער ווערסט דו אַמאָל אויפקלויבען יעדען פאָדעם, יעדען שטויב פון לעבען, פון וועלכע דער שר של שינה האָט

דיר אויסגעוועבט אַ פאַנטאַסטישען חלום, איידער דו וועסט נישט אויסזוכען אַלע מעשים, וואָס אַ ייד מוז טהון, איידער זיין אויער דערהערט דעם זיסען קלאַנג פון קופּערנעם גראָשען.

איך זאָל וועלען אַלץ פערשרייבען, וואָלט אַ שטערטעל געדאַרפט האָבען אַ בלאַנקעט, ווי די „יריעה מיט די זילבערנע פליטערליך", וואָס דער רבונו של עולם האָט אויסגעשפּרייט צווישען „רגלי השכינה" און אונזערע קעפּ, כדי די אויגען פון אַ בשר ודם זאָלען נישט זעהען, וואָס פאַר אַ מינע ער, כביכול, מאַכט, ווען אַזאַ מטופל שטעלט זיך אַנידער, הויבט אויף דעם קאָפּ מיט'ן אויסגעברענטען מוח, פערלאָשענע אויגען און ציטערינגען גאָרגעל, און, צוהאַלטענדיג דעם ליידיגען, איינגעצויגענעם מאָגען מיט אויסגעקנאָקטע, דאַרבייניגע הענד — און ער בעט אָהן אַ קול, אָהן אַ לשון — די צונג וויל זיך נישט איבערדרעהען — נור דאָס בלוט זיינס רופט: „רבונו של עולם", איך האָב מיינס געטהון, אַצונד מוזט דו שוין העלפען! — „רבונו של עולם"! פרנסני כעורב... וואָס בין איך ערגער פון'ם פויגעל?... רבונו של עולם, וואו זענען מיינע קרישקעלעך? ווען וועט זיין מיין שבת־שירה?"

און, לויט'ן לייב, וואָס ער האָט אויף זיך, איז ער גאַנץ ענליך צו'ן אַ פויגעל; עס פעהלט איהם נור פליגעל, און דעריבער אויך — אַ נעסט מיט קרישקעלעך...

פאַר דאָס זענען אַמאָל די יידישע פרנסות אַזוי ספּעציאַליזירט, אַז זייער גלייכען וועט זיין אין 21־סטען יאָהר־הונדערט, ווען איין ספּעציאַליסט וועט אויפהויבען די אויבערשטע ברעם, דער צווייטער — אַראָבדריקען די אונטערשטע, און אַ דריטער וועט בעטראַכטען דאָס קראַנקע אויג.

ווען אַ קאַלבס־בראָטען, אַ שמאַטע אין אַ פאַבריק פון פאַפּיר, אָדער אַיין עקספּאָרטירט איי — זאָלען האָבען אַ מויל צום רעדען און דעם רבין ר' העשיל'ס זכרון, וואָלטען זיי דאָך נישט אימשטאַנד געווען אויסצורעכענען, וויפיעל יידישע הענד עס האָבען זיי אַרויסגעצויגען און אַריינגעפיהרט, — פון פויערס

אָבאָרע אין בראָט־פאַן, פון מיסט־קאַסטען אין האָלענדער אַריין, מעבדות לחירות...

און אַ ידישע פרנסה איז אויך אַזאַ לייטער, ווי יעקב אבינו האָט געזעהען אין חלום, בשעת ווען פון אַלע שטיי־נער איז פאַר זיין קאָפּ איין שטיין געוואָרען. אַ לייטער, וואָס שטעהט אויף דער ערד און גרייכט ביז'ן הימעל אַריין.

ווי טיעף זי איז איינגעגראָבען אין דער ערד, ווייסט נור דער וואָרים, וואָס ליגט אונטער איהרע פיס; ווי הויך זי שטייהט — נור דער שטערן וואָס לייכט איבער איהר.

אונזער איינעם שווינדעלט, אַרויפקוקענדיג, פאַר די אויגען, אַראָבקוקענדיג אַלץ טיעפער און טיעפער — דרעהען זיך איבער די געדערם, און דאָס פנים ווערט אויף אייביג גרין.

אויף דער לייטער געהען מלאכים אַרויף און אַראָב... מענשען, ליידער, קלעטערען מיט די לעצטע כוחות אַרויף און פאַלען אָהן כח אַראָב. אַ ייד, ווען אפילו ער ברעכט נישט האַלז און נאַקען, ווען ער בענשט שוין גומל, האָט ער שוין אויך נישט קיין כח נאָך אַמאָל צו קלעטערן...

אויף אַזאַ לייטער איז געקראָכען אונזער נשרף.

פריהער איז ער „געלאָפען" אויפ'ן דאָרף, אונטער די באָרפיסע פיס האָט איהם די ערד געברענט. דעם קין קלינגט נישט דעם ברודערס בלוט אין די אויערן, נור ווייב און קינדם געשריי: עסען!

גאָט האָט געהאָלפען; אַ פּאָר יאָהר דורכאַנאַנד האָט ער סאַמע מציאות געקויפט; נאָך אַ משך פון אַ פּאָר יאָהר — אַוואַנ־סירט פון אַ „לייפער" אויף אַ „גייהער": אין דערהיים איז שוין דאָ פּאָראַט אויף אַ גאַנצע וואָך' דער מח איז רוהיגער, און האָט שוין צייט צו פיהלען, אַז די פיס ווערען געשוואָלען, אַז אַ טאַטע פון זעקס יגדער דאַרף גייהן, נישט לויפען, אויב ער וויל, די פיס זאָלען איהם דערטראָגען על כל פנים ביז צו איינעמס בר־מצוה...

און גאָט ב"ה האָט ווייטער געהאָלפען; ער איז שוין,

ברוך השם, אַ דאָרף־סוחר! דאָס הייסט: ער גייהט שוין צו פוס נור דעמאָלט, ווען עס מאַכט זיך איהם נישט קיין גע־לעגענהייט: פון איין דאָרף אין צווייטען אַריין פאַר אַ קאָפּיקע. מאַכט זיך אָבער איהם אַ געלעגענהייט — פאָהרט ער!

גאָט, ברוך הוא, האָט וויטער געהאָלפען; נאָך אַ פּאָר יאָהר, און ער האָט שוין זיין אייגענע פערד־און־בידקע!

און די צייט שטייהט נישט, ער רוהט נישט, גאָט, ברוך הוא, העלפט,— פון פערד ווערט אַ פּאָר פערד, פון דער ביד־קע — אַ ברישקע. עס קומט נאָך צו'ן אַ שמייסער! ער איז שוין תבואה־סוחר; פריהער האַנדעלט ער מיט פויערים, דערנאָך — מיט פריצים!

און אַז גאָט העלפט, קריגט מען חן ביי לייט: פריהער ביים גומיענני, דערנאָך ביים עקאָנאָם, דערנאָך ביים רזאָנד־צע, דערנאָך ביים לאָקיי פון הויף, און גאָר צום סוף ביי'ם חראַביע פ. אַליין. אָהָ! דעמאָלט ווערט ער שוין אַ תושב,— איין „איינגעזעסענער" אין שטעדטעל. פון שמייסער ווערט אַ היימישער משרת, פערד און וואָגען פערקויפט, און אין קעשענע ליגען דעם חראַביע פ.'ס קוויטלעך...

וואָס איז ער אַצונד?

אין שטעדטעל זעהט ער שוין אויס ווי אַ זון, אַרום וועלכער עס דרעהען זיך די שטערען — קלענערע סוחרים, און כוכבי דשביט — מעקלערס.

ער בעשיינט און בעלייכט דאָס גאַנצע שטעדטעל מיט קרע־דיט. יעלענסקין זעהט ער אויס ווי אַ שפּין, וואָס זיצט אין מיטען וועבעכטס, און וואו דער חראביע פ. איז איינער פון די פליגען, וואָס ווערען פערפלאָנטערט.

נאָך אַ צייט האָט אונזער „זון־שפּין" אָדער „שפּין־זון" פער־גרעסערט דאָס הייזעל, געשריבען מיט קינדער תנאים, צוגעזאָגט נדן, געקויפט דער ווייב פּערל, זיך — אַ שאָפּען פּעלץ, בע־שטעלט פאַר די יינגלעך בעסערע מלמדים, פאַר די מיידלעך — אַ לעהרער, אויסצולערנען האָטש אַ יידיש בריוועל שרייבען...

פרוצלונג (על כל פנים — פאַר׳ן שטעדטעל) האָט דער חראַביע פ. באַנקראָטיערט און אונזער שפּין-זון אָדער זון-שפּין האָט אויף אַמאָל אַלץ פערלוירען.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אַ חודש פריהער, ווען איך פאָהר דורך, וואָלט איך געווען פערשריבען:

אַ הויז,—1500 רובל, אַ פּראָפּינאַציע, אַ האַנדעל פון וואַלד און תבואה, אַ פּראָצענטניק.

ער האָט ביים חראַביע פ. 15000 רובל אויף 10 פּראָצענט, נישט אויף די היפּאָטיק, נור אויף האַנד-קוויטלעך...

היינט פערשרייב איך איין וואָרט:

„נשרף״!

איך קען דאָך צוגעבען:

„אַ ייד פון 82 יאָהר, געשוואָלענע פיס, אַ הויז-געזינד פון 17 פּאַרשוין...

## יח.

# דער עמיגראַנט.

איך עפען אַ טהיר.

אַ שטוב אָהן בעטען, אָהן כלים, אָנגעשיט מיט היי און שטרוי. אין מיטען שטוב שטייהט איין איבערגעדרייהט פעסעל. אַרום פעסעל — 4 מאַרזאַקעס־קינדער מיט צושויבערטע האָהר, אַרום אַ גרויסע געלע ליימענע שיסעל מיט „פיצמיטהאָנע“, פון וועלכער זיי שעפען מיט די רעכטע הענטלעך מיט בלעכענע פערגרינטע לעפעל. אין די לינקע הענטלעך האַלטען זיי — צו שטיקלעך קלייען־ברויט.

אין איין ווינקעל אויף דער ערד זיצט אַ בלאַס ווייבעל, און די טרעהרען קאַפּען איהר פון די אויגען אויף דער קאַרטאָפלע, וואָס זי נעמט זיך צום שיילען. אין צווייטען ווינקעל ליגט „ער“, אויסגעצויגען אויף דער ערד.

— בחנם אייער טרחה, ר׳ קרוב, — מאַכט ער צו מיר, און הויבט זיך נישט אויף, — בחנם אייער טרחה: איך בין שוין נישט קיין היגער.

אַז ער זעהט, אַז איך האָב דאָך קיין חשק נישט אַוועקצוגייהן, הויבט ער זיך לאַנגזאַם אויף.

— נו, וואו וועל איך אייך זעצען? פרעגט ער פערדריסליך.

איך בין איהם מבטיח, אַז איך קען שרייבען שטייהענדיג.

— איהר וועט פון מיר גאָר נישט האָבען! איך וואַרט נור אויף אַ שיפס־קאַרטע... איהר זעהט דאָך, איך האָב שוין אַלץ פון שטוב, אפילו די כלים צו דער מלאכה, פערקויפט.

— איהר זענט אַ בעל מלאכה? פרעג איך.

— אַ שניידער.

— און וואָס גייט איך אַרויסצופאָהרען?

— דער הונגער.

און דער הונגער איז געלעגען אויף זיין פנים, אויף איהר פנים, און נאָך מעהר אין די קינדערס ברענענדיגע אייגעלעך איבער דער פיצמיטהאָגע.

— קיין אַרבייט נישטאָ?

ער מאַכט מיט די פּלייצעס. עס הייסט: אָן דעם האָט מען שוין לאַנג פערגעסען.

— וואוהין פאָהרט איהר?

— קיין לאָנדאָן. איך בין שוין איינמאָל אין לאָנדאָן געוועזען, שען געלד פערדיענט. מיין ווייב 10 רובל אַ וואָך געשיקט, און אַליין ווי אַ מענש געלעבט, — האָט דער שוואַרץ יאָהר אַהיים געשלעפּט.

איך האָב געקלערט, אַז דער „שוואַרץ-יאָהר“ איז דאָס ווייב.

— פאַרוואָס האָט איהר אייער פאַמיליע נישט מיט-גענומען?

עס האָט מיך אַליין צוריקגעשלעפּט! פינסטער חשך איז דאָרט. אַזוי ווי איך האָב צוגעמאַכט איין אויג, האָט זיך מיר געחלומט דאָס שטעדטעל, דער טייך אַרום, דער וואַלד... עס איז מיר דאָרט ענג געוועזען, עס האָט גע-צויגען און געצויגען...

— דאָ איז טאַקי — זאָג איך — אַ הערליכע געגענד.

— לופט בחצי חנם!... און מיר שלינגען שוין, ברוך השם, לופט דריי יאָהר! היינט פאָהר איך שוין מיט ווייב און קינד! איין עק זאָל עס האָבען.

— און עס וועט אייך ווייטער אַ שאָד זיין דער וואַלד?

— דער וואַלד — פערקרימט ער זיך מיט אַ ביטערן שמייכעל — מיין ווייב איז אייערנעכטען געגאַנגען אין וואַלד אַריין

קלויבען יאַגדעס, האָט מען זי אָבגעצויגען און נאָך מיט אַ פּאָר בייטשען מכבד געוועזען.

— אַ טייך האָט איהר... וויל איך איהם אַוועקציהען פון די טרויריגע געדאַנקען. זיין בלאַס פּנים ווערט נאָך בלאַסער —

— דער טייך! דעם זומער האָט ער מיר אַ קינד צוגע־גומען.

איך בין קוים אַרויס פון שטוב.

## יט.

# דער משוגע.

איך בין אהיים געקומען אויף דער סטאנציע דענערוויערט. איך בין לאנג געלעגען אויף דער הארטער סאפע, איידער איך האב געקאנט צומאכען איין אויג. עס וועקט מיך א שארך. דורכ׳ן פענסטער גנב׳עט זיך עמיץ צו מיר אריין. איך זעה אויף דער פוטרינע צוויי דארע, ברודיגע הענד. עס הויבט זיך איבער זיי אויף א צושויבערטער קאפ מיט צוויי ברענענדיגע אויגען און א געל פנים.

— מיך ווילט איהר נישט פערשרייבען? פרעגט דער קאפ שטיל.

איך האב נישט געוואוסט, וואס צו ענטפערן. ער רעכענט: שתיקה כהודאה, און שטייהט שוין אין מיטען שטוב.

דערשראקען און נאך מעהר פערוואונדערט, לאז איך פון איהם קיין אויג נישט אראב.

— פערשרייבט, זאגט ער אונגעדולדיג. דערלאנגען אייך טינט און פעדער? ער װ׳ט וויטער נישט אויף תשובה און רוקט מיר צו, צו דער סאפע, דאס קליינע טישעל מיט׳ן שרייב־געצייג.

— שרייבט, איך בעט אייך, שרייבט!

און דאס קול איז אזוי מילד און שטיל, עס שלייכט זיך אזוי לייכט אריין אין הארץ, אז איך הער מיך אויף צו שרעקען.

איך זעץ מיך אויף צום פערשרייבען. איך פרעג, און ער ענטפערט.

— איהר הייסט.

— יונה.

— אויפ'ן צונאָמען ?

— יינגעלוויז האָט מען מיך גערופען יונה ציעג, נאָך דער חתונה — יונה דראָנג ; נור זייט עס האָט זיך מיר דאָס מכשול געטראָפען — דער משוגע'נער יונה.

— אויפ'ן דייטשישען נאָמען ?

— אַ . . . דאָס מיינט איהר ? באַלד, באַלד — פּערעל־מאַן ! איהר זעהט מיינע פּערל ? !

ער ווייזט מיר די צוריסענע רויטע פּאַטשיילע אַרום האַלז, און זאָגט :

— אמת'ע פּערל, האַ ! נור — איך היים אַזוי ! וואָס זאָל איך טהון ?

— אַ ווייב ?

— זי זאָלט איהר בעסער נישט פערשרייבען . . . זי וואוינט נישט מיט מיר . . . זייט דאָס מכשול האָט מיך גע־טראָפען, וואוינט זי נישט מיט מיר . . . אַ וואויל ווייבעל ! איך וואָלט איהר זעהר גערן געגעבען גט, נור דער רב לאָזט נישט ; ער זאָגט איך טאָר נישט, — אַ וואויל ווייבעל !

דערביי ווערען איהם די אויגען פייכט.

— זי האָט אפילו דאָס קינד צו זיך גענומען. עס איז איהם ביי איהר בעסער. וואָס וואָלט איך געטהון דערמיט ? ארומגעטראָגען ? מען וואַרפט אויף מיר שטיינער ; מען וואָלט מיר נאָך דאָס קינד געשעדיגט.

— איין קינד האָט איהר ?

— איינס.

— וואָס פאַר אַ „מכשול" האָט אייך געטראָפען ?

— איהר זאָלט אַזוי וויסען פון אַלדאָס בייז, אויב איך ווייס וואָס. דער עולם זאָגט — אַ דבוק. דער רופא זאָגט, אַז עס איז מיר אַ שטיין געפאַלען אין קאָפּ אַריין, האָט זיך מיר די נשמה, אָדער ווי ער זאָגט, „דאָס חיות" אַראָבגע־לאָזט אין בויך אַריין, דער שוואַרץ יאָהר ווייסט מיך ! איך געדענק נישט דעם שטיין. אַ בייל אויפ'ן קאָפּ האָב איך אפילו,

ער נעמט אַראָב דאָס היטעל מיט דער יאַרמאָלקע צו־זאַמען, בייגט אַיין דעם קאָפּ און ווייזט מיר אַ גאָל בערגעל צווישען די האָהר.

— אפשר איז עס פון אַ שטיין, נור משוגע בין איך, דאָס איז אמת!

— וואָס איז אַייער שגעון?

— צוויי דריי מאָל אין טאָג האָב איך די נשמה אין בויך, דעמאָלט רייד איך פון בויך אַרויס, און קרייהע ווי אַ האָהן... איך קאָן מיך באין אופן נישט אַיינהאַלטען, באין אופן נישט.

— פֿאַר'ן מכשול וואָס זענט איהר געוועזען?

— איך בין נאָך גאָר נישט געוועזען. עס האָט מיך גע־טראָפען באַלד ביים ערשטען יאָהר קעסט... דעריבער האָב איך טאַקי נור איין קינד, געזונד און שטאַרק זאָל עס זיין.

— האָט איהר עפּעס געלד?

— איך האָב געהאַט עטליכע גילדען נדן. אַ סך אַוועק נעגאַנגען אויף רפואות, גוטע יידען... די רעשט האָב איך איהר אַוועקגעגעבען.

— פון וואַנען לעבט איהר?

— פון צרות... יינגלעך וואַרפען מיר שטיינער, קען איך מיך נישט אַרומדרייהען אין מאַרק, אַזוי וואָלט איך אפשר עפּיס פערדיענט נעבען אַ סוחר...

מען פלעגט אויף מיר אַמאָל רחמנות האָבען, מקרב זיין. היינט — שלעכטע צייטען; מוז איך בעטלען, בעטעל איך פאַרוואַרעמעס, ווען די קינדער זענען נאָך אין חדר.

און איך האָב ווייניג דערפון... דאָס שטעדטעל איז קליין; אַ הויץ מיר זענען נאָך דאָ משוגעים... אָט זאָגט מען, ערשט נעכטען, האָט די „לאָקשיכע" געוואָרפען דער דיענסט אַ פאַן אין קאָפּ אַריין. זי וועט זיכער משוגע ווערען, גאַנץ זיכער; איך וויים נאָך נישט, צי זי וועט קרייהען ווי איך, צי בלאָזען אין דער פויסט אַריין, ווי שלמה'ציע דעם רב'ס אָדער, שווייגען ווי חנה די טיקערען...

# כ.

# בְּלַאנְקֶעטֶען

איך וויל דאָס שטעדטעל נישט אָנרופען ביים נאָמען, נור נאָך איינם אַזוינם ווען איך טרעף אויפ'ן וועג, וואָלט איך אויך אָנגעהויבען קרייהען. —

נאַט אייך בלאַנקעטען!

„געוועזען אַיין אויסגעצייכענטער שוסטער, מפרנס געוועזען ווייב און קינד (זעלטען—וועניגער אַלס 4 — 5) בכבוד. געוואונען אויף דער לאָטעריע, אויף אַ „בראָנשוויינגער", — אַ מטמון מיט גאָלד . . . אָנגעהויבען טרינקען. אַלץ פערטרונקען, ווייב און קינדער אויף דער מדינה געלאָזט, און אַליין איז ער נעלם געוואָרען. שטאַרבט אודאי ערגיץ אונטער אַ צוים".

נור דאָס איז וויניג יידישליך. נאַט אייך „מים שלנו" זיין שותף צום בראָנשוויינגער:

„געוועזען אַ מלמד. געוואונען אויף דער לאָטעריע, געדונגען בשותפות מיט'ן רבין אַ מיהל. די מיהל איז געגאַנגען קאַפּויר; באַנקראָטיערט . . . היינט איז ער שמש אין אַ חסידים־שטיבעל. קיין פענסיע נעמט ער נישט, נור ער פערקויפט אין שטיבעל דעם ביטערן טראָפּען. דאָס ווייב איז איין אַיינקייפערין, צוטראָגט אין די הייזער אייער, פוטער. זי פערדיענט וויניג, ווייל זי איז לאָהם. איין זוהן איז אַוועק, דער צווייטער אַרבייט ערגיץ ביי'ן אַ סטאָליער; איינער איז אין דערהיים, — קראַנק אויף שקראָפּול".

„אַלמנה ביילא באשע (דעם צונאָמען קען מען נישט געוואָהר ווערען) וואוינט צוזאַמען מיט אַ שנור אַ זעלנערקע. (דער מאַן איז נעלם געוואָרען אין טירקישען קריעג.) די

שנור פליקט פערדערן. זי איז א טוקערין און א וועלטערין ביי „קינפעטאָרינס" אָדער אזוי ביי קראַנקע. זומער, כל־זמן דער פריץ האָט געלאָזט, פלעגט זי קלייבן יאַגדעס און וואַלד. א קראַנקע יידינע, בעטעלט א ביסעל צו."

„זיינוויל גראף — ערשט נישט לאַנג געוואָרען א שינדער. פאַריאָהרען איז ער נאָך געוועזען א גרויסער פישער, האָט ער אָבגעדונגען דעם טייך, וואָס דער פריץ האָט געוואָלט פערדינגען א קריסט; א סך אָבטרעטגעלד געגעבען. א גאַנצען זומער האָט ער געכאַפּט נור טרפה'נע פיש, און איז בדיל הדל געוואָרען".

„שמערקע בענציעס — א געוועזענער דאַנציגער סוחר... שוין א יאָהר צוואַנציג, אז ער איז אהיים געקומען מיט'ן בייטש־שטעקעלע... האַנדעלט פון דעמאָלט אָן מיט ראָזינקע־וויין אויף קדוש. דאָס ווייב — א נייטאָרין; שוין א פּאָר יאָהר ליידט זי אויף די אויגען. זיי האָבען אפילו קיין קינדער נישט, נור עס איז א גרויסע קאָנקורענץ אויף ראָזינקע־וויין, לעבען זיי ברוחק.

„מלך פערילס — א שענער יונגערמאַן, נישט לאַנג נאָך קעסט... געהאַנדעלט בשותפות מיט א תבואה־סוחר, אָנגעוואהרען דאָס געלד; דערווייל איז דער שווער געשטאָרבען אין אָרימקייט. מען ווייסט נאָך נישט, צו וואָס ער וועט זיך נעמען, אינגאַנצען דריי קינדערליך, נישט מעהר".

מען האָט מיך נאָך געבעטען, איך זאָל פערשרייבען איינעם (מען האָט פערגעסען, ווי ער הייסט) א געלען ייד, מיט ווייב און קינדער (מען געדענקט נישט וויפיעל, נור א סך) ער ציהט זיך היינט־מאָרגען אין שטאָדט אריין. דער פריץ האָט איהם אָבגעזאָגט פון דער פאַלט. מען ווייסט נאָך נישט, צו וואָס ער וועט זיך נעמען, נור — פערשרייבען מעגט איהר איהם!"

---

# כא.

## דער למ״ד-וואָ׳ניק.

— ביי אונז — די מעשה פערציילט מיר אַ דרדקי-מלמד — איז טאַקי אין דער אמת געווען אַ למ״ד-וואָ׳ניק.

— ער האָט אַליין געזאָגט? פרעג איך.

— אַ שענער למ״ד-וואָ׳ניק וואָלט ער געווען, ער זאָל אַליין זאָגען! ער האָט געלייקענט שטיין און ביין. אַז מען האָט איהם געפרעגט דעריבער, איז ער געוואָרען מלא חמה, אָנגעצונדען. נור, אַ קשיא אויף אַ מעשה, געוואָהר גע-וואָרען איז מען, געוואוסט! — יאָ . . . די גאַנצע שטאָדט, קינד און קייט האָט געוואוסט! אַ שאלה דאָס איז! מען שמו-עסט — ברור כשמש! עס זענען געווען אין דער התחלה בלתי-מאמינים, האָבען זיי טאַקי געהאַט אַ מאוסען סוף.

אָט. למשל: יעקב-יוסף וויינשענקער, אַ ייד אפילו אַיין ערליכער, אַיין איש מכובד, האָט עפּיס, איך וויים נישט ווי אַזוי, געדרייהט אויפ׳ן מיט דער נאָז. גערעדט? חס ושלום! נור אַזוי, אַ דריי געטהון מיט דער נאָז, ווי איינער רעדט — מוחל! גאָר נישט! — נו, וואָס קלערט איהר? עס איז נישט אויסגעגאַנגען פינף, זעקס יאָהר — ואיננו! יעקב-יוסף ליעגט אויפ׳ן קברות! אַ רחמנות איז געווען אויף לאה דער מיל-כיגערין! עס איז געווען אַ בלאָטע און זי האָט איהם פון דער קלאַדקע נישט אָבגעטרעטען; וואָס זאָל איך אייך זאָגען, פון דעמאָלט אָן איז איהר מילך גערונען געוואָרען ביי אַלע בעלי-בתים אפשר אַ חדש דורכאַנאַנד! און דאָ העלפט נישט קיין בעטען! אַז מען קומט צו איהם, מאַכט ער זיך כאָי-לא-ידע און — שעלט נאָך!

— און גלאַט — ווײל איך מײן חריפות בעווײזען — תלמיד חכם, שמחל על כבודו אין כבודו מחול!

— תלמיד־כחם?! איז אַ למ"ד־ווי׳ניק אַ תלמיד־חכם? און רעכט עברי, מײנט איהר, האָט ער יאָ געקענט? נח מיט זיעבען גרײזען! און גלאַט —?! עברי איז גאָר נישט! בײ אינז האַלט מען נישט פון קײן עברי. ער האָט אפילו נישט געקענט מעביר זײן די סדרה. און פונדעסטוועגען, זעהט איהר, האָט זײן תהלים־זאָגען געמאַכט אַזאַ רושם אין די עולמות העליונים! נאָך יענער רב, זכרונו לברכה, האָט גע־זאָגט, אַז װעלװיל (אַזוי האָט ער געהײסען, דער למ"ד־ווי׳־ניק) לעכערט אַלע שבעה רקיעים! און נור זײן תהלים מײנט איהר? איך װעל אײך פערצײהלען, וואָס אַ מענש איז! בײ חנה דער טוקערין איז לאַ־עליכם׳דיג געוואָרען די ציעג, האָט זי זי געטריבען צום זנאַחאַר, וואָס וואוינט אונטער דער שטאָדט. די ציעג װאַקעלט זיך, אַזױ חולה איז זי געװעזען.

אויפ׳ן וועג — ס׳איז טאַקי געווען מן השמים — טרעפט זיך די ציעג מיט׳ן למ"ד־ווי׳ניק. און אַזוי ווי זי וואַקעלט זיך, האָט זי זיך אָנגעריַרט אין זײן בגד. וואָס קלערט איהר? כאחד האדם! אין דער רגע געזונד געוואָרען. זי האָט עס געהאַלטען אפילו בסוד, האָט זיך אָבער געטראָפען אַזאַ מעשה: עס איז געוואָרען אַ פגירה אויף ציעגען, טאַקי ממש „אין בית..." האָט זי אויסגעזאָגט די סגולה. האָט מען אַרויסגענאַרט װעלװעלין אין מאַרק אַרײן און אַרויפגעיאָגט אויף איהם אַלע ציעגען.

— און אַלע זענען געזונד געוואָרען?

— אַ שאלה דאָס איז, אפילו טאָפּעלט מילך געגעבען! די טוקערין האָט דערפֿאַר בעקומען אַ גראָשען פון אַ ציעג; נתעשר געוואָרען!

— און ער?

— ער? גאָר נישט! אַז ער האָט אַלץ אָבגעלײקענט, נאָך געבײזערט זיך און געשאָלטען... און אַזוינער טאָר

גאָר קיין געלד נישט נעמען, ער איז דאָך קיין גוטער ייד נישט... ער קען דאָך נישט נתגלה ווערען!

— פון וואָס האָט ער געלעבט?

— אַמאָל איז ער אַ שוסטער געוועזען (אַ למ״ד=וויו'ניק מוז דאָך זיין אַ בעל=מלאכה; חאָטש אַ וואַסערטרעגער, נור אַ נהנה מיגיע כפו), אין זיינס אַ פּאָר שיך פלעגט ער, זאָל לע=בען, גייהן צו סנדקאות... נור אויף דער עלטער איז ער געוואָרען אויס שוסטער; ער האָט שוין נישט געקענט אפילו קיין דראַטווע ציהען, ווער שמועסט אַ לאַטקעלע לייגען... די הענד האָבען איהם געציטערט... נור אַזוי: אַ שליחות'ל, אַ קענדעל וואַסער, אַ לינה, אַ תהלים זאָגען... פון דער תוכחה... און ווינטער — דער עיקר פון הרובע הייצען אין בית המדרש!

— האָלץ האָט ער געטראָגען?

— געטראָגען?! און חברה וואו איז? מען האָט גע=בּרענגט האָלץ, אַריינגעלייגט, ער האָט קאָמאַנדיערט און אונ=טערגעצונדען... מען זאָגט „אַ דומם", אַיין אויווען! און זעהט איהר, דער בית=המדרש=אויווען האָט איהם אַזוי געקענט, ווי אַ ווייב, להבדיל, אַ מאַן! אַז ער האָט אונטערגעהייצט, האָט זיך געברענט; עס האָט געמעגט זיין אַ ווינד סכנות נפשות! אומעטום האָט גערויכט, און דער בית=המדרש=אויווען האָט געפלאַקערט! און דער אויווען איז געוועזען אַ צושפּאַלטענער, אַ זקן מופלג! און לאָז איין אַנדערער פּרובען צוגייהן — באין אופן! אָדער עס ברענט נישט, אָדער דער רויך יאָגט פון אַלע שפּאַלטען; און אַניט, אַז נישט דאָס און נישט יענס, גייהט אַרויס די וואַרעם דורכ'ן קוימען, און בייגאַכט ווערט מען שיער נישט געפרוירען. דערנאָכטען, אַז ער איז נפטר געוואָרען, האָט מען טאַקי געמוזט אַריינשטעלען איין אַנדערע כלי; ווייל אויפ'ן אַלטען אויווען האָט קיינער קיין שליטה נישט געהאַט!...

אַ שאָד אַזאַ ייד! כל זמן ער האָט געלעבט, איז גע=

## ל. פרק.

חעזען פרנסה; היינט, רחמנא לצלן, אויסצוגייהן פאַר אַ דריי־ער! און מען האָט קיין דאָקטוירים נישט געדאַרפט...

— אַלץ זיין תהלים?

— איהר פרעגט ערשט! מען שמועסט „תציל ממות״! בחוש!

— איז קיינער נישט נפטר געוואָרען אין זיין צייט?!

— כולי האי! קיינער נישט נפטר געוואָרען! וואָס איז, דער מלאך המות מיינט איהר, האָט שוין גאָר קיין דעה נישט? וויפיעל מאָל, מיינט איהר, האָט דער „ייד״ אַליין, זכרונו לברכה, אָנגעוואונשען לרפואה שלמה, און ער, דער שטן, האָט זיך געשטעלט „שטאָרצעם״, נו, האָט עפּים געהאָלפען? אַ מלאך איז פאָרט נישט קיין קלייניגקייט! און דאָס בית־דין של־מעלה פסקעט איהם אויך אַמאָל צו! ווי דען! קיין דאָקטאָר האָט מען פאָרט נישט בעדאַרפט; עס האָט טאַקי קיינער דאָ נישט אויסגעהאַלטען; היינט האָבען מיר צוויי דאָקטוירים!

— חוצ׳ן זנאַחאַר?

— ער איז שוין אויך פערחאַפט געוואָרען...

— געפגרט?

— אויף אַזוינעם זאָגט מען נישט געפגרט... די סטרא אחרא איז אויך נישט קיין קלייניגקייט...

# כב.

## דער מסר

אויב טאַמאַשאָוו האָט געהאַט אַ למ"ד־ווו'ניק, האָט זי פאַר דאָס געהאַט אַ מסר אויך! דאָס האָט מיר פערציילט דער דרדקי־מלמד. און ער איז אויך ערשט נישט לאַנג — נור איך וויים נישט, וואָס מען זאָגט — נפטר, געשטאָרבען, צי פערחאַפּט געוואָרען.

און אפשר מיינט איהר — אַ פּראָסטער מסר; פשוט כמשמעו: ער האָט געזעהן ערגיץ אַ פאַלשע מאָס, אַ נישט־גלייכע וואָג, איז ער געגאַנגען און האָט אויסגעזאָגט? חס ושלום, דוקא נישט! נור „לא־יחרץ" געלד! נור געסטראַשעט: אָט גייהט ער, אָט לויפט ער, אָט פאָהרט ער, אָט שרייבט ער, אָט שיקט ער אַ „שטאַפעט"! וכדומה גוטע זאַכען; און האָט אויסגעצויגען די קליי פון די ביינער...

— און איז'ן איז ער אַ מכה שולדיג געוועזען — פערציילט דער דרדקי־מלמד — איך געדענק דאָך נאָך, ווען ירוחם האָט איהם אָראָבגעברענגט! אַ זיידענער יונגערמאַן! נור ירוחם האָט צוגעזאָגט נדן מיט קעסט און אַליין נישט געהאַט קיין מזון סעודה אחת. און ירוחם אַליין איז אויך אַ מכה שולדיג: דער ברודער זיינער געציל (אַ כלי, אַ גביר עצום), דער האָט דאָס גרעסטע חלק דערינען!

עס איז די מעשה מיט צוויי ברידער; איינער אַ קלוגער און אַ גוטער, און דער צווייטער אַ נאַר און אַ שלעכטער. דער גוטער־קלוגער איז אַיין אביון. און דער שלעכטער נאַר — אַיין עשר גדול. פערשטייהט זיך, אַז דער רייכער וויל דעם אָרימען נישט העלפען.

— מילא, כל זמן עס איז געגאַנגען וועגען מזונות, האָט ירוחם געשוויגען. אָבער, אַז די בתולה זיינע, גרונע, איז איבערגעוואַקסען למעלה מעשרים אמה און אַ 19 — 20 יעהריגע בוגרת געוואָרען, האָט שוין ירוחם געשטורמט. שטאָדט און רב האָבען זיך אַריינגעלייגט און געציל האָט געגעבען אַ קוויטעל: אַז, אַ יאָהר אחר החופה, וועט ער אויסצאָהלען אַזוי פיעל און אַזוי פיעל. פריהער וויל ער נישט: דאָס פאַר־פאָלק קען זיך נאָך צוגייהן, ירוחם וועט אויפעסען דאָס געלד, און מען וועט ווייטער שטורמען נדן.

געוואָלט האָט ער — 3 יאָהר, געפויעלט האָט מען אויף אַ יאָהר! נאָך אַ יאָהר, געציל זאָגט: לאו הכי! בדיניהם איז דאָס קוויטעל נישט ווערט געוועזען אַ דרייער, דערוויל איז געוואָרען אוים „יד ישראל תקיפה״; דער אַלטער רב איז נפטר געוואָרען, דער נייער רב מישט זיך נישט, ער האָט מורא פאַר׳ן קאַזיאָנע, דער קאַזיאָננע שיקט אָב לערכאות... און — גאָר נישט! געציל גיט נישט אַ דרייער! ירוחם ווערט נעלם; אָדער צו אַ גוטען ייד, אָדער אויף דער מדינה... און ביינוש בלייבט ביי גרונען!

דעם רבונו של עולם׳ס דרכים זענען טאַקי נישט צום פערשטייהן! עס איז דאָך נאַריש, ער איז געוועזען אַ בחור, זי — אַ בתולה, איז דאָך אַ זווג, נ י ש ט לפי מעשיו, און — איין אשה — אַ מאַשין, אַ קאָזאַק, און אַ מאַן — אַ גאָר נישט, אַ זעקעל ביינער, אַ גל של עצמות! וואָס קלערט איהר, זי האָט איהם גענומען אין דער לערן און געמאַכט פונ׳ם אַ לייט!

זי האָט׳ן נור אָנגערייצט אויף געצלין. ער זאָל נישט לאָזען אויסנעמען, נישט לאָזען געבען איהם קיין עליה... עס האָט געהאָלפען ווי איין אַרבעס אָן דער וואַנד! געציל האָט׳ן אויסגעפאַטשט, און פון דעמאָלט אָן האָט זיך דער יונג געשעמט צו קומען אין בית המדרש אַריין.

איינמאָל, פאַר פסח, אַז ס׳איז שוין געוועזען כלה כל הקצין, האָט גרונע ווייטער געיאָגט ביינוש׳ן צום פעטער,

און געיאָגט מיט אַ בעזעם! ביינוש איז נאָך אַמאָל געגאַנגען, און דער פעטער האָט איהם נאָך אַמאָל אַרויסגעוואָרפען...

און דאָ איז געשעהען אַ מעשה נורא. וואָס אויף דער וועלט קען זיך טרעפען! מיין צווייט ווייב איז דעמאָלט נאָך אַ גרושה געוועזען און געוואוינט ביי גרונען קאָמאָרינע; און זי האָט אַליין געזעהן, ווי ביינוש איז אַהיים געקומען נישט טויט און נישט לעבעדיג און האָט געציטערט ווי אין אַ פיעבער. אַמבין איז מיין פלונית'טע, (איידער דאָס אורחים־הויז איז אָבגעברענט געוואָרען, איז זי דאָרט בעל־הבית'טע געוועזען) האָט זי באַלד געזעהן, אַז עס איז נישט פשוט!

און דאָ דאַרף נאָך גרונע אַהיים קומען פון מאַרק, (זי איז געזעסען מיט בייגעל) וועט זי איהם דערליינגען; האָט זי איהם, פאַר רחמנות איין עצה געגעבען, ער זאָל זיך לייגען אָברוהען אויפ'ן פיעקאַליק... און ער, רחמנא ליצלן, איז געוועזען ווי אַ גולם. מען זאָגט אַזוי, זאָל זיין אַזוי; ער איז אַרויף אויפ'ן פיעקאַליק.

גרונע איז אַהיים געקומען. מיין פלונית'טע האַלט בשתיקה; ביינוש שלאָפט אויפ'ן פיעקאַליק, אָדער ער מאַכט זיך שלאָפענדיג. און אפשר איז ער שוין נישט געוועזען ביי די קלאָרע געדאַנקען. וואָרען, אַזוי ווי געציל האָט'ן אַרויסגעוואָרפען, האָט ער באַלד אַ געשריי געטהון, אַז ער וועט אויסזאָגען, וואו דער זוהן ליגט בעהאַלטען; און ביי קלאָרע געדאַנקען וואָלט ביינוש אַזוינס נישט געזאָגט.

ווי עס איז געוועזען, אויף דער געצליכע האָבען די מערטער אַ גרויסען רושם געמאַכט. מיינע שונאים זאָלען אַזוי וויסען פון זייער לעבען, אויב ביינוש האָט גאָר געוואוסט וואו יונה־געצילס איז בעהאַלטען! נור — אַ יידינע — אַ מאַמע! אַ בן יחיד!... וואָס קלערט איהר, — אַ שפייז־קראָם האָט זי געהאַט, נעמט זי אַ טרעגער מיט אַ זעקעל פסח'דיג מעהל און הייסט זיך נאָכטראָגען צו גרונען —

זי קומט אַריין... (נור אַ שאָד מיין ווייב איז נישטאָ!

זי איז דאָך געווען דערביי; אַז זי דערציייהלט, איז צו קייכען פאַר געלעכטער.) זי קומט אַריין, דעם טרעגער לאָזט זי אין הויז. „גוט מאָרגען, גרונע!“ גרונע ענטפערט נישט; ווערט איהר שוין פינסטער פאַר די אויגען. „וואו—פרעגט זי—איז ביי־נושעל?“ — „דער שוואַרצער יאָהר זאָל׳ן וויסען!“ ענטפערט גרונע און דרייהט זיך איבער צום קוימען, שוימט אַלץ דאָס יאַיכעל. איז ער דאָך אודאי געגאַנגען מסר׳ן! מיין געצלי־כע רופט אַריין דעם טרעגער, מען לייגט אָב דאָס זעקעל מעהל; גרונע זעהט נישט, אָדער מאַכט זיך נישט זעהענדיג, דער מזיק זאָל זי וויסען! די געצליכע הויבט אָן פלאַמען און צאַפּלען, „גרונישע, מיר זענען דאָך קרובים, איין בלוט ... רופ׳ן צוריק! לאָז ער מיך און זיין נשמה נישט אומברענגען!“

צונד ערשט האָט זיך גרונע איבערגעדרייהט. קיין נאַרישע יידינע איז זי נישט געווען, באַלד פערשטאַנען אין וואָס עס גייהט, אויסגענאַרט נאָך אַ פּאָר קערבליך און געלאָפען מבלומרשט אַבזוכען ביינוש׳ן...

אין שטעדטעל איז באַלד אַ שם געוואָרען, אַז ביינוש מסר׳ט... און גרונע האָט הנאה געהאַט דערפון... זי האָט געהאַלטען ביינוש׳ן אויפ׳ן פּיעקאַליק און געסטראַשעט און געצאַפּט ביי אַלע בעלי־בתים, וואו נור עס איז געווען עפּיס אַ חטא.

— איז זי דאָך גאָר דער מסר געווען?

— פריהער זי און דערנאָך ער אַליין. פאַר הארצדריקע־ניש האָט ער אָנגעהויבען צו טרינקען; דערנאָכטען האָט ער זיך שוין אין די שענקען אַרומגעוואַלגערט און אַליין געמאַכט די קונץ. ער האָט שוין אפילו גרונען אַ דרייער נישט געגע־בען און אַלץ פערשאַשעט... אַ שאָד אַזאַ כלי! וואָס פון איהם איז געוואָרען!

— וואָס איז געוואָרען?

— ער האָט זיך די קישקעס פערברענט... פריהער נאָך איז ער משוגע געוואָרען, אין די גאַסען אַרומגעלאָפען,

אָדער וואָלענוויז ערגיץ אונטער אַ צוים אָבגעלעגען . . . נור אַהיים צו גרונען — באין אופן נישט ! אַז ער איז שוין גאָר חרב געוואָרען, האָבען איהם צעהן מענשען נישט געקאָנט אַריינפיהרען צו גרונען אין שטוב אַריין. ער האָט געשלאָגען, געביסען . . . מען האָט איהם געמוזט נעמען אין בית־המדרש אַריין (דאָס אורחים־הויז איז שוין נישט געווען) און דאָרט איז ער נפטר געוואָרען. מען האָט איהם אפילו געוואָלט ראַטעווען, אַ מומחה גערופען, מען האָט תהלים געזאָגט . . .

— דער למ״ד־ווי׳ניק אויך ?

— אודאי !

— נו ?

— אַ מענש אָהן קישקעס, טהו עפּים !

# כג.

## דאָס וואַסערל.

דער וועג, דער זאַמדיגער, שווערער וועג, קומט אַרויס פון שיטערן, אויסגעקרימטען, פערקנוידערטען נאָדעל־וועלדיל, וואָס עס האָט זיך, ווי מיין פוהרמאַן מאַציעי האָט מיר פערטײטשט, נישט געלוינט אויסצוהאַקען, און שניידט זיך ברייט אַריין צווישען פויערשע פעלדער מיט שיטערן האָבער.

מיט'ן שפיץ פון דער בייטש ווייזט מאַציעי אויפ'ן האָבער, און מאַכט דיזעלבע טרויריגע בעמערקונג:

— ער שטייהט נאָך. עס לוינט זיך דען צו שניידען אַזאַ האָבער?

ער האַקט אָב און דרייהט זיך צוריק איבער צו די פערד, וואָס האָבען זיך בענוצט מיט דער מינוט און אַראָבגעחאַפּט זיך צום האָבער. דאָס לינקע, וואָס האָט שוין געהאַט אויסגעדרייהט דעם קאָפּ צום בייסען, בעקומט אַ שמיץ — — פּשאַ־קרעוו!

אַ שטילע טרויריגע נאַכט, אָהן אַ לבנה. שיטער, ווי דער האָבער אויפ'ן פעלד, בלאַנקען פערזייהטע שטערנדליך, עפּיס מיעד, פערוואָגעלט, עפּיס ווי אָבצוקומען... דאָס אויפפלאַמערן פון פויגעל אין וואַלד יאָגט אונז וואָס אַמאָל וויינינגער נאָך. שטיל. רעכטס אין יענער זייט פעלד, ציהט זיך אַ לויזע קייט פון קאַרג־בעוואַקסענע בערגליך, וואָס רוקען זיך פויל און פּאַמעליך צוריק, ווי מאָדנע, שלעכט־געשוירענע שאָף. אָט איז איינע אַרויף אויף דער צווייטער און איז, רייטענדיג, פערשטאַרט געוואָרען... די זון

איז שוין לאַנג אַראָב קעגענאיבער. דער לעצטער ליכטיגער שטריך, ביים זוים פון הימעל, לעשט זיך פּאַמעליך אויס אונטער צייטיגע, פערשוואומענע נעביל.

לינקס, פון צווישען שיטערן האָבער, ציטערן אַרויס צעוואָרפענע פלעמליך.

— אַ דאָרף ? פרעג איך.

— אונזער דאָרף! ענטפערט מאַציעי, און זעהענדיג, אַז איך האָב קיין חשק נישט, צו לאָזען איהם שלאָפען, זיפצט ער אָב, זיך אונטערגעבענדיג, נעמט אַרויס פון בוזעם די ערדענע „פייקע״, שטופּט זי אָן פול מיט מאַחאָרקע און פער־רייכערט. ביים אויפפלאַמען פון שוועבעלע פאַלט אַ רויטלי־כער שיין אויף זיין האַלב־אויסגעדרייהט פּנים אין דער רעם פון אַ האָהריגער מיץ און אַ בעוואַקסענער „געמבע״.

— טאַק, חור׳ט ער איבער, אונזער דאָרף ...

— וואָס אַזוי צעוואָרפען ?

— אַזוי אויסגעקומען ... דער פּריץ האָט געמאַט יד אחת מיט דער קאָמיסיע ... מיר האָבען דען פערשטאַנען ?

— און יידען וואוינען ביי אייך ?

— ביי אונז נישט. אויף אונזערע פעלדער טאָר מען נישט, אויף פּריצישע ...

— און די פּריצים לאָזען ?

— נישט אומזיסט. און ווי איינער ... ווער עס הערט נישט דעם גלח ...

— זיי שאַדטען אייך, די יידען ?

— שאַדטען ? ער וואַרפט אויף מיר אַ פאַרשענדיגען בליק, שווייגט אַ ווייל׳ע און גיט צו:

— אָבער וואָס טויגען זיי אונז ?

אין פעלד אַרבייטען זיי נישט. „נישט זייערע הענד״... און ווער וועט זיי געבען ערד ? דאָס איז די פראַגע! — אַמאָל פלעגען זיי האַלטען די קרעטשמעס ...

— האָט זיך געטרונקען ?

— אַ זינדיגער מענש...
— אויף באָרג?
— ווי אַמאָל... פאַר ניי־יאָהר זיבער אויף באָרג.
— און דער ייד פלעגט פערשרייבען?
— אודאי, וואָס דען, שענקען זאָל ער? ער האָט קיין חייב און קינדער נישט? יעדערער קוקט אויף זיין ברויט...
— מיט אַ טאָפּעלט קריידעל?
— ווער ווייסט? מ י י נ ע פלעגט אַזוי זאָגען... און האָט ווייטער געטרונקען אויף באָרג.
— זי אויך!
— זי אויך. מען מוז. אַ סך מאָל מוז מען — שכור׳־ ערהייד האָט זי איינמאָל געוואָלט מאָשקען אונטערצינדען.
— וואָס פאַר אַ מאָשעק?
— אונזער מאָשעק... וואָס האָט דעמאָלט די קרעטש־ מע געהאַלטען... היינט האַ נ ד ע ל ט ער ביי אונז. אַיין ערהרליכער מאַן מאָשעק. מיט׳ן קריידעל, וויים איך נישט, נור אַזוי—אַ גוטער מענש... וואָס מען דאַרף: אַ פעלדשער, אַ דאָקטאָר, אַיין אַדוואָקאַט... אַלץ ווייסט ער, און פיהרט אומעטום...
— און זי האָט איהם נ י ש ט אונטערגעצונדען?
— ווי!... געלאָפען מיט אַ ברענענדיגען שייטהאַלץ אונ־ טערצינדען און געפאַלען איבער דער גאַס. עד היום האָט זי אַ ברען אויף דער האַנד, זי איז מיט דער האַנד אין פייער אַריינגעפאַלען. אַ געשריי געמאַכט... מען האָט זי קוים אָב־ געלאָשען... דערנאָך האָט זי מאָשקען איבערגעבעטען... אודאי, און ער האָט איהר מוחל געווען... אַ גוטער מענש מאָשעק. אָט שטייהט ער דאָרט.
ער וויזט ווייטער מיט דעם שפּיץ בייטש פאַר זיך, און איך זעה נור אַ שאָטען ביים ראַנד פון וועג.
— דאָס שאָקעלט זיך, זאָגט מאַציעי, זיין חאַלאַט... אַ זאַק טראָגט ער אויף די פּלייצעס. אודאי אין שטעדטעל

אריין נאָך עפּיס.

— וואָס־זשע שטייהט ער?

— ער, וויל מען זאָל איהם אַריבער פיהרען איבער׳ן וואַסער.

— וואָס פאַר אַ וואַסער?

— דאָרט! ווייזט ער צום עק דאָרף.

דעם שפּיגעלדיגען ברייטען שטרייף אונטער׳ן הימעל האָב איך געהאַלטען פאַר טוי.

עס איז געווען נישט קיין טוי.

— דער פאַן ווייסט נישט, אַז דאָס יאָהר האָבען מיר קיין רעגען און קיין טוי נישט געהאַט? וואַסער איז עס.

— מען וועט פאָהרען איבער אַ פּראָם?

— וואָס פאַר אַ פּראָם? ביז צום קנעכיל וואַסער... אַ שטייהענדיגס...

— רעגען־וואַסער?

— „מוסי" !... (דאַכט זיך)

— פון די אַרומיגע בערגליך?

— מוסי...

מיר פאָהרען ווייטער, און פון שאָטען ווערט טאַקי איין אמת׳ער מאָשעק. איך זעה שוין, ווי די פאָלעס פון חאַלאַט שאָקלען זיך. אַ ווייסע באָרד ציטערט.

מיר האָבען זיך מיט איהם אויסגעגלייכט, און ער האַלט זיך שוין ביים ראַנד פון פוהר.

— גוטען אָוועגד, מאַציעי!

— גוטען אָוועגד, מאָשעק!

— נעם מיך אויף איבער׳ן וואַסער —

— אַ צעהנעריל! —

— אַ פאַפּיראָס!

— מיט אַ קאָפּיקע!

— צוויי פאַפּיראָסען!...

דינגט זיך „מאָשעק" מיט׳ן פויער, נאָכגייהענדיג דער פוהר אין שווערען זאַמד.

— בעט דעם פריץ! — זאָגט ענדליך מאַציעי.

און מאַשעק טוישט די האַנד, דרייהט זיך איבער צו מיר. א מאָגערער, גרייז־גרויער ייד —

— פאַן — הויבט ער אָן — פאַזוואָ —

נור ער ענדיגט נישט. ער האָט אַ בעסערן תביעת עין פאַר'ן פויער. ער דערקענט באַלד, אַז דער פריץ איז קיין אמת'ער פריץ נישט, און ווייעגט זיך שוין מיט „ראשו ורובו" אי־בער דער פוהר. ער האָט נור אַ ישוב, וואו ער זאָל זיך צו־זעצען. אפשר צום פויער? פאַרט אַ דייטש!

נור איך האָב איהם שוין אַיין אָרט געמאַכט נעבען מיר:

— זיצט ר' משה.

צוויי מאָל דאַרף מען איהם נישט זאָגען, ער זיצט שוין און רעד שוין:

ראשית — שלום־עליכם אַ ייד...

השנית — אַ שיינעם דאַנק! פון מאַציעי'ס מאַכאָרקע קען מען שכור ווערען.

והשלישית:

— פון וואַנען ווייסט עס אַ ייד, אַז איך הייס משה? איהר קענט מיך?

איך זאָג איהם אויס, פון וואַנען, און ער פון זיין זייט בערוהיגט מיך:

— נור איבער'ן וואַסער'ל — זאָגט ער, דערנאָך נעם איך מיך רעכטס... איהר פאָהרט אודאי לינקס?

ער הויבט מיך אָן פאָרשען, און איך האַק איהם איבער.

— ווי דאָס וואַסער גלאַנצט, אַ שפּיגעל.

— באַ! אַזאַ וואַסער... און ער האַקט אָב. איך דערפיהל עפּיס אַ בעהאַלטען ענין.

— וואָס פאַר אַ וואַסער? רעגען־וואַסער?

— רעגען־וואַסער! מאַכט ער פערדריסליך — ווען איז געוועזען רעגען?

— מוז זיין ערגיץ אַ קוואַל?

— וואו האָט איהר דאָ אַ קוואַל? צעהן מייל אַרום נישט!

— וואָס דען, ר' קרוב?

— וואָס דען?! גאָר נישט.

ער בעהאַלט עפּיס אַ סוד.

— פאַרט וואָס?

— וואָס וועלען מיר ריידען פּוסטע רייד... וויל ער מיך אַראָבפיהרען פון וועג. זאָגט בעסער, מיט וואָס האַנדעלט אַ ייד?

איך ווייס שוין זיכער, אַז מיט'ן וואַסערל איז ניש פּשוט.

און עפּיס בלאַנקט עס אַזוי וואונדערליך־רוהיג אין דער שטילער נאַכט... און עפּיס קוקט ער דערויף נישט פּראָסט, און רייסט דערפון קיין אויג נישט אָב, און עפּיס פיהל איך, קלינגט אין זיין קול... איך מוז איהם מאַכען ריידעוודיג.

— עפּיס — זאָג איך — דערציילט מען וועגען וואַסערל!

— מאַלע וואָס... עט...

עפּיס געטרויט ער מיר נישט. איך דערלאַנג איהם אַ פּאַפּיראָס; ער רויכערט נישט.

— אפשר אַ קאַפּ? — פרעג איך און נעם אַרויס מיין פלעשיל.

— פאַר מעריב!... כ'האָב מיך נאָר וואָס אַרומגעגאַרטעלט מיט דער פּאַטשיילקע מעריב צו דאַוועגען, הער איך — מען פאָהרט. לויף איך אַרויס און שטעל מיך ביים וועג. מ'איז קיין חיות נישט... געוועהנליך גייה איך אַריבער צו פוס, וואַסער ביז צו די קנעכיל, נור די וואָך, לאָ־עליכם, בין איך נישט בקו הבריאה... האָב איך מורא פאַר פערקיהלען... פערשטייהט איהר מיך, מעריב וועל איך שוין דאַוועגען דאָרט (ער וויזט מיט'ן פינגער רעכטס)... און איהר — טרינקט געזונטערהייד, לחיים ולשלום!

— אַליין טרינק איך נישט... און איך בעהאַלט צוריק דאָס פלעשיל...

— אפשר וועט איהר אָבדאַווענען מעריב?

— אויפ׳ן וועג דאַווען איך נישט...

— וויאָ! פאַלט אַריין מאַציעי, זיך נעמענדיג באַרג אויף.

— זעהט איהר! מאַכט ר׳ משה, — דאַווען ביי אַ פויער! ווייטער אַ פויזע.

— און ווי גייהט עס אייך, ר׳ משה? — פרעג איך, צו־ריק אָנקניפּענדיג.

— אַט פאַרהאַן אַ בורא עולם, לעבט מען.

ער בלייבט ווייטער שטיל. נישטאָ זיך אָן וואָס אָנ־צוטשעפּען.

— ווייסט איהר וואָס, ר׳ משה?

— וואָס, למשל?

— דערציילט עפּיס! עס איז אַזוי שטיל... נישט היימליך שטיל.

— וואָס פאַלט אייך איין... וואָס זאָל איך אייך דערציילען?

— חאָטש וועגן וואַסערל... איהר האָט דאָך אַ מעשה וועגן וואַסערל?

— און אַז איך האָב, ווילט איהר האָבען פון וואָס צו־לאַכען?

— חס ושלום!

— און אפשר נישט — ווענדט ער זיך אַליין אָב — היינ־טיגע צייטען... „ציוניזם״...

— ווי קומט אַהער „ציוניזם״?

— ווייס איך? נור עפּיס פּלוצלונג איז איין איבער־קעהרעניש געוואָרען... ישיבה־בחורים ווערען ציוניסטען און וואַרפען אַוועק די גמרא און טהוען אַלעם בייז... דייטשען ווערען ציוניסטען און חאַפּען זיך צוריק צו יידישקייט... גע־גאַלטע בערד און יידישקייט... איך מיין נישט אייך, חלילה — גיט ער צו מיט איין איבערבעטענדיגען שמייכעל...

— ווי קומט דאָס צום וואַסערל?

— עס קומט... אַט, זאָל איך נישט פערדריסען... אַ

דייטש, למשל, ווערט פרום, האָט ער, למשל, יאָהרצייט, גייהט ער אַריין אין אַ יידישע רעסטאָראַציע און הייסט זיך געבען פאַר דער מאַמעס נשמה וועגען — „קוגעל" — זיין יידישקייט איז קוגעל... אייער יידישקייט איז אפשר מעשה׳לעך, איהר האָט יאָהרצייט?

און דאָך האָט ער מיר די מעשה דערציילט. ער האָט אפשר מעהר געוואָלט דערצייהלען, ווי איך הערען!

— וואו היינט איז דאָס וואַסערל, איז אַמאָל אַ שטעדטיל געווען... אפילו נישט קיין גרויס שטעדטיל, נור אַזוי. דער עיקר איז געווען: פרנסה האָט מען געהאַט...

— און וואו איז עס אַהינגעקומען?

— וואו איז אַלץ אַהינגעקומען? דאָ איז אַמאָל וואַלד געווען... וואו איז ער? אַרום און אַרום וואַלד געווען... אַ „מאַיאָנטעק!" אין יענער זייט וואַלד איז אַ פּאַלאַץ געווען...

— כ׳האָב געזעהן אַ חורבה...

— אויף שטיקער צופאַלט זי! דעמאָלט האָט אַ גראַף געוואוינט... און דער פּאַלאַץ האָט ביינאַכט געלויכט מיט שטורקאַצען זיעבען מייל אַרום... און דער וואַלד האָט געלעבט אַ לעבען — געקלאַפּט און גערווישט און געקנאַקט און געבילען... פריצים האָבען געפייפט, געבלאָזען אויף זייערע שופרות, להבדיל; און געיאָגט, און געשאָסען, און געהוליעט, און אויסגעזעצט זיך אויפ׳ן גראָז מיט מוזיק, מיט שטורקאַצען... מיט ווייבער... און געגעסען און געטרונקען... און הינד האָבען געוואָיעט!...

נור אָנגעהויבען האָט זיך עס שוין...

אַראָבצו האָבען שוין דייטשען געוואוינט, דעם וואַלד געהאַקט... אויף איין אַנדער זייט — שינדעל־מאַכער... מען פלעגט דורכפאָהרען: וואָס אַמאָל אַ הילצערן ביידעל... פאַר׳ן ביידעל אַ פייערל... דער שינדעל־מאַכער אַרבייט ביים ליכט, דאָס ווייב קאָכט וועטשערע ביים פייערל... און

פרייהליך, מען זינגט... איין שינדעל־מאַלער זינגט פייפענדיג צו צום צווייטען, איינער צום צווייטען... און אַזוי גייהט עס דריי, פיער מאָל איבער'ן וואַלד...

און וואו דאָס וואַסערל איז, האָט גאָר פאַרצייטענס געוואוינט אַ ישובניק, דער פאַכטער... מיט דער צייט האָט ער זיך אַראָבגעבראָכט צווי אײדימס... גענומען שנורען אויף קעסט, געהאַלטען אַ מלמד... צוגעבויט הייזליך... אַראָבגעבראָכט אַ שוחט... נאָך עטליכע יאָהר — אַ שטעדטיל.

און, ווי געזאָגט, אַ שטעדטיל מיט פרנסה!

דער פריץ האָט געשאָסען אַ האָז, דער „גאַיאָווע", אונטער זיינע פלייצעס — עלף, צוועלף פעלעכליך בחצי חנם... היינט — דאָס מילכיגס, פון צעהן פאָלווארקען אַ מילכיגס! היינט — אַ ביסעל תבואה... און דעם פריץ'ס תבואה — נאָך אויפ'ן פעלד, סאַמע „קאָנדיציעס" — און געוועלבליך: שפייז, בשמים... און ליכט און מעט און אַלערליי וויינען... דער הויף דאַרף!

און דאָס ביסעל יידלעך איז טאַקי געזעסען און געלערנט... די נשים האָבען געהאַנדעלט... דעם „חמדת הימים'ס" לייבליכער ברודער איז דאָ רב געווען... אַריינגעשיקט קיין וואַרשוי אַ פּאָר היהנער מיט אַ ביסעל האָניג אַ צוּלאָג צו אַ שאלת־תשובה צום וואַרשויער רב: אהובי אחי, היות... און אַזוי ווייטער... מיט דער צייט: לומדים מופלגים, איידעמס פון די גרעסטע ישיבות אַרויס... קליין, נור, ווי זאָגט מען עס, מיט וואַג, אַ שטעדטיל מיט וואָג... עס האָט גאָר נישט געפעהלט. אפילו אַ למ"ד־ווי'ניק געווען...

— אַ וואַסער־טרעגער?

— דוקא אַ קירזשנער! געדאַכט האָט זיך, אפילו איין ערליכער ייד, נור איין עם הארץ דאוריתא... שטענדיג מיט די אויגען אין סדור; „אשרי" נישט אויסענווייניג. און קיין קול גייהט איהם ביים דאַווענען פון מויל נישט אַרויס, אפילו ביי'ם „למנצח" נישט. ער מוז נעביך, זאָגט מען, קיין עברי־

נישט קענען... נור אַזוי—גאָר פרום! ערב־יום־כפור, לְמשל, לאָזט ער זיך באמת שמייסען' „עס זאָל ווייה טהון"! בעט ער זיך רחמים ביים שמש. סוכות ווייטער שטייהט ער אָב שעה'ן־לאַנג ביים רב אונטער דער טהיר — ער וויל דוקא בענשען מיט זיין אתרוג! פאַר הושענא־רבא ווערט ער גאָר נעלם אויף אַ טאָג — און ברענגט זיך, ווייסט דער בורא עולם פון וואַנען, הושענות, וואָס די וועלט פערמאָגט נישט... ווייס איך? אַז ער נעמט קיין יתור נישט, מילא — ווער האָט דעמאָלט גע־נומען? נור פלוצים מאַכט זיך אַ מעשה... חול־המועד־פסח איז עס געווען. יאָ, חול־המועד־פסח. און אפשר חול־המועד־סוכות; נור זיכער חול־המועד. גייהען פון ערגיץ אַ פּאָר מענשען, ביינאַכט... פון אַ שמחה, צי פון אַ חולה. בית־המדרש־לייט, יינגע לייטליך... ערגיץ זיך פערזועסען. פער־אַמפּערט זיך אין לערנען... גייהען זיי אַזוי איבערן מאַרק — פאַר'ן קירזשנערס שטוב פאַרביי — בים קירזשנער לייכט זיך... דורכ'ן לאָדען לייכט זיך... פאַלט זיי איין אַ חשד; יונגע לייט! באשר בכן, נאָך יום־טוב איז באַלד יריד, אַרבייט ער, דער עם־הארץ, אופ'ן יריד אום חול־המועד, און באַלד האָט מען אַ סמך: ולא עם הארץ חסיד! ווילען זיי איהם חאַפּען... און עס איז לייכט צו חאַפּען: דער לאָדען איז נור צוגע־שפּאַרט. גיט מען אַ קלאַפּ אין לאָדען! וואָס האָבען זיי אָבער דערזעהן? דער קירזשנער זיצט ביי אַ חלב'ן ליכטעל איבער אַ ספר און וויינט... מען זעהט בחוש, ווי ער וויינט... טרעהרען גי־סען זיך... ער קוקט אין ספר אַריין און זיי גיסען זיך! און אין שטוב איז ליכטיג. נישט ווי פון אַ חלב'ן ליכטעל. און ער טהוט זיך זיינס און הערט נישט, און מען האָט געעפענט דעם לאָ־דען. בלייבען זיי שטייהן דערשראָקען, מאַכען זיי שטיל צו דעם לאָדען... — זאָל עס בלייבען, זאָגען זיי, בסוד... ווער ווייסט, וואָס דאָס בעטייט... דאָס איז איינס. אין אַ פּאָר יאָהר שפּעטער מאַכט זיך ווייטער אַזאַ מעשה: פלוצלונג הערט זיך אַ משונה'נער קלאַנג, עס ווערט אַ קלא דלא פסיק,—

באשר בכן, אַז ערגיץ אין דער סביבה, נאָלדעם ווי עס איז נפטר געוואָרען אַ מרא דאתרא, האָט קהל אַראָבגערעגנגט צוויי רבנים... דאָס הייסט: בעלי בתים — איין רב, און חסידים — אַ צווייטען רב...

היינט איז מען געוועהנט צו אַזוינע זאַלען. דעמאָלט — נאָך נישט. אַ פשוט'ער חלול השם... מחלוקת... ווערט אַיין אסיפה, אַ צווייטע, אַ דריטע — אַהין אַהער, עס בלייבט עס זאָל פסק'ענען דער לובלינער רב! וואָרום אַ מעשה — ביידע רבנים זענען לומדים, ערליכע יידען, און ביידע זענען אַראָבגעברענגט געוואָרען אין איין טאָג! דער איז אַריינגעקומען פון מזרח־זייט, דער פון מערב־זייט און האָבען ביידע זיך געטראָפען פונקט אין מיטען מאַרק! גייה וויים וועלכען אָבצושאַפען!

— און וואָס האָט געזאָגט דער לובלינער רב?

— דאָס איז דאָך די מעשה, ער האָט אויך גאָר נישט געזאָגט... ער האָט נישט — זאָגט ער — קיין וואָג אָבצוּוועגען רבנים!... נור וואָס דען? און דאָ הויבט זיך ערשט אָן די מעשה... אַ קלא דלא פסיק, אַז דער לובלינער רב האָט זיי אַיין עצה געגעבען, זיי זאָלען אַראָבשיקען צוויי בעלי־בתים אין דעם און דעם שטעדטיל אַריין (ער האָט זיי אָנגערופען דאָס שטעדטיל) פרעגען זיך צו לייבעל קירזשנער — לייבעל האָט ער געהייסען — און וואָס ליבל קירזשנער וועט זאָגען, אַזוי זאָל זיין... אַזאַ קול איז אַרוים. ווער האָט דערציילט? מען ווייסט נישט. זענען דאָ געווען פרעמדע מענשען? עס ווייזט זיך אוים, אַז עס זענען געווען. עס האָבען זיך אַרומגעדרייהט אין גאַס צוויי פרעמדע לייט... משונה'דיגע ספּאָדיקליך... נישט געהאַנדעלט, נישט געקויפט, נישט פערקויפט — גאָר נישט און נעלם געוואָרען. עס געפינט זיך שוין איינער, וואָס האָט זיי געזעהן ביי לייבעל קירזשנערס שטוב... לויפט מען צום רב, ווייסט ער פון גאָר נישט. גייהט, זאָגט ער, צו לייב'לען און פרעגט, גייהט מען און מען וויל

פרעגען. זעהט מען — לייבעל פאַקט זיך —

— וואו אַהין פאָהרט איהר, ר' לייבעל? — מען זאָגט איהם שוין: „ר' לייבעל"!

קיין ארץ ישראל פאָהרט ער.

איהר פערשטייהט אַ מעשה? קוים זאָל ער נתגלה ווערען, פאָהרט ער קיין ארץ ישראל...

— און ער איז געפאָהרען?

— געפאָהרען!

---

מאַציעי שלאָפט.

דער וואָגען טרעפט אויף אַ צווייג פון אַ געוועזענעם בוים און שפרינגט קאַפויר. מען איז דאָך אָבגעקומען מיט אַ קליין ביסעל שרעק. מיר פאָהרען וויטער טריט ביי טריט און ר' משה הייבט צוריק אָן צו דערציידלען.

— יאָ, וואו האַלט איך? ביים אַוועקפאָהרען...

געווען איז אָבער נאָך איין ערליכער יוד, אפילו אַ פלוטעוואַטער, בייזער יוד, אַ שטיק משוגעת — אַ דרדקי־מלמד, יוסל בערציעס האָט ער געהייסען. און דעם יוסל בערציעס שיקט ער רופען פאַר'ן אַוועקפאָהרען! ער דאַרף איהם עפּיס מוסר זיין...

די בויד שטייהט גרייט, אָנגעפּראָפט מיט פאַרשוינען און מען וואַרט, און זיי שמועסען עפּיס חדר בחדר אויפ'ן אויער. און עס איז געווען אַ וויכטיג ענין.

— זיי ווייסען, האָט ער איהם מוסר געווען, אַז דער שר של אש איז אין כעס אויף אונזער קהלה!...

— פאַרוואָס? פרעג איך.

— דאָס האָט טאַקי יוסל בערציעס אויך געפרעגט, האָט ער איהם אָבער נישט געזאָגט און אפשר נישט געוואָלט זאָגען, געזאָגט האָט ער אַז עס איז אַ גאַנצער ענין, צו דערציידלען באריכות, און די בויד וואַרט, און ער וויל נישט,

דער בעל=עגלה זאָל שילטען... נאָר אין כעס איז ער, און וויל דאָס גאַנצע שטעדטיל פערברענען. מילא, כל זמן — זאָגט ער — איך בין דאָ געווען, האָב איך נישט דערלאָזט... גאַנצע נעכט בין איך געזעסען איבער הייליגע ספרים... דער שר של אש לאָזט אַ פונק אויף אַ שטרויענעם דאַך, איך — אַ טרעהר אויפ'ן ספר, און די טרעהר אויפ'ן ספר פערלעשט דעם פונק אויפ'ן דאַך!... אצונד פערשטייהט איהר, וואָס עס איז געווען חול=המועד, האַ?! און אַזוי כמה שנים—זאָגט ער — האָבען מיר זיך געבאָרעט, ער — פייער; איך — וואַסער! היינט — זאָגט ער — פאָהר איך אַוועק... וויל איך, זאָגט ער, אַז דו, יוסל בערציעס, זאָלסט בעשיצען אויף מיין אָרט די קהלה... זאָלסט זיין ממלא מקומי.

— גאַנצע נעכט זיצען איבער ספרים און וויינען? פרעגט יוסל.

— דאָס נישט — זאָגט ער — נישט פאַר דיין כח! ווערסט פאַר חלשות באַלד איינשלאָפען... נור מוסר וועל איך דיר מוסר זיין צוויי שמות — איין שם אויף רעגען! ווערסט דיך צו איהם מתכוון זיין איינמאָל, וועט אָנהויבען טריפען, ווערסט נאָך קיין עננים נישט זעהען און טריפען וועט... ווערסט דיך מתכוון זיין דאָס צווייטע מאָל, וועלען קומען עננים און עס וועט זיין אַ שפריי=רעגען... ווערסט דו דיך אָבער מתכוון זיין צום דריטען מאָל, וועלען אָנקומען נייע עננים ווי די בערג, און וועלען פערדעקען דעם גאַנצען הי= מעל, און עס וועט אראָבפאַלען אַ שלאַגס=רעגען, וואָס וועט פערלעשען דאָס גרעסטע פייער!... ווערסט דו אָבער זעהען, אַז עס איז גענוג — האָסט דו אַ צווייטען שם — אויף טריקע= ניש. קוים ווערסט דו זיך מתכוון זיין צום שם, וועט קומען אַ ווינד פון מזרח=זייט און אויסקעהרען די עננים, ווי מיט אַ בעזעם, און פערזאָגען זיי לארבע כנפות הארץ. און דאָ וועט אַרויס אַ תמוז'דיגע זון, אַ מחיה, און כהרף עין וועט ווערען וואַרים און טרוקען, ווי אונטער'ן אויוון... נור, הוי זהיר,

צוויי מאָל צום שם זאָלסטו דו דיך נישט מתלון זיין, ווייל עס וועט ווערען אַ היץ, ממש אַ פייער, וואָס וועט פערברע־נען אַלע תבואות און אַלע גראָזען. און מענשען, און בהמות, און חיות ועופות וועלען, חס ושלום, משוגע, מטורף ווע־רען... און עס וועט ווערען, חס ושלום, אַ שנת בצורת — אַ הונגער, רחמנא לצלן...

---

וכך הוה!...

עס גייהט נישט אַוועק אַ וואָך נאָך זיין אַוועקפאָהרען, קומט אָנצופאָהרען פון אַלדי שוואַרצע יאָהר מכלומרשט אַ דייטשעל, פרעגט זיך נאָך וועגען שוועלען און אַנדער געהילץ. קויפען קויפט ער נישט, נור ער גייהט אַרום מיט אַ פּיפּקע אין מויל און פרעגט אויס וועגען מקחים און פערשרייבט... פּיפּקעט און פערשרייבט. און עס בעוויזט זיך איינמאָל פאַרנאַכט אַ ווינדטעל, און חאַפּט אַרויס אַ פונק פון דער פּיפּ־קע, און יאָגט אַרויף אויף אַ שטרויענעם דאַך! פאַרנאַכט איז עס געוועזען...

דער עולם איז ביי מנחה... פאַלען אַריין עטליכע מאַרק־יידינעס: עס ברענט!... דעם און דעמס שפּייכלער ברענט. איידער וואָס, איידער ווען — אַ שרפה...

מען לויפט, מען שרייט, מען זוכט וואַסער — דער ברו־נעם איז אָהן שטריק. וואו זענען די שטריק? מען לויפט צום „הויף" נאָך נייע שטריק און דאָ פלאַקערט...

איז דאָך דאָ יוסל בערציעס, לויפט מען צו יוסל בער־ציעס, לויפט יוסל בערציעס אין מקוה, איז זיך טובל דריי מאָל און קומט אַרויף און איז זיך מתלון צום שם — עס הויבט אָן טריפען... נאָך אַמאָל זיך מתלון — אַ שפּריי־רעגען!... איז שוין אָבער געוועזען צו שפּעט, דאָס פייער פלאַקערט וואָס אַמאָל שטאַרקער... דאָס רעגען־וואַסער פאַלט זידענדיג און קאָכענדיג אויפ'ן פייער, עס זיעדט און קאָכט אין די אויערן!

איז ער זיך נאָך אַמאָל מתּכוון — נו, נו!... קומען אָן שוואַרצע וואָלקען מארבע כּנפות הארץ — עס ווערט אַ געגיסערייַ, וואָס זאָל איך זאָגען, אַ מבול!

— און פערלאָשען די שרפה? פרעג איך... דער ייִד ווערט טרויעריג:

— איידער וואָס, איידער ווען, די שטאָדט איז נחרב געוואָרען!

— צו שפּעט?

— דאָס איז ראשית... והשנית — האָט יוסל בערציעס דעם צווייטען שם פערגעסען! דאָס מבול האָט פערטרונקען דעם רעשט... און זעהט איהר, דאָס וואַסערל, וואָס איהר זעהט, איז אַ זכר פון יענעם וואַסער... עד היום נישט אויסגעטריקענט...

— און ווי אַזוי האָט עס פּאָרט אויפגעהערט?

— ס'איז דאָך נאַריש — ענטפערט ער — קיין מבול האָט דאָך נישט געקענט זיין — עס האָט דאָך געמוזט אַמאָל אויפהערען.

מיר פאָהרען שוין אין וואַסער אַריין.

— הפלא ופלא! חאַפּט זיך אַרויס ר' משה.

— וואָס? פרעג איך.

— אָט, אַזאַ וואַסער, און די פערד גייהען... און מאַציעי פיפקעט... גלייך גאָר נישט!

# כד.

# ר׳ בֶּעריל

## דאָס שטעדטיל רעש׳ט.

— ר׳ בעריל איז מסוכן! ר׳ בעריל איז שטאַרק, שטאַרק שלאַף! ר׳ בעריל גוסס׳עט! מען דאַרף, געביך, רחמים... אַ כשר׳ער ייד, אַ כשרע נשמה, אַזאַ פרומער!

אַזוי האָט מען געקרעכצט אין רעדעל אין גאַס.

— ווער איז דער ר׳ בעריל? פרעג איך.

— ווי הייסט? איהר קענט נישט ר׳ בערלען? ר׳ בערלען קענט איהר נישט?

מען האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ ווילדען מענש; גלייך איך וואָלט געקומען פון אונטער די הרי חשך.

— רבותים, — האָב איך מיך פערענטפערט, — איך בין דאָך נישט קיין היגער, ווי לאַנג בין איך דען דאָ?

— פונדעסטוועגען! ווער קען עס נישט אַזאַ ייד, אַזאַ ייד! אַ קינד פון דער וויגע דאַרף קענען ר׳ בערלען! ער איז איין אמת׳ער ייד. ווען אַלע יודען זאָלען אַזוי זיין, וואָלט שוין לאַנג משיח געקומען!

מהיכא תיתי, טראַכט איך מיר, זאָלען אַלע יודען גוט און פרום זיין און זאָל משיח קומען!

איך שטוים מיך, אַז ר׳ בערעלע איז אודאי אַ ייד אַ למדן, אַ בעל־צדקה, דערצו נאָך אַ פרומער ייד.

איך דערמאָן מיך, אַז איך האָב ווירקליך אַמאָל געזעהן

אַ סכר פון אַ ציאַחנאָווקער מחבר!

— דאָס האָט ער עס געמאָלט אויף טהרות? פרעג איך.

דער עולם ציהט די אַקסעל: ר׳ בערעלע, זאָגט מען, האָט קיין ספרים נישט געשריבען, ער איז אפילו נישט קיין גרויסער למדן... אַזוי דאָרט: אַ פרק משניות, אַ שטיקעל עין־יעקב און דאָס אויך — קוים, קוים!

האַ, טראַכט איך מיר, אַז נישט קיין מופלג — איז ער גלאַט געוועזען אַ בעל־צדקה! דאָס שטעדטיל האָט אַ שוהל, אַ בית־המדרש, אַ שטיקעל „אורחים־הויז״, וואָס דיענט אין איין וועגס פאַר אַ הקדש... עס איז דאָ אַ מקוה... און איך פרעג: וועלכעס פון זיי האָט ר׳ בעריל געבויט?

דער עולם אָבער מיינט — איך מאַך חוזק; ר׳ בערעלע האָט נישט געבויט: נישט קיין בית־המדרש, נישט קיין מקוה, נישט קיין „אורחים־הויז״...

— ער איז געוועזען — זאָגט מען מיר — בטבע גאָר אַ קאַרגער! נישט אויכגערעדט זאָל עס זיין, ער האָט אָהן פראָצענט קיין יוד קיין דרייער נישט געבאָרגט... עס זאָל איהם נישט זיין צו גנאי, ער האָט אפילו קיינמאָל קיין פלעט אויף שבת נישט אַהיים גענומען... ערב יום כפור, אַז ער פלעגט שוין יאָ אַריינוואַרפען אין „דער קערה״ אַ האַרטען דרייער, האָט איהם אויך, נישט צו זינדיגען מיט די רייד, די האַנד געציטערט...

— אַ וואונדערליכע זאַך, — בעמערקט איינער, — אַלע פרומע יודען, אַלע אמת׳ע יודען זענען קאַרג! פון וואַנען נעמט זיך, אַז געלד גיבען נור די דייטשען? אַלע צדקה־חברות, אַלע כשר׳ע הלואות מאַכען דייטשען, און די אמת־פרומע לייט האַלטען זיך גאָר פון דערווייטען. למשל, ר׳ בעריל, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, ער איז דאָך געוועזען אַ נהרג על פחות משוה פרוטה...

דער עולם קלערט תרוצים און איך גייה צו איין אַנדער רעדעל.

— ווייה צו די יאָהר! — קלאָגט מען. — ר׳ בערעלע, ר׳ בערעלע! אין גאַנצען זיבציג יאָהר! עס איז נעביך זעהר ביטער, זעהר ביטער!

— הא, — טראַכט איך מיר, — שוין דאָס צווייטע רע־דעל, עס מוז דאָך עפּיס זיין! איינער קרעכצט:

— ווייה איז מיר, אַזאַ מיוחס!

איז ער נישט, טראַכט איך מיר, עפּיס אַיין „איינִיקעל״, האָט ער נישט זכות אבות?

— ע! — רופט זיך דערווייל אָן דער צווייטער, — וואָס פאַר אַ מיוחס! דער טאַטע זיינער איז געוועזען אַ שענקער. פון אבות אבותיו איז ער קיין מיוחס נישט, מילא פון ווייבס צד...

— פון ווייבס צד ווייסט מען...

— נור גלאַט — יחוס עצמו! אַ קליינינגקייט ר׳ בערע־לע! פהי!

— פהי! פהי! מאַכט דער צווייטער. — פהי, פהי, פהי! — דער דריטער.

— יודען, בעט איך מיך, זאָגט מיר פאַרט, ווער ר׳ בערעלע איז!

מען האָט מיך ווייטער אָנגעקוקט ווי אַ ווילדען מענש.

איך גייה אַזוי דורך דעם גאַנצען מאַרק, וויפיעל עס שטייהען רעדליך, אַזוי פיעל מאָל הער איך אַלץ קרעכצען: ר׳ בערעלע, ר׳ בערעלע. קיין איינציג וואָרט פון געשעפט. גאַנץ ציאַחנאָווקע לעבט, זעהט אויס, פון גרייטען, שניירט קופּאָנעס, האָט גאָר נישט וואָס צו זאָרגען.

איך זעה, ווי אַ וואַסער־טרעגער פערלירט פּלוצלונג, אין מיטען גאַס, צוויי קאַנען וואַסער, די קלעפּקים פון די געשפּרענגטע קאַנען שווימען אַוועק! גאָר נישט געוואוסט האָט ער נעביך! מען האָט איהם ראַפּטים געזאָגט, אַז ר׳ בערל שטאַרבט! אַ יידינע האָט, דורך דער אייגענער סבה, אָנגע־הויבען שרייען: געוואַלד און געוואַלד! עס שטיקט זי, עס איז איהר נישט גוט, עס עקט זיך איהר לעבען! באַלד רינ־

געלט זי אַרום אַ חברה ווייבער, אין שאַלען, אין ציעפּקים, מיט טיכלעך אויף די קעפּ, טייל בלויז אין האָרבענדער, איינע די אַנדערע וויל איבערשרייען... אוים קנאה, ווערט אַ יללה אַ געפּילדער.

— יודען, בני רחמנים, — שרייט אַלע איבער אַ פּיסטעל פון אַ גבאי'טע, — יודען בני רחמנים, וואָס שווייגט איהר? לאָז מען עפּים טהון, לאָז מען ראַטירוען! מיר ווייבער וואָלטען יאָ געטהון, נור וואָס קענען ווייבער טהון? שוואַכע נשמות, פינסטערע נפשות!...

די גאַנצע גאַס ווערט פול מיט געוויין.

עס מוז דאָך עפּים זיין, טראַכט איך. עס פאַלט מיר איין, אַז ר' בערל איז, על כל פנים, דער גרויסער ערליכער מאַן. „עסקת באמונה“ איז אַ גרויסע זאַך, אפשר האָט ער גאָר משיב געווען אַ גרויסע אבדה.

— הערט נור, ר' קרוב, פרעג איך איינעם, מיט וואָס האַנדעלט ר' בער'ל?

— ר' בער'ל, — ציהט ער מיט די אַקסעל, — האָט קיינמאָל נישט געהאַנדעלט; כל זמן דאָס ווייב האָט געלעבט האָט זי געהאַט אַ שענק, אַ פּראָסטע שענק... מען האָט אפילו גערעדט אויף דער שענק... פערשטייהט איהר: אַ יידינע! איהר דאגה, זעהסטו, וואָס עס טהוט זיך דאָרט אינ'ם פינסטערן חדר... עס איז געווען גאָר אַ מאוסע שענק... עס האָט נישט איינמאָל דעם עולם פערדראָסען... אַז מען האָט אָבער געזעהן, אַז ר' בערל שווייגט, האָט מען אויך געשוויגען.

עס בלייבט נישט מעהר נור אַ פּראָסטער „ירא שמים“! אויפ'ן אָרט פון תורה — תעניתים; אויפ'ן אָרט פון ערליך-האַנדלען — כונה מיט — זייט מיר מוחל — נאָך עפּים...

ווים איך? אַ כשל-ברך, אַ חלש, אַ „בעל-בכיה“... און נאָך אַזוינע יידישע מעלות...

איך קלער נאָך פון „גלגול שלג“: אַ קשיא אויף אַ מעשה

ווייניג שנײַ פערהאַן?

אַזוי טראַכטענדיג, גייה איך צוריק אויף דער סטאַנציע, אויסצופרעגען די היימישע לייט.

מיין סטאַנציע איז געוועזען, ווי געוועהנליך אין אַזאַ שטעדטעל, די צווייטע שטוב פון אַ שענק. נור היינט האָט אַלץ אַנדערש אויסגעזעהן! די שענק-שטוב איז ליידיג: דער בעל הבית איז נישטאָ. געלאָפען, דאַכט זיך צופוס, צו ר' בערעלעס רבין, דערציילען איהם ווי עס האַלט. „דער רבי, זאָל לעבען, ווייסט אודאי אַליין אַליין, נור דער דרך ארץ איז, מען זאָל איהם מודיע זיין. די בעל-הבית'טע איז געלאָפען אויפ'ן היילינגען אָרט. די שנור רייסט איין די שול. דער איידעם פיהרט דאָס רעדעל ביי'ם תהלים-זאָגען אין בית-המדרש... ביי דער שענק שטייהט אַ צושויבערט דינסט-מיידעל, מיט וועלכען איך האָב מורא צו רעדען, עס איז דאָך ציאַחנאָווקע! איך גייה גלייך אין מיין שטוב אַריין, זעץ מיך שרייבען בריעף.

איך דערהער: ר' בערעלע! און אייל מיך צו דער טהיר: אין שענק-שטוב שטייהען שוין צוויי יידען. איינער אַרומגעבונדען מיט אַ שטריק, אַ סימן פון אַ טרעגער; דער צווייטער מיט אַ גרויסער רויטער נאָז, אַ סימן מובהק פון אַ „חברה-נושאים-מאַן".

— הערסטו, ברודער, — מאַכט דער חברה-נושאים-מאַן, — שלעכט איז זעהר, נור סיי ווי סיי, אַ קאָפּ מוז מען מאַכען! ר' בערעלע — ער זאָל נור אויף מיינע הענד נישט קומען, מאַריך ימים זאָל ער זיין, — האָט אויך ליעב אַ קאָפּ, אָבער גאָר שטאַרק! באַ, ווען איך האָב אַ שענק, וואָלט איך מיך אַנדערש געפיהרט; ביי מיר האָט אַ ווייב קיין דעה נישט... נור ר' בערעלע! נעביך... דאָס מרשעת פלעגט איהם אַוועקיאָגען ווי אַ קאַץ פון דער מילך! אַ שטילער יוד, נעביך... נישט געוואָלט זיך קריעגען... פאַר דאָס אין שטיבעל — אַ

תקון, אַ יאָהר=צייט, פלעגט ער שוין אָבדאַווענען דער ערשטער, דער ערשטער ברכה מאַכען.

— אוי=וואַ, אוי=וואַ! בעוואונדערט דער טרעגער.

מען האָט זיי אָנגעגאָסען בראָנפען.

— דרייסיג יאָהר האָב איך מיט איהם צוזאַמען געדאַ=ווענט, — מאַכט דער חברה נושאים מאַן מיט גאוה.

— טאַקי אַ זכיה! ענטפערט דער טרעגער.

— לחיים!

— לחיים טובים ולשלום! ר׳ בערעלען צו׳ן רפואה שלמה: וואָס שאַדט עס, גאָט ברוך הוא, לאָז ער נאָך עט=ליכע יאָהר דאָ דאַווענען.

— קיין גרויסער דאַווענער, רופט זיך אָן דער חברה=נושאים=מאַן, איז ער קיינמאָל נישט געווען; ער איז נאָך פון די ערשטע קאָצקער!

---

געשלאָפען אַ גאַנצע נאַכט בין איך נ י ש ט. עס איז געווען סכנת=נפשות אין שטעדטיל. אַלע מאָל האָבען מיך אויפגעוועקט אַנדערע קולות. אין מיטען דער נאַכט האָב איך דערהערט, ווי מיין בעל הבית, ר׳ יונה איז געקומען. ער האָט געברענגט פון רבין אַ ידיעה, אַז מען דאַרף רחמים! און, קריכענדיג מיט די שטיוועל אין בעט אַריין, אָנגעזאָגט דעם עולם, מען זאָל איהם אַלע מאָל וועקען און זאָגען וואָס עס הערט זיך.

און אַלע פערטעל שעה כמעט האָט עמיץ אַנדערש אַ זעץ געטהון אין לאָדען:

— יונה, הערסט? ר׳ בערעלע, קיין עין הרע ניט, שוויצט! ר׳ בערעלע ניסט, ר׳ בערעלע דאָס, ר׳ בערעלע — יענץ!... פאַר טאָג איז אין לאָדען אַריין ווי אַ דונער; די

שויבען האָבען געפּלאַצט, עטליכע שטיקלעך גלאָז זענען צו מיר אין בעט אַריין. דאָס האָט מען גערופען ר׳ יונה׳ן צו יציאת נשמה. אַצונד איז ערשט געוואָרען אַ געוויין, דאָס גאַנ־צע שטעדטיל איז ווי אַיינגעזונקען געוואָרען אין אַ ים פון טרע־רען. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך שווים מיט׳ן בעטעל אַרום אין אַ מבול. עס האָט מיך געשווינדעלט. אַלע מיינע טויטע קרובים האָבען זיך מיר אויפגעוועקט אין זכרון, און איך האָב מיטגעוויינט מיט ציאַכנאָווקע.

אויפ׳ן טאָג ערשט איז שטיל געוואָרען. איך בין אַיינ־געשלאָפען און האָב מיך אויפגעהאַפּט ערשט פאַרנאַכט צו דער לויה...

מען האָט געטראָגען די מטה אין שוהל אַריין; דער רב איז אַרויף אויפ׳ן בעלעמער... דער רב נעביך פּעראַי־קעט זיך... שפּייט... שטעלט זיך, מיט דער גאַנצער וועלט צוגלייך. אויפ׳ן פּסוק: בכו בכה להולך. צוויי זייגער שעה נאָכאַנאַנד קוועטשט ער די אַלטע אויגען מיט׳ן אַלטען פּסוק; צוויי זייגער שעה האָב איך מיך געלאָזט פּרעסען און דרי. און האָב דאָך איבער ר׳ בערעלען קיין וואָרט נישט געהערט.

צוריקגייהענדיג פון דער לויה, פרעג איך מיין בעל הבית, אויב ר׳ בעריל איז אַיין עושר געוועזען.

— אַ זעכציג טויזענדער! ענטפערט ער בקיצור.

— אַלץ פון דער שענק? פרעג איך פערוואונדערט.

— היד ה׳ תקצר? זאָגט ר׳ יונה.

— הערט נור, פרעג איך ווייטער, האָט ער עפּיס אָבגעזאָגט אויף עולמות?

דערווייל רוקט זיך צו אַ יונגערמאַן מיט אַ פּנים פון אַ בן תורה, און האַפּט אָן מיין בעל הבית ביי׳ם לאַץ.

— הערסט, יונה, עס וועט זיין אַ שיינער דין תורה... אַ שודא דדיינא...

— וואָס איז? פרעגט ר׳ יונה.

— הערסט דאָך, ר׳ בעריל, זכרונו לברכה, האָט פערזאָגט אַ תמיכה זיין שוועסטער דער אלמנה. געזאָגט האָט ער כהאי לישנא: מען זאָל איהר געבען זעכציג רובעל אַ יאָהר — פינף רובעל אַ חודש...

— איך בין דאָך געווען דערביי, ענטפערט אונגעדולדיג ר׳ יונה, וואָס איז דער דין תורה?

— שוטה! און „ואדר״?

# ר׳ יוחנן גבאי.

(אַ מעשה׳לע).

מיעד, אָנגעהאָרעוועט פון קהלישער אַרבייט, איז ר׳ יוחנן גבאי געקומען אַהיים. אין דער קיך איז איהם שוין אַקעגען־געקומען דער ריח פונ׳ם עסען, פונ׳ם פלייש און די געקאָכטע עפּעל. און ער איז שנעל געגאַנגען ווייטער אין דעם צווייטען צימער אַריין, דאָרט האָט איהם אָבער דאָס ווייב זיינס, סאָשע, נישט פריינדליך אויפגענומען.

— בטלן! — האָט זי געשריגען מיט געבייזער ווי דער גבאי האָט זיך נאָר געוויזען אויף דער שוועל.

— וואָס בייזערסטו דיך אַזוי? — האָט זי דער גבאי געפרעגט, וועהרענד ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ בענק׳ל אָברוהען.

— ער פרעגט נאָך, וואָס איך בייזער מיך! תמיד ביזטו פערנומען מיט קהל־זאַכען און ווען וועסטו, בטלן, עפּיס טהון פאַר דיר?

— פאַר מיר? — האָט זיך דער גבאי געוואונדערט — וואָס האָב איך דען פאַר מיר צו טהון? אונזערע קינדער זע־נען שוין, ברוך השם, זעלבסטשטענדיגע מענשען און אונז אַליין, דאַכט זיך, פעהלט אויך גאָר נישט... און וואָס האָב איך צו טהון? — אַרומקוקענדיג זיך אין שטוב גיט ער נאָך צו: דאָס בעט זעה איך איז צוגעבעט אָהן מיר, די בלים זענען אויפגעפוצט אָהן מיין הילף; די וועגר האָב איך

אפילו נישט אָנגעריהרט און איך זעה דאָך נישט אויף זיי קיין פּיציל שפּין=וועבס. דער טיש איז אויך שוין צוגעגרייט. דאָס טישטוך איז ווייס ווי שניי, די גאָפּעל=מעסער און די לעפעל בלישטשען ווי גאָלד. איך זעה אויך אַ געמאַכטען רעטיך, אַ ביסעל געריבענעם הריין, אַ פלעשעל בראָנפען...

— הער שוין אויף מיט דיינע גרייזען און גייה דיך בעסער וואַשען!

— ניין, סאָשע, איך וועל מיך נישט פריהער גייהן וואַשען, ביז דו וועסט נישט אַליין מודה זיין, אַז איך בין געערעכט. דאָ אין דערהיים האָב איך גאָר נישט וואָס צוטהון, אָבער דאָרט אין דעם בית=המדרש האָב איך אַ סך צוטהון, וויל ווער וועט זיך דערמיט אָבגעבען, אַז נישט איך? אפשר יוסקע קרעמער, וואָס האָט נישט קיינמאָל קיין צייט, אפילו צו עסען? צו אפשר יחיאל דער דאָרפגייהער, וואָס גייהט אוועק פון דערהיים שבת=צו=נאַכטס תיכף נאָך הבדלה און קומט אַהיים ערשט פרייטאָג אין דער שפעט? צו אפשר ראובן פראָצענטניק, וואָס ליפט זיך אָן אַ גאַנצען טאָג צווישען די אָרימע לייט, צוזאַמען צונעמען די עטליכע זעקסערליך פראָצענט? אָדער אפשר איינער פון די אָרימע בעלי=מלאכות, וואָס מוזען נעביך שווער און ביטער אַרבייטען אויף פרנסה?

— לאָמיך שוין געמאַך! איך בין שוין נישט בייז...

— שאַדט נישט. איך ווייס, אַז דו ביזט שוין נישט בייז. איך וויל דיר אָבער נאָך בעווייזען, אַז איך טהו פאַר מיינעט וועגען אויך. אָט קיק, סאָשע, קוק אָן מיין ווייסע באָרד=און=פאות! מיין נישט, אַז איך בין נאָך אַ יונגער מענש. מען מוז זיך שוין טאַקי אָנגרייטען אין וועג אַריין...

— אין וועג אַריין? וואָס פאַר אַ וועג? — פרעגט סאָשע פערוואונדערט זי האָט אָבער באַלד געחאַפּט, וואָס ער מיינט און האָט אויסגערופען מיט שרעק: חס=ושלום חס=ושלום! רעד נישט, רעד נישט! אל תפתח פה לשטן!

— האָב נישט קיין מורא, סאָשע. דו ביזט שוין אויך

עלטער פון 20 יאָהר . . . און וואָס וועלען מיר טהון, אַז מען וועט אונז דאָרט פרעגען, וואָס מיר האָבען אַזוינס גע־טהון אויף דער וועלט? וואָס וועלען מיר אויף דעם ענטפע־רן? אפשר וועלען מיר זאָגען, אַז מיר האָבען דאָ געגעסען און געטרונקען? און וואָס וועט דער אויבערשטער זאָגען? דו למשל, וועסט דיך נאָך קענען ריהמען, אַז דו האָסט עוסק געווען מיט הכנסת כלה . . .

— זיי שטיל! — בעט זיך סאָשע. זי האָט מורא, עס וועט איהר שאַטען צום שכר אויף יענער וועלט.

— איבער דעם וויל איך אויך טהון עפּיס גוטס . . .

— זעהר גוט, זעהר גוט. טהו ווי דו ווילסט. גייה זיך נור וואַשען . . .

— נאָך עפּיס — זאָגט דער גבאי ווייטער — געדענקסט נאָך, סאָשע דאָס זיידענע חופּה־קלייד דיינס מיט די זילבער־נע פּאַסען?

— צו איך געדענק!

— אפשר וואָלסטו עס געגעבען אויף אַ פּרוכת?

— זעהר גוט. איך גייה שוין . . .

— וואַרט. סאָשע־לעבען, איך האָב עס שוין אַליין גענומען. עס הענגט שוין אויפ׳ן ארון־קודש;

— גנב! שמייכעלט סאָשע.

ציננד ערשט גייהט זיך ר׳ יוחנן וואַשען און עסט מיט אַפּעטיט. בענשט און גייהט שלאָפען.

---

ר׳ יוחנן גבאי איז ענטשלאָפען געוואָרען, און זיין נשמה איז געפלויגען אין הימעל אַריין, און האָט דאָרט איינגעשרי־בען אינ׳ם בוך צווישען די מצוות:

„איך יוחנן בן שרה האָב געאַרבייט אַ גאַנצען טאָג אַ הייליגע אַרבייט, איך האָב מיר אין זין געהאַט: איך און מיין ווייב סאָשע זיצען אין אַ שיין הויז, בשעת, גאָטס הויז,

דאָס הייליגע בית־המדרש, איז בויפעליג און בעדאַרף אַ רע־פּאַראַציע. איך האָב איבער דעם געדונגען בעלי־מלאכות, דאָס הויז צו רעפּערירען. היינט האָט מען אויך געבראַכט צוויי נייע בענק און אַ נייעם טיש. איך האָב אויך געהייסען רייניגען די פּאָדלאָגע, די ווענד און אַלע כלי־קודש. איך האָב אויך אַנידערגעשטעלט אַ נייעם לייכטער פאַר'ן עמוד ביי דער מזרח־וואַנד. אויף דעם איז געווען אין דער קאַסע בסך־הכל 300 גולדען, דאָס איבריגע האָב איך געמוזט דערלייגען פון מיין קעשענע — 45 גילדען מיט 18 גראשען. אויפ'ן חשבון פון מיין ווייב סאַשע האָב איך געלאָזט מאַכען דאָס זיידענע פּרוכת, חוץ הכנסת־כלה, וואָס זי בעשעפטיגט זיך דערמיט. גאָט זאָל עס איהר געדענקען צום גוטען! אין בית־המדרש איז אַלדינג געענדיגט געוואָרען גאַנץ גוט. און איך האָב אָנ־געזאָגט דעם שמש, ער זאָל, חלילה וחלילה, נישט מעהר אַריינלאָזען קיינעם נעכטיגען אין בית־המדרש, גאָטס הויז זאָל נישט מעהר זיין קיין שלאָף־שטוב פאַר „ארחי־פרחי". ער זאָל געדענקען צו פערשליעסען ביי נאַכט דאָס בית־המדרש"...

ר' יוחנן גבאי'ס נשמה האָט נאָך אַלץ געשריבען, איז געקומען צו פליהען איין אַנדערע נשמה און האָט איינגעשריבען אין איהר בוך די דאָזיגע ווערטער:

„איך בעריל בן יהודית בין שוין אַ זיבעציגער. אַזוי לאַנג, ווי איך האָב נאָר געהאַט כח, האָב איך געאַרבייט אויף פּרנסה. ווי איך בין אָבער אַלט געוואָרען און האָב פערלוי־רען דעם כח, האָב איך שוין נישט מעהר געקענט פערדיע־נען, און האָב געמוזט אָנהייבען גייהן אין די הייזער. תחלת איז מיר אפילו נישט שלעכט געווען. איך האָב שטענדיג געהאַט צו עסען. די בעלי־בתים האָבען מיך גוט געקענט און האָ־בען מיך געשטיצט. לאַנגזאַם בין איך זיי אָבער נמאס געוואָ־רען, און מען האָט מיר שוין זעלטענער דערלאַנגט אַ שטיקעל ברויט! מאַנכעס מאָל — אַ טרוקענס, וואָס איך האָב עס אפילו נישט געקענט צעקייען, ווייל איך האָב נישט מעהר קיין

צייהן . . . איך האָב איינגעזעהן, אַז איך וועל מוזען אין מיין שטאָדט שטאַרבען פאַר הונגער. האָב איך מיך אַוועקגע־לאָזט פון מיין שטאָדט און בין דאָ אַהערגעקומען. די קעלט איז געוועזן זעהר גרויס, און איך האָב געוואָלט גייהן אין בית־המדרש אַריין נעכטיגען, אַזוי ווי מען איז זיך געוויינט־ליך נוהג ביי יודען. דער שמש האָט אָבער פערשלאָסען די טהיר, און האָט מיך נישט אַריינגעלאָזט. דער גבאי האָט איהם אָנגעזאָגט, ער זאָל נישט לאָזען קיינעם נעכטיגען אין בית־המדרש, גאָטס הויז זאָל נישט ווערען קיין אַכסניא . . . אַצינד שלאָף איך אויף דער גאַס און די קעלט פרעסט מיר אַרויס דעם מאַרך פון די אַלטע פערדאַרטע ביינער מיינע. איך בין הונגעריג און עס איז מיר שרעקליך קאַלט . . פרעג איך דיך, רבונו של עולם, ווער בעדאַרף גיכער האָבען דאָס בית־המדרש, דו אָדער איך?״

---

און עס איז אַרויס אַ בת־קול פון הימעל: „רופט ביידע צום בית־דין של מעלה!״

און צו מאָרגענס אין דער פריה האָט מען געפונען טויט: דעם גבאי ר׳ יוחנן ביי זיך אין דער היים אויפ׳ן בעט; און איין אַלטען אָרימאַן — געפרוירען, אויף דער גאַס נע־בען דעם בית־המדרש . . .

---

# איזיק׳ל שוחט

## 1.

א מלמד שטאַרבט פלוצלונג אוע

--------------------

נאָך צוואַנציג יאָהר קנעלען, און דוקא אין די רייכסטע הייזער אין שטעדטיל, איז אבוגדור׳ל־מלמד אַוועקגעפאַלען אויפ׳ן האַלז; עס האָט זיך איהם בלוט געוויזען, דאָס קול בעהאַלטען, און דערצו איז ער שטאַרק אָבגעפאַלען.

— אַ שאָד נעביך — זיפצט מען אין שטעדטיל — אַ יוד אַ למדן און אַ גוטער מלמד!

און עלענד איז אביגדור׳ל ווי אַ שטיין. אהער געקומען קנעלען איז ער אַלס יונגערמאַן פון דער פרעמד; קיין קרוב, קיין גואל... דערצו נאָך אַיין אלמן מיט אַ פיעריעהריג ייִנגעל... איבער דער גאַנצער צייט האָבען זיך איהם קיין קינדער נישט געהאַלטען; דאָס לעצטע מאָל איז זי געשטאָרבען אין קימפעט, און גייה פרעג גאָט אַ קשיא.

קהל האָט דאָך אביגדור׳לען אין זין!

ערשטענס — איז געבליבען אין בית־המדרש — איז קיין יושר ניט, מען זאָל איהם דאָס מעמד צונעמען; ער וועט דאָך נעביך אויסגייהן ווי אַ ליכט! שווינדזוכט, זאָגט מען אפילו, איז אָנ־שטעקענדיג, זאָל מען זאָגען! מיר ווייסען, אַז החיים־והמות איז מאַקי נור ביי גאָט ברוך הוא, אין דער האַנד; אַז אָהן זיין ידיעה האָט דער מלאך־המות קיין שליטה נישט; אָהן זיין ווּסען, וועט זיך קיינעם קיין האָהר נישט קרימען. — אזוי איז

געבליבען אין בית-המדרש אין דער פריה ביי שחרית, פאַר-נאַכט ביי מנחה ומעריב, און דאָך איז זיך דאָס מעמד צו-קראָכען.

אָנגעהויבען קאַליע מאַכען האָט אַ „נחות-דרגא” — איין אויפגעקומענער בעל-הבית, דעם מומחה׳ס אַ לייבליך שוועסטער-קינד; נאָך איהם האָבען זיך די רעשט בעלי-בתים צוריק גע-צויגען...

קהל קאָן דאָך נישט צוזעהן, אַ יוד—אַ למדן זאָל שטאַר-בען, חס-ושלום, פאַר הונגער.

טהון מוז מען! עס איז אַ מצוה און אַ יושר צוזאַמען. אויפ׳ן וועג ליעגט דאָך די שאלה; ווער דאַרף טהון? דאָס גאַנצע בית-המדרש זאָגט, אַז דער עיקר חוב פאַלט אויף די בעלי-בתים. וואָס האָבען איהם דאָס חדר צונומען. די וויטער זאָגען: כל ישראל ערבים זה בזה, און אויסהאַלטען אַ יוד אַ למדן איז מחויב גאַנץ קהל. זיי וועלען זיך די הענד נישט אָבוואַשען, נישט שטייהן פון דער וויטענס, נור דעם גאַנצען עול אויף זיך קענען זיי ניט נעמען!

דערפון מאַכט זיך אַ צווייטע שאלה: וואו האָט קהל געלד? עס זענען פערהאַן 3 דאָזאָרצעס, נור דער אמת׳ער ראש-הקהל, דער מושל-בכפה, איז ר׳ שמעריל, אַ פּרומער, מתונות׳דיגער, שטילער משניות-יוד... און ר׳ שמעריל זאָגט, אַז אויספיהרען מיט דער הכנסה, וואָס קהל האָט, קאָן ער נישט, אַז איין גראָשען זעהט נישט דעם צווייטען, אַז קהל איז אַ געלעכערטער זאַק, אַז ער מוז צולעגען פון דער קעשענע! און—איינס פון די ביידע: אָדער ער וועט זיך מוזען גט׳ען מיט דעם ווייב, וואָס טהוט אָן מעשים, אָדער אוועקוואַרפען קהל; זאָל איין אַנדערער גייהן אין ספּאָדיק! מילא! דאָס— זאָגט מען—איז נאָך נישט פון די גרויסע זאַכען; דערויף איז נאָך דאָ אַ תשובה: אָדער מען קלויבט אויס איין אנדערן ראש-וראשון, אָדער — טהוט מען זין איין אַנדרע עצה. היינו: מען מאַכט אויף וואָס עס איז אַ פונדוש! וויט דאַרף מען נישט זוכען: שבת-ליכט, כלי מיני שפיי!...

גאַסע הייוועט זענען שוין פערדיגגען, מאַכט מען פון טרוקענע.
אַניט זאָל מען פערדינגען נאָך אויף דריי יאָהר דאָס באָד.
און אפשר איז גלייכער אויפצונעמען אַ שוחט. די דריי גייהען אין
גאָלד, זאָל נאָך אַ יוד, נישט דוקא ר׳ שמעריל׳ס אַ קרוב,
האָבען פרנסה, און קהל—אַ פּאָר גראָשען! און אַ פונדוש דאַרף מען
סיי ווי סיי: דער שוהל=דאַך שיילט זיך, די מקוה דאַרף רעפּע=
ראַציע, אַניט זענען די נשים מסוכן. הײנט איז שוין, ברוך=
השם, די תלמוד=תורה בטל עטליכע יאָהר, שוין צייט עס זאָל
אויף איהר אויך איין אויפרעכטונג קומען...

און בעשטעהט קהל נישט אויף די אַלע פּלענער, זאָל מען
מאַכען אַ נדבה, אַ שיינע נדבה! זאָל מען גייהן מבית לבית!
קעסט=קינדער, וואָס האָבען, ברוך=השם, צייט און געזונדע פּיס,
פעהלט נישט, קיין עין=הרע!

דערווייל האָט מען אביגדור׳לען אָבגעזאָגט פון דער דירה.

דעם טאָג האָט ער פערבראַכט וואו עס איז. אַ ביסעל אין
בית=המדרש, אַ ביסעל אין בעקאַנטע שטיבער. וואו ער איז גע=
קומען מיט׳ן יינגעל, האָט מען זיי מיט עפּיס מכבד געוועזען:
אַ ביסעל בראָנפען (פאַר׳ן קינד— ז י ס ע ן בראָנפען), אַ שטיקעלע
לעקיך... נור אויף נאַכטלעגער האָט זיי קיינער נישט פער=
בעטען. נאָך מנחה=מעריב איז אביגדור׳ל מיט׳ן יינגעל געבליבען
אַליין אין בית=המדרש; אפילו די, וואָס לערנען געוועהנליך
נאָכ׳ן דאַוונען, האָבען זיך אויך אָנגהויבען צו איילען אַהיים.

נאָך אַ פּאָר שעה איז אין גרויסען, לערען בית=המדרש
אַביגדור׳לען קאַלט געוואָרען! ער האָט איבערגעלאָזט דאָס קינד,
וואָס איז אײנגעשלאָפען אויף דער באַנק, און איז זיך געגאַנגען
אָנוואַרמען צו אַ בעקער, וואו מען אַרבייט די גאַנצע נאַכט.
מען האָט איהם ערלויבט, און ער האָט זיך געזעצט ביי דער
וואַנד, נישט ווייט פון ברענענדיגען אויווען. אַ ליעבע וואַרם
האָט איהם דורכגענומען און ער איז אײנגעשלאָפען. עס האָט
איהם קיינער ניט געוועקט און ער איז געשלאָפען ביז שפּעט
אין דער פריה.

די צווייטע נאַכט איז ער געקומען שוין מיט'ן ייִנגעל צוזאַמען זיך וואַרעמען. ער האט פערנומען דאָס זעלבע אָרט, דאָס ייִנגעל האָט זיך געזעצט דערנעבען און אָנגעשפּאַרט דאָס קעפּעל אויפ'ן פאָטערס שויס. זיי זענען ביידע אַזוי געשלאָפען ביז אין דער פריה.

אַזוי האָט געדויערט עטליכע טעג; ביז די פּאָליציי איז געוואָהר געוואָרען. סכנת=נפשות האָט זיך געטהון! דער בעקער איז שיער נישט געגאַנגען אין תפיסה, ער האָט זיך קוים אויסגעקויפטע מיט עטליכע רובל און געחתמ'ט, אַז מעהר לאָזט ער אביגדור'לען אין שטוב נישט אַריין. אַרט עפּיס די פּאָליציי, אַז אביגדור'ל איז אַ יוד אַ למדן? עטליכע בעלי=בתים זענען אפילו געגאַנגען בעטען, וואו מען דאַרף, נור יואָס איז היינטיגע צייטען ווערט אַ בקשה פון אַ יוד.

אביגדור'ל איז געגאַנגען אין באָד אַריין... ווייטער דאָס זעלבע: די פּאָליציי מישט זיך אַריין און וויל פערמאַכען דאָס באָד מיט דער מקוה! שפּאַרען זיך טאָר מען נישט; עס איז באמת אַ חורבה. רעד אַ וואָרט — ליגט מען אַ חותם, וועט קאָסטען אַ טויזענדער! עד היום ווייס מען נישט, ווער דער מסר איז געוועזען... געמוזט האָט מען דאָך מסר'ן, די פּאָליציי מישט זיך אַליין נישט אַריין!

סיי ווי סיי, אביגדור'ל מיט'ן ייִנגעל האָבען שוין נישט וואו צו גייהן; זיי זענען געבליבען אין קאַלטען בית=המדרש.

דעמאָלט איז טאַקי דאָס רחמנות אויפ'ן פאָטער מיט'ן קינד נאָך גרעסער געוואָרען! מען האָט ערשט דערזעהען, אַז זיי האָבען ביידע נישט קיין העמד אויפ'ן לייב.

איצט האָט שוין דאָס גאַנצע בית=המדרש מודה געוועזען, אַז אביגדור'ל פאַלט אויף קהל. נור וואָס זאָל קהל טהון? מען האָט זיך איבערגעלייגט, און מען איז געקומען צו דער דעה, אַז דאָס באָד פערדינגען אויף דריי יאָהר קען מען נישט. דערוויל איז עס אַ מפּולת. קיינער וועט קיין דרייער נישט געבען, ביז מען וועט עס נישט פערריכטען.

אַ נייעם שוחט אויפנעמען איז אַ געפעהרליכע זאַך ; אָהן מחלוקת וועט עס נישט צוגייהן . . . און ווי לאַנג איז גאַר , אַז דורך אַ מחלוקת פון שוחטים האָט אַ האַלבע שטאָדט געצאָהלט שטראָף פאַר פאַטענטען ? — אויף דעם איז מען שוין אין גלות !

מיט געפרעסטע הייזער, האָט זיך אויסגעוויזען , האַנדלען מעהר קריסטען ווי יידען . . . אַ פונדוש אויף שפייז וועלען די בעלי־מלאכות נישט צו לאָזען . בעלי־מלאכות און חברה־נושאים זענען איין קניפעל; וועט זיך באַלד אָנהייבען איין עסק מיט חברה־קדישא .

אויף עופות—וויל דער רוב בעלי־בתים נישט . זיי זאָגען , אַז אויב עס וועט זיין אַ פונדוש, וועלען זיי אויפהערען עסען עופות . . . אויך קאָן דערפון אַרויס אַ פרצה געגען שחיטת־חוץ ! פיש זענען אַזוי אויך ממון־קרח . . . און אָבלעגען אויף דער לאַנגער באַנק טאָר מען פאָרט נישט ; על כן—מוז מען צוזאַמענגעמען אַ נדבה . מען הייבט שוין אָן קלערען : מי ומי ההולכים? ווער מיט וועמען?

ניר—אַ מענש דענקט און גאָט לענקט .

---

אין שטילען מאַרק איז פּליצלונג אין מיטען דער וואָך , אין אַ פראָסטען דינסטאָג , אַ געפילדער געוואָרען : אַהר'לע בעל־עגלה, מיט זיין ברישקע , מיט זיינע פערדליך ווי די לייבען . טרייבט , יאָגט אויף און אָב , איבער בערג און טאָל , שטיין און ביין ; אויף און אָב , אַהין און צוריק , אַז עס פערהילכט די אויערן ! אין ברישקע זיצט ר' גבריאל'טשע . פון דער רעכטער זייט האַלט איהם אונטער דאָס צווייטע , צי דאָס דריטע ווייב , פון לינקער זייט—דער מומחה פון שטאָדט .ביידע קלאַפּען דעם בעל־עגלה אין קאַרק אַריין : פאָהר ! פאָהר ! פאָהר ! גזלן ! אַ כפרה צעהן פערד פאַר אַ מענש !

ר' גבריאל'טשען האָט זיך , לא־עליכם , אַ דאַרם איבערגע־דרייהט. ער האָט שוין , זאָגט מען, קוועקזילבער גענומען, טייל זאָגען

אפילו: פיזעם אויך! און פריהער גאָט דערנאָך אָהר'לע מיט זיינע לייבען, קענען איהם ראַטעווען. דערווייל איז נישט גוט! דער אַלטער חברה־קדישא־שמש, וואָס האָט שוין געזעהן מעהר מתים, ווי איין אַנדערער לעבעדיגע, זאָגט, אַז אויב די קישקע גלייכט זיך נישט אוים נאָך אָרה'לעס טרייבען איבער'ן מאַרק, איז גאָר נישט גוט; מוז שוין דאָרט זיין אַ קשר של קימא, דאַרף מען טאַקי גרוים רחמים!... מען האָט אַראָבגעבראַכט פון ערגיץ אַ דאָקטאָר, האָט ער אויך מודה געוועזען, אַז נור איין גאָט קאָן העלפען...

פון אַ נדבה־מאַכען פאַר אביגדור'לען האָט מען פלוצלונג אויפגעהערט צו רעדען. פאַרוואָס? קיינער ברענגט עס נישט איבער די ליפען, נור יעדערער ווייסט די סבה... דער חדש־גבאי פון חברה־קדישא בלאָזט זיך שוין: ער רעדט שוין מיט עלטערע יודען בלשון „אתה", דערלאַנגט שוין קיינעם קיין שמעק־טאַבאַק נישט. זאָג איהם: גוט מאָרגען, הערט ער קוים! ער ווייס, אַז עס גייהט זיין ממשלה!

און קהל האָט מיט ר' גבריאל'טשען אַ לאַנגען, לאַנגען חשבון. נישט נור אביגדור'ל וועט אויפגעריכט ווערען! אַ יוד, קיין עין־הרע, אַ גביר: דריי הייזער, צוויי שפייכלער, באַר גאָר אַ מטמון און — אָהן קינדער! אַ מענש, ר"ל, זאָל קיין שליטה נישט האָבען אויף זיין אייגענעם גראָשען... קיין קערה, קיין מעות־חטין, קיין „מאיר בעל־הנס", קיין אורח אויף שבת, גאָר נישט! פורים ווערט ער כלומר'שט קראַנק און פערמאַכט טיר און טויער! זייט ער האָט דאָס לעצטע מאָל חתונה געהאַט, צוריק מיט אַ יאָהר צוואַנציג, האָט ער קהל אפילו מיט לעקיך און בראָנפען נישט מהנה געוועזען...

קיין שלעכטס, חס־ושלום, ווינשט קיינער נישט. אַ יוד בלייבט יוד. דעם רבונו־של־עולם וועט קיינער קיין עצה נישט געבען, נור וואָס אמת איז אמת.

ביי אָהר'לע בעל־עגלה איז שוין אַ פערד געפאַלען און עס העלפט נישט! להבדיל, דער חברה־קדישא גבאי האָט

שוין אפילו פאַר זיין אייגען ווייב קיין דרך־ארץ נישט!...

היינטיגע צייטען אָבער געשעהען אויך אַמאָל נסים. זעלטען, דאָך טרעפט זיך! גבריאל'טשע האָט מנדר געווען עטליכע פונט ליכט אין שוהל אַריין, און עס האָט אָנגעשלאָגען! ר' גבריאל'טשע איז אויפגעשטאַנען תחית המתים! דערפאַר איז אביגדור'ל נעביך, להבדיל בין החיים והמתים, פלוצלונג אוועקגעשטאָרבען!..

---

## 2

# אַ טרוקענע לויה.

אַ לויה האָט אביגדור'ל געהאַט גאָר אַ זעלטענע: קינד און קייט!

דאָך איז זי געווען — איך קען מיך אַנדערש נישט אויסדריקען — אַ טרוקענע לויה! עס איז קיין אלמנה, קיין יתומה נישט געבליבען.

עס איז נישטאָ פאַר די ווייבער אין וואָס זיך אָנצוחאַפּען. מען הלש'ט נישט, עס וויינט זיך אפילו נישט רעכט! דער אָרימער יתום ווייסט נאָך אפילו נישט, וואָס אַ קבר איז, וואָס געשטאָרבען הייסט! ער איז מעהר צורשראָקען, חי־פערוויינט! די ווייבער האָבען זיך ווירקליך נישט אין וואָס אָנצוהאַלטען. אַז איינע דערמאַנט זיך גראָד אָן איהר אייגענער ברענענדיגער צרה און לאָזט אַרויס אַ קול, בלייבט עס ווי הענגען אין דער לופטען, קיינער האַפט נישט אונטער, ציהט נישט ווייטער; עס ווערט ווי פערגליווערט, ווי דערשטיקט. —

די ווייבער זענען דעריבער באַלד אָבגעשטאַנען.

און יונה באַץ, דער גבאי פון חברה נושאים פון

היינטיגען חודש, האָט עס בעמערקט און נאָכגעשריגען:

— אַהיים, נשים, אַהיים! אַ לויה אָהן געוויין, איז ווי אַ חתונה אָהן כלי־זמר. נישט פאַר אייך געדאַכט!

די ווייבער שעלטען דעם „לאַנגען יונה“ פון וויטען, נור זיי טרעטען אָב.

די מענער האַלטען אויך נישט לאַנג פלאַץ.

פעריאָגטע קרעמער און אַזוי עלטערע און שוואַכע בעלי־בתים, געהען נור צו יעדערער ביז אין זיין עק גאַס. אַנדערע בעגלייטען די מטה ביז עק שטאָדט און שטעלען זיך אָב. וואו מען בלייבט שטייהן, קלאַפּט מען אָן אין דער ערשטער בעסטער שויב, און אין שטוב ווייסט מען שוין, וואָס דאָס קלאַפּען בעטייט: באַלד בעוויזט זיך עמיצער מיט אַ קוואָרט וואַסער, צו וואַשען די הענד. דער עולם בעגיסט די נעגעל, קרעכצט אָב, זאָגט וואָס מען דאַרף, און גייהט זיך זיין וועג, אַהיים צי אין געשעפט אַריין.

יונגע בעלי־הבית׳ליך, קעסט־עסער, בני־תורה, וואָס האָבען ביי אַביגדור׳לען געלערנט, אָדער נור אַמאָל מיט איהם פון תורה גערעדט, פיהרען די מטה אויס דער שטאָדט אַרויס. צום בית־עלמין זענען זיי דאָך נישט צוגעקומען. עס איז אַ שיינער, ליכטיגער טאָג, נעמט מען זיך רעכטס צום טייכעל, די הענד צו וואַשען. טייל ווילען אַ ביסעל שפּאַצירען אונטער דער שטאָדט. עקסטרע צוליעב דעם אַרויסגייהן לוינט זיך נישט, נור אַז מען איז שוין דאָ!... אַנדערע וועלען זיך שוין אינאיינגעוועגס אָבבאָדען.

פערשיט דאָס קבר, אונטערגעזאָגט דעם יתום דעם קדיש, האָבען שוין נור עטליכע מלמדים. דאָך זיי יאָגען זיך אויך צוריק, אין די חדרים אַריין: די תלמידים האָבען שוין האַרט געמוזט „די גאַנצע וועלט איבערקעהרען“...

דאָס ברעטעל מיט׳ן „פה נטמן“, די מצבה אויף דער־וויל, וואָס וועט שוין געווים בלייבען אויף שטענדיג, שטעקט אין קבר אַריין יונה באַץ און שילט דערביי מיט טויטע

קללות אַלע בעלי־בתים... די כחות האָבען זיי איהם צוגע־נומען, דעם מאַרך פון די ביינער אַרויסגעצויגען און אַוועק־געוואָרפען, ווי אַ שאָל פון אַיין אויסגעפּרעסטער לימענע...

די נושאים פּערמאַכען דאָס בית־עלמין. —

אין שטאָדט אַריין איז אַ וויאָרסט וועגס. די זון האָט שוין אין אונטערגייהען. מען וועט קומען צו מנחה און אפשר וועט נאָך צייט זיין צו חאַפּען אַ טרונק בראָנפען; צו דער אַרבייט וועט מען שוין זיך נישט זעצען. גייהט מען טריט ביי טריט און מען שעלט די בעלי־בתים פּאַר זייער אכזר'יש־האַרץ...

נישט נור געגען מלמדים זענען די בעלי־בתים נישט יוצא... ווי אַזוי בעהאַנדלען זיי אָרימע לייט בכלל און בעלי־מלאכות בפרט?! — באַלד פערגעסט מען אָנ'ם נפטר און מען גייהט איבער צו לעבעדיגע צרות: אָרימע לייט זע־נען אין חברה נושאים, בעלי־בתים שטייהען איבער זיי אין חברה־קדישא. די חברה נושאים אַרבייט צום טויט, די חברה־קדישא נעמט צו דאָס גאַנצע געלד פּאַר די גבאים'ס קרובים; פּאַר עטליכע ליידיגגייהער, טעלער־לעקער... צי האָט דען אַ בעל־מלאכה אַ דעה אין שטאָדט? ווער נעמט אויף אַ חזן? בעלי־בתים! פרעג זיי בחרם, צי איז עס אַ כשר'ער טרעל, צי אַ קרייה פון אַ האָהן! פרעג זיי בחרם, וואָס אַ „וואָלאַך", וואָס אַ „יעלה" איז, און די טרעלבייכער נעמען אויף חזנים! ווער מאַכט שוחטים? בעלי־בתים! שמערל ראש הקהל, ימח שמו: דריי קרובים — דריי שוחטים! עס וואָלט שוין אפילו צייט געווען, צו מאַכען אַ שטיקעל מרידה, איז פונקט אַ יקרות... יונה באַץ האָט געוואָלט שוין אָנהייבען איינקויפען אויף דער סעודה, וואָס חברה מאַכט פון יאָהר צו יאָהר, — איז צו גאָר נישט צוצוטרעטען... און אַז עס איז יקרות, האָט דער בעל־מלאכה קיין קוראַזש נישט... פון דער סעודה קומט מען אַרויף אויף דער פאַראַיאָהריגער און היינט־יעהריגער קלפי, וואָס גייהט גאָר נישט צו עהרליך. שטענדיג

מוז זיין אַ שווינדעל, א. א. וו.

און דער אָרימער יתום גייהט נאָך פון הינטען אַ פּער־געסענער, אַ דערשראָקענער . . . די אויגען זענען אַרויסגע־זעצט, דאָס דאַרע פּנים׳ל — אין פֿאַסען, פון די טרעה־רען. וואָס זיי האָבען געלאָזט איבער די אַיינגעריכטע באַ־קען . . . די ליפּליך ציטערען איהם נאָך פון פריהערדיגען געוויין . . . ער פּיהלט אפילו קיין הונגער נישט, חאָטש ער האָט נאָך היינט אין זיין מויל נישט געהאַט.

קינדער קענען דאָך לאַנג נישט טרויערען. עס מאַכען אויף זיך אויפמערקזאַם די שטיינער, וואָס ליגען אין די זייטען פון שאָסע. יעדעס שטיקעל וועגס ליגט אַ שטיין אויף אַ קליין בערגעלע ערד, אַרומגעבּרעמט מיט גראָז; פון דער־ווייטענס קוקט אויף איהם יעדער שטיין מיט אַ גרויס אויג; אַז ער קומט צו נעהנטער, זעהט ער, אַז עס איז אַיין אויס־געמאָהלט ראָד מיט אַ ציפער אין דער מיט. נאָך וואָס די שטיינער נוצען, איז איהם נ י ש ט אינטערסאַנט צו וויסען, נור אַריבערשפּרינגען איבער אַזאַ שטיין דאַרף מען פּרובען. עס געראָט איהם, און ער איילט זיך שוין אַקעגען דעם צווייטען שטיין, איבער וועלכען ער שפּרינגט נאָך געשיקטער, און אַזוי ווייטער, ביז ער מיידט אויס די נושאים.

— זעה נור, זעה, — דער יתום!

— געביך, באָרפוס! — בעמערקט יונה באַץ מיט אַ זיפץ.

— מיינע האָבען אויך קיין שטיוועליך נישט, ענטפערט העשעל היטעלמאַכער.

— אָבער טאַטע־מאַמע האָבען זיי — מאַכט יונה באַץ.

— פּהי! — פייפט אונטער בעריל דער צוקער־בעקער. דאָס הייסט; אַז טאַטע־מאַמע פּערדינען נישט, העלפען זיי אַ סך!

דער אָווענד פאַלט צו, אונטער׳ן הימעל בעוויזט זיך אַ ריהרעוודיגע חמאַרע שוואַלבען. די לופט ווערט פול שוואַל־

בען־לשון, פול גערויש פון פליגעל... אַ געשפּילעריי, אַ געפּיס־קעריי אַ געיעג! שפּילענדיג, לאָזען זיך עטליכע שוואַלבען אַראָב; אָט רייסען זיך אָב נאָך עטליכע און מאַכען משונה־קונציגע רע־דער, אַלץ נידריגער און נידריגער... דער יתום בלייבט שטייהן מיט אַ אָפען מויל, קוקענדיג אויף די שוואַלבען. אין אַ רגע אַרום רייסען זיך אידם פון האַלז אַרויס משונה׳־נע טענער. ער וויל נאָכמאַכען דאָס געשריי פון די פייגע־ליך. די פיסליך הייבען זיך, און טאַנצען אונטער איהם, גלייך ער וויל זיי נאָכפליהען. און ער קלאַטשט מיט די הענטליך פאַר גרויס שמחה, קוקענדיג אויף דער לוסטיגער באַנדע אין דער לופט. פלוצלינג חאַפּט ער אַ פּאָר שטיינדליך און ציהלט זיך צו די שוואַלבען, וואָס לאָזען זיך אַמנידריגסטען אַראָב!

— ערשט נאָך קדיש! — מאַכט העשעל־היטעלמאַכער מיט אַ ברוגז־קול — כדאי צו האָבען און אויפצוהאָדעווען...

— וואָס ווייסט אַ קינד? — זאָגט יונה באַץ...

— איין ערשט געבוירען קאַלב — מאַכט העשעל — בלעקט אויך אַ צייט נאָך דער קוה...

— אַ קוה — מאַכט דער צוקער־בעקער — איז מאַמע נישט אַ טאַטע, און אַ ייִנגעל איז קיין קאַלב נישט.

יונה באַץ רופט צו דעם יתום:

— קום נור אַהער, שייגעציל!

ווי ווייך יונה באַץ׳ס קול איז נישט געווען, איז דאָך דער יתום פערציטערט געוואָרען. די פרייד, דער שמייכעל זענען איהם אַראָב פון פּנים׳ל. אויף זייער אָרט שטייהט שוין צוריק די שטומפיגע שרעק. נישט גערן גייהט ער צו.

יונה באַץ נעמט איהם אָן ביי דער האַנד.

— קום, ייִנגעלע... איך וועל דיך אַהיים פיהרען.

— וואו האָט אַ הונד אַ הויז — וויצעלט דער צוקער־בעקער. און יונה באַץ פערטראַכט זיך. דאָך לאָזט ער שוין דעם יתום׳ס האַנד פון זיינער נישט אַרויס...

די נושאים גייהען שוין שטיל צו צו דער שטאָדט. זיי

עמערקען נישט, אַז דער יתום האָט זיך אָנגעשלאָגען אָן א עטי; און טאַנצט אונטער אויף איין פיסעל.

פאַר שרעק האָט ער אפילו קיין זיפץ נישט געטהון.—

---

## 3.

## יונה באַץ און זיינע חברים.

אין אָנהייב שטאָדט, וואו עס שיידען זיך די געסליך, רעכטס צום בית־המדרש און לינקס צום חברה־נושאים׳ס שוהל׳כיל, שטעלט יונה אָב זיינע חברים און פרעגט פערזאָרגט:

— וואָס טהוט מען מיט׳ן יתום?

— אַ שדוך! — וויצעלט, ווי זיין שטייגער איז, דער צוקער־בעקער.

— פיהר איהם אין בין בית־המדרש אַריין! — מאַכט העשעל היטעל־מאַכער.

— און גאָר?

— האָסט ווייניג דיינע קינדער? — פרעגט דער צוקער־בעקער.

— זאָלען בעלי־בתים זאָרגען — מאַכט דער היטעל־מאַכער.

— אַה! — פייפט אונטער יונה באַץ — איהר געדענקט חנטשע׳ס דער משוגע׳נערס יינגעל . . . וואו איז ער היינט?

— אין תפיסה — ענטפערט דער צוקער־בעקער גלייכגילטיג.

— עס איז איהם בעסער, ווי מיינע אין דערהיים — מיינט העשעל מיט אַ זיפץ,

— יודען — זאָגט יונה ערנסט — זינדיגט נישט מיט די רייד.

— נו? — פרעגעןביידע.

— הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגען — מאַלט יונה מיט אַ פערענדערט קול — דער יתום איז געבליבען מיט אונז... עס איז נישט פראָסט... עס איז מן הסתם אַזוי בעשערט...

— עט!

— ניין, נישט עט! פאַרוואָס איז ער מיט קיינעם נישט אַהיים געגאַנגען, נור מיט אונז געבליבען?

— מיר זענען די לעצטע געוועזען...

— דאָס אַליץ איז אַ הימעל־זאַך... אויף אַ יתום קוקט מען... מיר טאָרען איהם נישט אָבלאָזען...

יענע ציהען מיט די פלייצעס. עפּיס איז זיי היינט יונה צו ערנסט, צו פרום; עפּיס נישט דאָס וואָס שטענדיג. ראָך וואַרפען זיי אַיין אויג אויפ'ן קינד, און בלייבען אויך פערציטערט: אַ דערשראָקען, פערציטערט פייגעלע; עס שניידט ביים האַרץ.

— ווי הייסטו, יינגעלע? פרעגט דער צוקער־בעקער ווייך.

— דוד'ל — שטאַמעלט קוים אַרוים דאָס קינד.

— נו? — פרעגט ווייטער יונה.

זיי שווייגען.

— גיט אַיין עצה — בעט זיך יונה.

נור די חברים האָבען זיך שוין אָבגעשאָקעלט, און מעהר אויפ'ן יתום וועלען זיי שוין נישט קוקען.

— נעם איהם צו דיר — זאָגען ביידע, נישט אויפהייבענדיג די אויגען פון דער ערד.

און די אשה מיינע?

זיי שווייגען. דער עולם ווייסט, אַז ביי יונה'ן אין דער היים פיהרט שרה'לע די מלוכה. אַז דער לאַנגער יונה, קוים ד'אַרף ער אַהיים גייהן, לאָזט ער, שוין אויפ'ן וועג, אַראָב דעם קאָפּ. ביי דער טיר, איידער ער לייגט אַרויף די האַנד אויף דער קלאַמקע, האָט ער נאָך אַ ישוב, צי קען ער נישט

נאָך ערגיץ אַוועקגייהן. אויב נישט, בייגט ער זיך נאָך טיעפער אַיין און עפּענט. אין שטוב איז ער שוין אין דרייען געבויגען... יונה דער בעל־דברן, דער ראש־וראשון אויף יעדער סעודה, ביי יעדען מנין, דער טרינקער, דער פּאַטש־שער, די שרעק פאַר רב און קהל, דער יונה קען און דער היים קיין צוויי נישט צייל'ען... עס איז איהם נישט צו דער־קענען!

— זי וואָלט איהם פּעראימערט דאָס לעבען! — זאָגט יונה — איהר אייגענע ווייזט זי קיין פרייע מינע... — ענדיגט ער מיט אַ זיפץ.

— און וואו ביזטו צו אַלדע שוואַרצע יאָהר!

— וואָס זאָל איך טהון מיט אַ יידענע?

די נושאים שווייגען. וואָרען באמת, וואָס טהוט מען מיט אַיין אשה? אַ בעל־הבית, אַז ער קריכט אונטער דער פעל, פּאַטשט מען אַמאָל אוים; דעם רב — ענטפערט מען אַ גראָב וואָרט, פערקריכט ער אין אַ מויזען־לאָך... אָבער אַיין אשה מיט יללות, מיט נעגעליך... אויף דעם איז שוין קיין הילף נישט פערהאַנען.

— ווייסטו וואָס, העשעל — חאַפּט זיך יונה אויף, ווי פון שלאָף — נעם איהם צו דיר.

— משוגע ביזטו, מטורף! איך האָב פאַר מיינע קיין ברויט נישט... שיינע ירידים הייגט!

— פאַר צאָהלען, מיין איך!

— ווער וועט צאָהלען?

וויפיעל ווילסטו אַ וואָך?

— חאָטש אַ רובעל אַ וואָך — ענטפערט העשעל.

— אָבער, ווער וועט צאָהלען — פרעגט ער ווייטער.

מען ווייסט, אַז דאָס קניפּעל איז ביי שרה'לען, נישט ביי יונה'ן אין האַנד; ער קריגט אפילו אויף קיין טרונק־בראָנפען נישט; חאָטש פּרנסה איז, ברוך השם, דאָ אַ קעסעל־מאַכער איז ער אַ גוטער!

— און אז בעלי־בתים וועלען צאָהלען ?! — פרעגט יונה

— אָה! זיי לויפען שוין!

— זיי מוזען צאָהלען — גיט יונה אַ טופּ מיט'ן פּוס.

— יו־נה! — מאַכט דער צוקער־בעקער — לאָז דיך נישט גלוסטען! מיש דיך נישט אין קהל'ישע זאַכען; שוין לאַנג נישט געווען קיין מחלוקת! ווילסט ווייטער אַ פייער אונטער־צינדען!

העשעל ראָטה אויך דאָס זעלבע:

— גיב מיר איבער דעם יתום, איך וועל איהם אָבּ־פיהרען אין בית־המדרש אַריין.

— אָבפיהרען וועל איך איהם אַליין — זאָגט יונה מיט אַ האַרטער שטימע.

— האַ! אַז דו האָסט זיך אָנגעציעפּעט!

ביידע נושאים הייבען מיט די פּלייצעס און גייהען זייער וועגס,

יונה שטייהט אַ ביסעל פערטראַכט. אַ מינוט שפּעטער שרייט ער זיי נאָך:

— העשעל, געדענק, פאַר אַ רובל אַ וואָך!

— איך געדענק! ענטפערט העשעל פון ווייטען.

— עפּים אַ דיבוק איז אין איהם אַריין... רחמנא ליצלן! — מאַכט דער צוקער־בעקער.

— נו, אַ רחמנות איז טאַקי — ענטפערט העשעל.

— אודאי איז אַ רחמנות, — מאַכט דער צוקער־בע־קער, — נור הערסטו, ברודער, וואָס איך וועל דיר זאָגען? רחמנות איז אַ טהייערער ביסען פאַר אָרימע לייט!

זיי נעמען זיך אָן א זייט און טרעטען אָב אין דער ערשטער בעסטער שענק אויף אַ טרונק־בראָנפען.

יונה שטייהט נאָך אַלץ מיט'ן יתום ביי דער האַנד; ער האָט נאָך אַ ישוב.

---

## 4.

# אין בית-המדרש צווישען מנחה ומעריב.

— וואָס טהוסטו דאָ, יונה׳לע? — פרעגט מען צווישען מנחה ומעריב, אַז מען האָט יונה׳ן אין בית-המדרש בעמערקט. אין שטעדטיל איז אָבער, ברוך-השם, שטיל, בערוהיגט מען זיך, און מען גייהט ווייטער, מיט׳ן לולקע-ציבוק אין מויל, אָדער מען שטייהט אין רעדליך און מען רעדט. פון אביגדורל׳ן האָט מען שוין אָבגערעדט אַלדאָס גוטס, וואָס מען האָט נור געקענט, איז מען אַריבער אויף מקחים פון פּראָדוקטען, ליציטאַציעס פּאָליטיק. פון עמיגראַציעס האָט מען נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט.

דעם יתום האָט מען בעסער בעגעגענט: ווער עס האָט איהם בעמערקט, האָט זיך אָבגעשטעלט אַ רגע, אַ זיפץ געטהון, טייל נאָך—אַ גלעט איבער׳ן היטעלע...

פלוצלינג איז אַ גערודער געוואָרען, און אַלע אויגען האָבען זיך געווענדעט צום שלחן אין מיטען בית-המדרש. יונה שטייהט שוין דאָרט, און האָט שוין אַרויפגעשטעלט דעם יתום אויפ׳ן טיש. דאָס קינד לאָזט אַרויס אַ געוויין, וויל אַראָב פון טיש, וויינינגסטענס, זעצען זיך. ער האָט מורא פאַר דער הייך איבער דעם גאַנצען עולם. יונה אָבער לאָזט נישט. ער האַלט איהם אונטער ביים פּאַדקאָלנער און בעמיהט זיך איהם צו בערוהיגען:

— שטיל, דוד׳ל, — רוימט ער איהם איין, — שטיל, דיין טובה מיין איך!

דער יתום חליפעט, נור שטילער.

פון מזרח-וואַנד הערט זיך דערווייל אַ קול פון אַ בעל-הבית:

— מיט שטיוועל אויפ׳ן שלחן? אַראָב, שייגעץ!

יונה דערקענט דאָס קול און ענטפערט געלאַסען נור פעסט:

שרעק דיך נישט, ראובֿ'לע, שרעק דיך נישט, פרומע נשמה! באָרפיס שטייהט ער, דער יתום; ער האָט שוין לאַנג קיין שטיוועליך נישט.

און דערהיצט פון זיינע אייגענע רייד, גיט ער צו מיט כעס:

— און דאָ וועט ער שטייהן, ביז די בעלי־בתים וועלען איהם פערזאָרגען.

דער עולם שווייגט פעראינטערעסירט.

— עס איהם אפילו — מאַכט ווייטער יונה — שווער צו שטייהן, ער איז באָרפיס געוועזען אויפ'ן הייליגען אָרט, ער האָט זיך אַ פיסעל פערווינדט... שטייהן מוז ער דאָך, רבותים! ער מוז, ווייל ער איז אַ יתום און דאַרף, מען זאָל פאַר איהם זאָרגען!

— זעה נור דעם בעל־טובה! — רופט זיך עמיצער אָן פון אַ זייט.

— מעריב־דאַווינען! — קאָמאַנדירערט איין אַנדערע.

— חזן, צום עמוד! — רופט דער גבאי.

יונה גיט אַ קלאַפּ אין טיש אַריין, אַז עס הילכט. די נאָדענטע בעלי־בתים שפּריגגען אָב. ר' קלונימוס דער דיין, וואָס האָט, שטייהענדיג ביי'ם שלחן, זייט דער יתום איז אויפ'ן טיש, זיין שיעור אויסגעלערנט, און זיין אָבגעמיטשעט און אפשר אויסגעהונ־גערט פנים פערשטעלט מיט דער האַנד, נעמט זי צונד אַוועק. אין די אַלטע גראָהע אויגען בעוויזט זיך אַ שטומער טיעפער צער.

— יונה — שטאַמעלט ער — נישט מיט געוואַלט...

— מען וועט נישט דאַווינען! — שרייט יונה, חאַפּענ־דיג אַ לייכטער פון שלחן אין דער האַנד אַריין.

דער גבאי האָט זיך צוריק אַנידער געזעצט, דער חזן בלייבט שטייהן אין מיטען וועג צום עמוד, און יונה דרייהט זיך איבער צום דיין.

— רבי — מאַכט ער מיט ניפּט — דאַווינען, מיינט איהר, ווילען זיי! חס־ושלום! די וועטשערע מיינען זיי! די ווייַ־בער קאָכען זיי שוין וועטשערע! עס וועט זיין אַ קאָכענדיגע יויך

מיט קנאַקענדיגע בייגעל, אַ פּעט שטיקעלע פלייש מיט בע־טעמ'טען רויטען חריין, — און אפשר אַ ביסעל זיסע מייער־ליך דערצו... און דער יתום האָט נישט צו עסען.

— נישט דיין דאגה! — שרייט עמיצער, אַ בעהאַלטע־נער, פון מיטען אַ רעדעל אַרויס. ר' קלונימוס דיין פערשטעלט צוריק דאָס פּנים מיט די בייגע־ינגע הענד און יונה ענטפערט:

— עס איז יאָ מיין דאגה! איהר זענט אייך פון דער לויה ווי די מייז צוקראָכען, און מיר דעם יתום איבערגעלאָזט! ניט אייער ווילען איז עס געווען, נור אַ גאָט־זאַך! גאָט וויים, וואָס ער טהוט! גאָט וויים, אַז איין אָרימאַן האָט יודיש־קייט אין האַרץ, אַז יונה באַץ וועט דעם יתום נישט אַוועק־וואַרפען אָהן הילף!

דער יתום הייבט אָן צו פערשטייהן פון וואָס מען רעדט. ער גלייכט זיך אַ ביסעל אויס, לייגט די רעכטע האַנד אויף יונה'ס פלייצעס, און שטייהט אַזוי אָנגעשפּאַרט, אונטערהאַל־טענדיג מיט דער לינקער האַנד דאָס פערוואונדטע פיסעל...

דאָס קאַפּאָטקעלע האָט זיך איהם פון איינציגען קנעפּיל אָבגעלאָזט. פון אונטער דעם אָבגעריסענעם העמדיל קוקט אַרויס אַ שטיק אויסגעדאַרט לייב. אויפ'ן פּנים ליגט עפּיס אַ וואונדערליך־טרויריגער שמייכעל... ער שרעקט זיך שוין נישט פאַר'ן עולם; ער פיהלט, אַז יונה באַץ הערשט איצט איבער אַלע, און אַז ער איז געשטיצט אויף יונה באַץ!

— זעהט, בעלי־בתים! זעהט, יודען, בני רחמנים! — רופט יונה מיט אַ ווייכער קול — אַ געראַניעט פיסעל, באָרפיס...

— ביי מיר איז דאָ אַ פּאָר שטיוועליך! אַלטע נור גאַנצע... יונה דערקענט דאָס קול.

— גוט! מאַכט ער, ר' יוסיל איז מנדר, אַ גוטע התחלה... נור אָהן אַ העמד איז ער אויך!

איין אַנדערער איז מודיע, אַז זיין ווייב וועט אודאי נישט קאַרגען עטליכע העמדליך פאַר אַ יתום.

— זייער וואויל, — זאָגט יונה — וויים איך שוין: הע־

נעלע וועט געבען! און אַ בגד'ל?...

עס איז דאָס אויך עמיצער מנדר; יונה נעמט ווייטער אָן פאַר ליעב.

— נור עסען — רופט ער ווייטער — עסען, ווער וועט געבען? פאַרוואָס שווייגט ר' שמעריל? פאַר וואָס רעד נישט דער ראש־הקהל?

ר' שמעריל, אַ דיק יודעל מיט לאַנגע ברעמען, וואָס פערשטעלען איהם די אויגען אויפ'ן פערלאָפענעם פּנים, זיצט איבער'ן משניות און ריהרט זיך פון אָרט.

— נישט דאָ איז די קהל־שטוב — מאַכט ער שטיל און געלאַסען צו די בעלי־בתים, וואָס שטייהען אַרום זיין שטענדער, דו תשובה גיט איבער איינער דעם צווייטען. כהרף־עין פליהט זי איבער דאָס גאַנצע בית־המדרש: ר' שמעריל זאָגט, אַז נישט דאָ איז די קהל שטוב!

— אַ ממזר פון אַ יוד! — בעמערקט עמיצער.

— אַ ביסמאַרק!

— אַ קעשענע־גנב — פעררינכט איינער אין דער שטיל.

דערווייל רופט זיך נאָך אַ קול אָן פון מזרח־וואַנד, פון דער צווייטער מזרח־וואַנד:

— יונה — רופט עס — פאָלג מיך, יונה, לאָז געמאַך... היינט איז דאָנערשטאָג ביינאַכט... וואָס איז היינט פאַר אַ מאָדע? עס איז קיין מנהג, קיין דין נישט אין אַ מיטען דאָנערשטאָג נישט צו לאָזען דאַוונען... גייה אַהיים, און שבת קום אין דער פריה, לאָז נישט אויסנעמען, מהיכי־תיתא...

— און שבת — שנייד איהם יונה אָב אַ תשובה — וועט ר' ירחמיאל דאַוונען אין דער היים! אָבעסען און לייגען זיך אונטער דעם איבערבעט? האַ?

עס ווערט אַ געלעכטער: אַ חרוץ־עתיק יונה...

— הכלל, יונה, וואָס ווילסט דו?

— עסען פאַר'ן יתום, איך פאַר מיר וויל גאָר נישט!

— עסען, רבותים, עסען פאַר'ן יתום! — הייבט ווי־טער אָן יונה. נישט ווילענדיג, פאַלט ער אַריין אין טאָן פון „צוויי גילדוין צו מצוות, דריי גילדוין צו מצוות״. עס ווערט פרייהליכער אין בית־המדרש.

— איך נעם איהם אַהיים אויף וועטשעריע, — הערט זיך אַ קול.

— גוט — רופט ווייטער יונה — אויך אַ נדבה! פאַר־שרייבען וועט מען עס ר' יחיאל'קעלען אויבען און אונטען! הערסט, יתומ'ל — דרייהט ער זיך איבער צום קינד — אַ התחלה טובה האָסטו שוין! אויף לאַנג לעבען — אַ וועטשערע. און מאָרגען — דרייהט ער זיך איבער צום קול, וואָס האָט גע־רופען —, מאָרגען וואָס וועט זיין?

— זאָל זיין מאָרגען אָנבייסען אויך! — ענטפערט דאָס זעלבע קול...

— און וואַרמעס?

— גוי! — שרייט מען פון אַ זייט, מאָרגען איז פרייטאָג!

— און שבת? — לאָזט יונה נישט אָב.

— שבת מעג ער אויך קומען צו מיר!

— און זונטאָג, פרעגט ווייטער יונה, און מאָנטאָג, און דינסטאָג, און די גאַנצע וואָך; און ווייטער שבת, און ווייטער אַ וואָך!

— וואָס האָסטו דיך אָנגעציעפּעט אָן מיר! איין בעל־בית בין איך דאָ?

— חס־ושלום! צו אַלע בעלי־בתים רעד איך! וואָל־טען אַלע געהאַט אַזאַ יודיש האַרץ ווי איהר, וואָלט שוין דער יתום אויפ'ן טיש נישט געשטאַנען.

דער עולם שווייגט.

— דאַוונען! ווערט ווייטער אַ געשריי, אַ געטומעל.

— שיקט נאָכ'ן ווייב, וועט ער אַנטלויפען! — הערט זיך איין עצה אין מיטען געטומעל. דאָס האָט יונה'ן ווי אַ בליץ געטראָפען! און איין רגע איז דער גרויסער, לאַנגער

יונה געוואָרען ווי חוזק, בטל ומבוטל! דער ווינט האָט איהם געטראָפען, ווי גלית'ן דוד'ס גלאָט שטיינדיל. גלייך אין שלעף אריין!

— דאַוונען! דאַוונען! שרייט מען שוין העכער. יונה שוויצט, הייבט די האַנד מיט'ן לייכטער נישט אויף; ער האָט דעם גאַנצען „שייגעץ" פערלוירען!

---

5.

## איין אומגעריכטע הילף.

און ווער ווייס, וואָס מיט'ן יתום וואָלט געוואָרען, ווען נישט אַ הילף, פון גאָר איין אַנדערער זייט!

אויפ'ן בעלעמער פון ארון-קודש איז פלוצלינג אַרויפגע-שפרונגען אַ שוואַרצער, בעוואַקסענער יונגערמאַן מיט אַ ספּאָ-דיקיל אויפ'ן שפּיץ קאָפּ, מיט צוויי צופלאָכטענע פאות פון אונ-טער דעם ספּאָדיקיל, צולאָפּענע ציצית פון אונטער'ן אָפּענעם חאַלאַטיל, און צוויי ברענענדיגע לויפענדיגע אויגען אונטער'ן ברייטען שטערן. —

— זעהט, זעהט — ווערט אַ גערודער — חיים-שמואל!

אין איין אויגענבליק ווענדען זיך אַלע אויגען אָב פון שלחן צום ארון-קודש.

אפילו ר' שמעריל, וואָס איז ביז אַהער אַזוי רוהיג גע-זעסען ביים משניות, ווערט אויך עפּיס אומרוהיג, הייבט די ברעמען אויף.

— ווער? ווער? — פרעגט ער מיט זיין זיסען, אַר דערשראָקענעם קול.

— חיים-שמואל, חיים-שמואל! חזר'ט מען איבער.

— רבותים! — שרייט דערווייל דער יונגערמאַן פון ארון-קודש אראָב! — געדענקט, וואָס איך זאָג אייך: ער רבונו-של-

עולם, ווי אין די הייליגע ספרים שטייהט, איז אַיין אבי־יתומים! איהר טאָרט דעם יתום נישט פערלאָזען — אַניט וועט איהר, חס־ושלום, אויך איבערלאָזען יתומים...

— אַראָב, שוויגעץ, פון בעלעמער...

— שרייט נישט, רבותים, אַיין אמת וואָרט וויל איך אייך זאָגען, אַ גוּט וואָרט...

אַ גוט וואָרט וויל דער עולם הערען.

— שאַט, רבותים... יודען בני רחמנים זענט איהר, אַ יודיש הארץ האָט איהר, פאַר וואָס שווייגט איהר? איהר האָט — זאָגט איהר — אַ לאָך אין קעשענע?

עס ווערט אַ געלעכטער.

— לאַכט נישט, איך מיין ערנסט. איהר האָט קיין געלד נישט, אָרים קהל! איהר האָט נישט. ר' שמעריל האָט נישט!... מילא... וועל איך אייך געבען געלד!

ביי די ווערטער ווערט ר' שמעריל אונרוהיגער. ער פער־מאַכט דאָס משניות, הייבט זיך אויף פון אָרט און קוקט צום בעלעמער.

— יונה — רופט דער יונגערמאַן פון בעלעמר אַריבער צום שלחן — האָסט ווען איבע־צוגעבען דעם יתום?

— אַ ודאי! — ענטפערט יונה, וואָס איז דערווייל צו זיך געקומען.

— וויפיעל דאַרף עס קאָסטען?

— אַ רובל אַ וואָך!

— זעהר וואויל! רבותי, איך גיב געלד: איך צאָהל אַ רובל אַ וואָך פאַר'ן יתום!

— דו? דו? — ווערט אַ גערופעריי. מען ווייסט, אַז דער יונגערמאַן האָט נישט קיין דרייער ביי דער נשמה.

— נישט מיין געלד! רבותי! הערט, איך גיב אייך נישט מיין געלד, מיין שוואָגער אייזיקיל'ס געלד!

— אַה! ווערט אַ געשרייעריי. דער עולם פערשטייהט שוין אָן וואָס עס גייהט. דער שוואָגער אייזיק'ל האָט אַ היתר־

שחיטה!

צונד ווערט שוין ר׳ שמעריל בלאס. מיט אויפגעפלאמטע אויגען הייבט ער זיך אן צוצירוקען צום בעלעמער. דאך איידער ער שטופט זיך דורך, רופט דערווייל דער יונגערמאן:

— מיין שוואגער גיט א חרם־קוויטעל... ער צאהלט א רובל א וואך פאר׳ן יתום... ביז ער וועט בר־מצוה ווערען... אפילו ביז דער חופה...

דערזעהענדיג ר׳ שמערלין פאר זיך, שוין אויפ׳ן ערשטען טרעפיל פון בעלעמער, רופט ער דאס איבריגע אין איין אטעם:

— נור פאר שחיטת עופות! נור פאר שחיטת עופות! שרייט, עולם: יא!

און דעם עולם געפעלט די קוניץ, און הייבט אן שרייען מיט התלהבות:

— יא! יא! מסכים! מסכים! אלע בעשטייהען!

ר׳ שמעריל איז שוין געשטאנען ביי׳ם יונגענמאן. ער האט איהם שוין געהאלטען ביי׳ם לאץ אראבצושלעפען „ווי א הורג" פון בעלעמער, נור פון געשריי „יא! יא!" און „מסכים" איז ער ווי פערטומעלט געווארען.

— שעהט אייזיק׳ל! — שרייט צולעצט דער יונגערמאן. ער שפרינגט אראב פון בעלעמער רעכטס, ער זאל זיך מיט ר׳ שמערלין נישט טרעפען.

און ר׳ שמעריל קומט צו זיך צוריק, הייבט אן רעדען, ווענדט זיך צום דין:

— ר׳ קלונימוס! ר׳ קלונימוס, ווי דערלאזט...

שטייהט שוין דער אייגענער יונגערמאן אין טלית ביי׳ם עמוד און גיט א געשריי:

— והוא רחום...

דער עולם צוהוידעט, צעוויעגט זיך, ענטפערט פרייהליך און שמעריל׳ס קול ווערט פערטרונקען אינ׳ם דאווענען.

ר׳ קלונימוס האט נאך אלץ נישט אראבגענומען די דאגה פון פנים...

# בשעת מגפה

## א

דאָס שטעדטעל שרעקט זיך.

---

„זי גייהט! איי, זי איז שוין נישט ווייט! אַרום אין די דערפער איז סכנות נפשות! רבונו של עולם! וואָס טהוט מען?“. אל תפתח פה לשטן: דעם נאָמען פון דער מגפה טאָר מען נישט ברענגען איבער די ליפען, נור די שרעק לייגט זיך יעדען ווי אַ שטיין אויפ'ן הארץ.

און עס קומען אַלע טאָג ערגערע ידיעות: אין אַפט איז אַ וואַסערטרעגער געפאַלען מיט די קאַנען אין מיט'ן גאַס... אין אָסטראָווצע האָט מען צוויי יודען געפּאלמעסט. אין בראַט־קאָוו זיצט אַ דאָקטאָר מיט אַ סטודענט פון וואַרשוי. ראַחעוו איז אָבגעשלאָסען, מען לאָזט ניט אַרויס און ניט אַריין.

גאַנץ ראַדאָם איז אַרומגענומען מיט אַ צעפּ פון קאָזאַקען... אין צוויזמיר, רחמנא ליצלן, זאָגט מען, פאַלען מענשען ווי פליגען... אַ שרעק!

דער האַנדעל ווערט שוואַכער, דאָס פרומקייט שטאַרקער. תבואה־סוחרים האָבען זיך מורא צו ריהרען פון אָרט. דער גרויסער יוסיל האָט שוין זיין פערד־און־בודקע פערקויפט — אַ שאָד דער האָבער; די תבואה־מעקלער ציהען אַלע טאָג פעסטער איין די גאַרטלען אויפ'ן ליידיגען מאָגען, און די שטיבער ווערט אַלע וואָך מעהר רחבות: מען טראָגט אַרויס יעדען פרייטאָג עפּים אַנדערש צו פערזעצען אויף שבת! אַ בעל־מלאכה, אָפט אפילו אַ בעל־הבית, חאַפּט איין איבריגען טרונק־בראַנפען, צו מאַכען זיך אַ האַרץ, אויף קוראַזש... פון דעם

האָט דאָך אַ שענקער קיין פרנסה נישט, און אַ פויער זעהט מען זעלטען אין שטעדטיל... פאַר דאָס — האָט דעם רופא'ס ווייב אויסגעטהון דאָס שייטעל און אָנגעטהון אַ האָהרבאַנד. אַ בעהאַלטענער משכיל האָט פערבערענט בריש־גלי אין „אהבת ציון" און גענומען זיך צו תהלים זאָגען. די דיענסט פון בעדער איז געקומען צום רב, אַרויסנעמען אַ תשובה, באשר... זי פלעגט אַלע פרייטאָג אַריינקוקען דורך אַ שפּאַרע אין באָד אַריין צו די מענער... עפּים אַ יונגערמאַן, מען וויל נישט פורם בשמו זיין, פאַסט שוין אַ גאַנצען חודש און קלערט נאָך אַ פרוש צו ווערען. גאָט ווייסט, פאַרוואָס פאַר וואָס אַ זינד! טייל שניידער טראָגען אָב דעם יתור; קצבים גיבען אַ גרעסערען צולאָג. איין ירוחם חלפן האַלט זיך נאָך, נעמט ניט ווייניגער פאַר 10 פראָצענט אַ חודש אויף אַ חרם־קוויטעל, מיט אַ משכון... דאָס איז אַ האַרץ — אַ קיזעל־שטיין!

און די פנים'ער זענען געל און בלאַס, די ליפּען — ברוין־און־בלאָה, די אויגען — קיילעכדיג גרוים, די קעפּ — אַראָבגעלאָזט... און די גאַס איז שטיל: צוואָרפענע, קליינע קופּקעלעך מענשען, מענער בעזונדער און ווייבער בעזונדער, שטייהען און סוד'ען זיך אָהן לשון, שאָקלען מיט די קעפּ, מאַכען מיט די הענד און הייבען אַלע מאָל אויף די פייכטע אויגען צום בלייערנעם הימעל, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער'ן שטעטיל... עס איז שטיל אפילו אין בית־המדרש ביי מנחה ומעריב... פאַר דאָס איז פול די עזרת נשים אפילו צו מנחה ומעריב. אַלע מינוט רייסט זיך אַ יעמערליך געוויין דורך די אייזערנע קראַטען פון דער ווייבערישער שוהל אַרויס, אַז האָהר און נעגיל שטעלען זיך ביי די מענער קאַפּויר! עס איז יעדע נאַכט כל נדרי; מען באָט זיך אין טרעהרען.

וואָס טהוט מען? וואָס פאַר אַ עצה, וואָס פאַר אַ ראָט?

אין וואַרשאָ — פערציוהלט מען, האָט מען טוי־הייזער געעפענט פאַר אָרימע לייט, אַ ביליגע קיך געמאַכט; מען טיילט — קויהלען, קליידער, עסען אומזיסט. אַלץ ז י י ע ר ע

מיטעל... אַלץ נאָכטהון די אומות העולם און אפשר דעם פּאָליצמייסטער צוליעב! דאָ האָט מען אַנדערע צדקות: „מאיר בעל-נס", גוטע יודען... און אפילו ווילטינע סגולות! באַלד שבת-צו-נאַכטס שטעלט מען אויף די בענש-ליכט אין די פענ-סטער... אונטערן שטעדטיל האָט וואַסיל אַ מיהל; מען וועט איהם ביינאַכט אַוועק „לקחינען" די סטאַווידלעס און בעגראָ-בען אויפ'ן הייליגען אָרט; מען וועט חתונה מאַכען אַ יתום מיט אַ יתומה; מען וועט אַיינרייסען שוהלען און קברים. מען וועט אַלץ טהון. ליידער אָבער זענען די אַלע סגולות אייביגע זאַכען, און דאָך איז ביי דער ערשטער מגפה, שנת תק"ץ, דער גאַנצער מאַרק בעוואַקסען געוואָרען מיט גראָז און אין מיטען איז נור אַ פּאָר סציעזקים געוועזען, אויסגעטרעטען פון דער חברה נושאים.

און אויסער דעם, און נאָך שרעקליכער פאַר דער מגפה, זע-נען: די דעזינפעקציע, איזאָלאַציע און, רחמנא ליצלן, דאָס פּאָל-מיסען... אַ מענש לעבט נישט אייביג, שטאַרבט נישט מעהר ווי איין מאָל... נור טויט און לעבען איז ביים בעל רחמים אין דער האַנד; עס העלפט וויינען, בעטען, תשובה טהון; צדקה איז אַ רפואה... יענץ אָבער איז אין גוי'שע הענד; מען נעמט אַרויס דעם מאַרך פון די ביינער, עס קאָסט אָב ממון מיט דמים, און — מען פּאָלמיסט! מען צושניידט אַ מת, רחמנא ליצלן, אויף פּיצפּיצליך, מען איז מקבר אָהן תכריכים; אין פּמאָלע... אין שפּיטאָל וויטער, סמ'ט מען... מען פער-ברענט אומשולדיג בעטגעוואַנט, אָדער מען מאַכט אַ צעפּ פון קאַזאַקען, חאָטש אַלע זאָלען שטאַרבען פון הונגער, אָדער איינער זאָל אויפפרעסען דעם צווייטען... חאַ! מען מוז אָנ-הייבען טהון, מען קען דעם שונא אין שטאָדט נישט אַריינ-לאָזען!

עס שטייהען שוין בענש-ליכט אין די פענסטער, מען קוקט זיך שוין אום אויף וואַסיל'ס מיהל, מען רעדט שוין וועגען חתונה מאַכען אַ יתום מיט אַ יתומה! און די שרעק

האקסט פון טאָג צו טאָג... מען האָט געהאָפט, אַז די סכנה וועט אַריבער צוזאַמען מיט'ן זומער, מיט די גרויסע היצען...

עס איז שוין אַלץ אַריבער, עס איז שוין נאָך ימים נוראים... עס איז, ב"ה, נאָך סוכות... די קעלט נעמט שוין דורך די ביינער, עס וויזט זיך אָפט אַ ביסעל שניי, און די מגפה רוקט זיך אַלץ נעהנטער און נעהנטער! גאָט זאָל שומר ומציל זיין!

---

## 2.

## צוויי שרעקען זיך נישט.

און דאָך זענען דאָ אין שטעדטיל צוויי פּאַרשוין, וואָס שרעקען זיך נישט; נאָך מעהר — זיי האָפען אויף דער מגפה!

די צוויי פּאַרשוין זענען: דער יונגער דאָקטאָר סאַוויצקי, אַ קריסט, און, להבדיל, יוסיל דער ישובה-בחור!

סאַוויצקי איז דריטהאַלבען יאָהר צוריק אַהער געקומען באַלד נאָך דעם ענדיגען דאָס אוניווערזיטעט... געקומען איז ער אַ גוטער קריסט, אַ דימענט! ממש מחסידי אומות העולם... מען האָט זיך געוואונשען, דער וואָיט זאָל אַזאַ גוטער זיין, עס האָט אין דעם מענש קיין פּיצעל גאוה נישט געשטעקט; ער האָט זיך גאָר נישט געהאַלטען גרויס; יעדען זיך אָבגעגריסט, אפילו אַ קינד, אפילו אַ יידענע! אַלטע לייט פלעגט ער אָבטרעטען פון וועג... יודישע פיש האָט ער ליעב געהאַט, ווי דאָס לעבען... און אַלע בעלי-בתים האָבען איהם שטאַרק מכבד געוועזען: מען האָט זיך פאַר איהם געניגט, אַראָבגענומען אפילו דאָס גאַנצע היטעל. מען פלעגט איהם שיקען חלה אויף שבת, פערבעטען אָפט אויף פיש. מען האָט איהם געוואונשען כל טוב, נור — גענוצט האָט מען

איהם נישט... ווער דאַרף דאָ אַ דאָקטאָר? אַ רופא איז וויהניג? און בפרט אַזאַ רופא! ער גיט נור אַ קוק אויפ'ן חולה, ווייסט ער שוין, וואָס עס איז איהם... דעריבער איז טאַקי קיין וואונדער נישט, וואָס דער אַפּאָטהעקער נעמט אָן זיינע רעצעפּטען! מעגליך איז דאָך, אַז איין אַנדערער דאָקטאָר וואָלט גיכער פּראַקטיק געהאַט. עס זאָל, למשל, געווען אַראָבקומען איין אַלטער דאָקטאָר, איין אָנגעזאַפּטער, מיט גרויסער פּראַקטיק... דאָ איז אָבער אַראָבגעקומען אַ יונגער שנעק, וואָס קען זיך קיין וואָנסע פון דער אייבערשטער ליפּ נישט אַרויסציפּען, מיט אַ יונג, בלאַס פּנימ'ל, ווי ביי'ן אַ בתולה. אָנגעטהון ווי אַ „פּירציג", אַ „פּראַנטיל"; ערשט פון „חדר" אַרויס! און אַזוי ווי די אייער ווילען שטענדיג קלוגער זיין פאַר די היהנער, מוז ער זיין אַ חולק אויפ'ן אַלטען רופא, וואָס האָט שוין די צייהן אויפגעגעסען אין דער מלאכה! מוז ער זאָגען, אַז די קראַנקע נעמען צופיעל ריצין־עהל, אַז געהאַקטע באַנקעס זענען אַ סכנה, בפרט ביי אַ קינפעטאָרין — פּיאַווקעס הייסט ער שטעלען אויף דער שויב — זיי זאָלען נישט שאַטען... פון טרוקענע באַנקעס מאַכט ער חוכא־וטלולא, און גלויבט נישט אפילו אין זאַלבען... איהר האָט נאָך געהערט, אַ דאָקטאָר אָהן אַ זאַלב, אָהן אַ ביסעל בלוט־צאַפּען, ממש אָהן באַנקעס? און גייה נוץ אַזוינס! דער אַפּאָטהייקער אַליין דרייהט מיט דער נאָז אויף זיינע רעצעפּטען! פאַר צוואָנציג גראָשען אַ רעצעפּט!

סאַוויצקי האָט זיך געהאַלטען אַזוי אַ האַלב יאָהר: געפיהרט איין אָפענע מלחמה מיט'ן רופא, און אַ בעהאַלטענע מיט'ן אַפּאָטהייקער. מיט די בעלי־בתים האָט ער אַלץ נאָך גוט געלעבט.

עס האָט אַזוי לאַנג געדויערט, ביז ער האָט אויפגעגעסען די פּאָר גילדען, וואָס ער האָט פון ערגיץ געבראַכט. מיט דער צייט האָט ער זיך נאָך פערשולדיגט: פאַר דירהגעלד, פאַר פלייש, פאַר שפּייז, פאַר קליידער; אומעטום איז

ער געווען אַ בעל חוב, און די בעלי חובות ווערען מיט יעדען טאָג אומגעדולדיגער . . .

און איינמאָל, אַז דער קצב האָט צוריקגעשיקט די דיענסט אָהן פלייש, האָט סאַוויצקי אַראָבגעלאָזט די פליגעל און אָנגעהויבען מודה זיין, אַז בלוט-צאַפּען דאַרף מען, אַז ריצען-אייל מעג מען נעמען יעדע מינוט . . . מיט דעם האָט ער זיך אָבער גאָר נישט פערבעסערט; וואָרום — ערשטענס האָט מען איהם ניט געגלויבט, אַז ער מיינט עס ערנסט; ער וויל נור אפשר אַריינגאַרען דעם עולם! צווייטענס, ווייטער, אויב ער איז אַליין מודה דעם פעלדשער, דאַרף מען דאָך איהם אודאי אויף ערב יום כפור!

סאַוויצקי האָט ווייטער פון ערגיץ געקריגען אַ פּאָר גילדען (ביי קריסטען טרעפען זיך אָפט ירושות פון רייכע פעטער און מוהמעס), האָט ווייטער געקוועהלט זיך אַ האַלב יאָהר אומזיסט, און איז ווייטער אויף איין המצאה געפאַלען: ער איז פלוצלינג געוואָרען איין אַ נ ט י ס ע מ י ט, אָבער גאָר אַ שאַרפער אַנטיסעמיט.

ער האָט אויפגעהערט צו גריסען. טיילמאָל פלעגט ער אפילו אָבשפרונגען און אויסשפייען פאַר אַ יוד . . .

דעם וואָס האָט ער אָנגערעדט, ער זאָל, האָטש עס גייהט צו ווינטער, אַראָבטרייבען עטליכע יידישע פאַמיליעס פון פויערישער ערד . . . איז געקומען אַ נייער סטראַזשניק (די אַלטע האָבען שוין געהאַט זייער פעסט „לא יחרץ" געלד) פלעגט ער איהם אַליין אַרומפיהרען אין אַלע הייף און אָנווייזען, וואו אומריינקייט איז . . . דעם אַפּאַטהייקער האָט ער איינמאָל געזאָגט, אַז, ווען ער זאָל זיין אויף זיין אָרט, וואָלט ער אַלע יודען פערסמט! . . . און נאָך, און נאָך אַזוינע זאַכען . . .

די המצאה האָט שוין אַ ביסעל געהאָלפען! טייל בעלי-בתים האָבען איהם אָנגעהויבען רופען, צאָהלען פאַר וויזיטען, האָטש מען פלעגט צורייסען די רעצעפּטען אָדער אויס-

גיסען די מיקסטורען און אַרויסוואַרפען די זאַלבען,—דעם שונא ישראל מוז מען פערמאַכען דאָס מויל... עס איז אויך געוועזען אַ מין חורש, אַ מין „לא יחרץ געלד"... אויף פּרנסה האָט עס דאָך נישט געניגט!

מעהר קיין המצאות האָט ער נישט געהאַט, עס איז שוין קיין האָפנונג נישט געוועזען, עס זאָל זיך פערבעסערן.

דערצו האָבען זיך איהם נאָך געמאַכט עטליכע אומגליקליכע צופאַלען: ער האָט אַ יינגעל ניט געקענט אַרויסנעמען אַיין אַרבים פון אַיין אויער... אַ קראַנקער האָט זיך יאָ אַמאָל אַיינגעשטעלט דאָס לעבען און גענומען זיין רעצעפּט, איז ער פּונקט אין אַ וואָך אַרום געשטאָרבען! דאָס ערגסטע איז געוועזען, וואָס ער האָט זיך איינמאָל נישט אַיינגעהאַלטען און געזאָגט, אַז היץ איז גאָר קיין קרענק נישט נור אַ רפואה. עס איז גאָר אַ מין כלי זיין, מיט וואָס דער גוף אַליין וויל גובר זיין די קרענק!... ווער עס האָט געהערט האָט שיעור נישט געפּלאַצט פון געלעכטער... נאָך מעהר האָט מען געקייכט פאַר לאַכען אַז עס האָט זיך געטראָפען, מען האָט איהם גערופען צו'ן אַ יולדת, אַרויסצונעמען דאָס „אָרט". די שטאָדטבאָבע איז גראָד אַרויסגעפאָהרען אין אַ דאָרף אַריין, און מען האָט געמוזט קומען אויף זיינע הענד! די נאַרישע הכנות, וואָס ער האָט געמאַכט! ער האָט געהייסען אַריינגעבען אַ שיסעל וואַסער, אַ שטיקעל זייף! ער האָט אין דער שיסעל עפּיס אַריינגעגאָסען פון אַ פלעשעלע, וואָס ער האָט מיטגעברענגט. דער עולם שטייהט אַלץ און קוקט, מען מיינט אַז ער טהוט דעם אַפּאָטהייקער להכעיס, און מאַכט אין דערהיים די רעצעפּט, אָדער גאָט ווייסט, וואָס דאָ וועט זיין... צום סוף נעמט ער פּשוט און וואַשט זיך די הענד!—און הענר האָט ער דוקא געהאַט ריינע ווי גאָלד, ווי דער שטיינער איז ביי קריסטען!—ווייניג נאָך, נעמט ער אַ מעסעריל און רייניגט אונטער די נעגיל, להבדיל—אַ כשר'ע יידענע אין מקוה אַריין! דערנאָך פערשאַרצט ער די הענד און וויטער געוואַ־

שען... עס איז דען גאר נאך צודערצייהלען? הכנות פון א
קונצענמאכער... דערנאך האט ער אפילו גליקליך ארויסגע-
נומען דאס „ארט". די יולדת, וועלכער עס איז איהר ניט
געוועזען צום ערשטען מאל, האט אפילו געזאגט, אז ער
האט א שמלערע האנד פון דער באבען, און מאכט עס,
ווען נישט די משוגע'נע הויות, געשווינדער; נור ווער קען
אויסשטייהן אזוינע הכנות? און וואס טהוט מען, אז עס אין
שטוב נישטא קיין זייף? דא איז גראד א וועש געוועזען.
אבער ווייטער?

דאס אלץ צוזאמען האט געבראכט דערצו, אז סאוויצ-
קי'ן איז געגאנגען, ווי א רשע אויף יענער וועלט. און נאך
דריטהאלבען יאהר האט ער איינגעזעהען, אז ער וועט דא
נישט אויסהאלטען, אז, בחרפתנו, די הויזען שווימען שוין
אויף איהם ארום. ער ווערט פון טאג צו טאג דארער און
קען נאך אריינפאלען אין א קרענק. האט ער שוין געוואלט
מאכען פליטה. דערווייל — זי גייהט!

— ניין! אין אזא צייט פאהרט מען נישט ארויס פון אזא
שטעדטיל! עס וועט זיין א גאלדענע צייט! עס איז שוין
אפילו געקומען א „פריקאז", מען זאל אויפשטעלען א „באראק"
פאר קראנקע אויף חאלעריע און אבזונדערן א הויז פאר זיי-
ער הויזגעזונד. און חאטש קהל האט זיך געלאזט קאסטען און
איבערגעקויפט דעם וואיט מיט די סטראזשניקעס, מען זאל
די „הוצאה" נור פערשרייבען, און ניט איבערשרעקען דאס
שטעדטיל, — האט דאך יעדערער געפיהלט, אז זי גייהט, אז זי
רוקט זיך! אז עס איז פאר יעדען סכנות נפשות און פאר סא-
וויצקי'ן א גליק! ער וועט נעמען ביי דער רעגירונג דריי—
פיער רובל א טאג; די קראנקע וועלע צאהלען בעזונדער...
געזונדטע וועלען צאהלען, מען זאל זיי נישט, חס ושלום,
האלטען פאר קראנקע. און אלע יודעלעך וועלען צאהלען:
פאר יא-דעזינפעקציע, נישט-דעזינפעקציע, יא-איזאלאציע, נישט-
איזאלאציע, פאר אריין און ארויסלאזען, פאר רעדען און

שווייגען, און דער עיקר — „קבורה געלד"! פאַר אום געפאַל־מעסט, אָהן סמאַלע...

סאַוויצקי לעבט אויך! עס ווערט איהם פריילוך אויפ'ן האַרץ.

ער שפּאַציערט אין די גאַסען, פּייפענדיג אַ פריילוך לידעלע. ער קוקט יעדען לוסטיג אין פּנים אַריין; ער קוקט אין אַלע טירען, אין אַלע פענסטער אַריין: יודעליך האָבען זיך ליעב צו בעהאַלטען; אָה! ער וועט נישט לאָזען! זיי וועלען איהם פאַר אַלע יאָהרען בעצאָהלען! ער וועט זיך אָבנעמען זיינס!

דערנאָך וועט ער אַרויס פון פערהאַקטען שטעדטיל און חתונה האָבען! וואָרען, ווען האָט ער דאָ? דעם אַפּאַטייקערס טאָכטער, די מיאוסע בריאה?

## 3.

## דער צווייטער, וואָס שרעקט זיך נישט.

חתונה האָבען וויל אויך יוסיל דער ישיבה־בחור, און האָפט אויך דעריבער אויף דער מגפה. ער איז איין אָרימער יתום אין שטאָדט. די בעלי־הבתים זאָלען אפילו וועלען, קענען זיי קיין אַנדערן יתום נישט קריגען; מען וועט איהם מוזען חתונה מאַכען!

און עס ווילט זיך איהם שטאַרק חתונה האָבען. און עס איז קיין וואונדער נישט! ער האָט עס בירושה: זיין טאַטע, זיין זיידע און זיינע יאָהרען, האָבען שוין אפילו קינדער בעגראָבען. אַכטצעהנטען יאָהר איז ער אַלט! „ללעג ולקלס" איז ער. „אַלטער בחור" רופט מען איהם, „בוגרת"... ביי־טאָג אין בית־המדרש האָט ער קיין רוה נישט. די ווערטליך

אויף זיין חשבון שטעכען איהם ווי שפּילקעס. ביינאַכט איז נאָך ערגער! איינער אַליין ליגט ער אין בית=המדרש אויף דער האַרטער באַנק און שלאָפט נישט גאַנצע נעכט... בייזע חלומות לאָזען איהם נישט שלאָפען; אויף די גלייכע וועגד וואָלט ער געקראָכען...

ער בעט זיך און חלש'ט פּאַר שכנים, מען זאָל איהם רעדען אַ שידוך! רחמים, בעט ער זיך, און הערט פון יעדען אַלץ די אייגענע תשובה: סיידען מיט דער מלכה שבא! ווער וועט דיך נעמען, פּאַרך?

דעם „פּאַרך" האָט יוסיל גראָד נישט געהאַט; פּאַר דאָס האָט ער אָבער געהאַט אַנדערע מעלות... אַהער געקומען איז ער פּאַר אַ יאָהר פערצעהן מיט'ן פאָטער — אַ פּאַקענטרעגער, וואָס איז, דורכפאָהרענדיג, דאָ קראַנק געוואָרען, און לא עליכם, געשטאָרבען. אפילו די מוטער האָט ער נישט געקענט, דעריבער פּלעגט ער טאַקי וואַנדערן פון קינדהייט אָן צוזאַמען מיט'ן פאָטער.

קהל האָט רחמנות געקריגען, בעלי=הבתים האָבען אויסגעקויפט אַלע ספרים, דערפאַר בחצי חנם דעם פאָטער בעגראָבען, אפילו אַ שיינע קרקע געגעבען. דעם יתום האָט מען אַריינגענומען אין תלמוד=תורה און געהייסען שלאָפען אין בית=המדרש. געגעסען האָט ער טעג, ווי ער היום.

אין אַ האַלב יאָהר אַרום; האָט יוסיל אין בית=המדרש געמאָזעלט, דערנאָך געפּאָקט און געקריגען אַ געשטיפּעלט פּנים ווי אַ ריב=אייזען.

אין אַ יאָהר אַרום האָט איהם איין אַנדער אומגליק געטראָפען: אין בית=המדרש איז געוועזען איין אַלטער, צושפּאַלטענער אויווען, און ער איז שוין דעמאָלט דער אָפיציעלער דרויבע=הייצער געוועזען. דער אויווען איז געוועזען איין אַלטע קאַליקע און האָט שוין קיין היץ נישט געהאַלטען. ביטאָג איז נאָך געווען צו דערליידען; ביינאַכט פּלעגט ער אָבער אויסגעפרוירען צו ווערען. פון די לאַכים, וואָס די בעלי=בתים האָבען

איהם געשענקט פאַר אַ יום=טוב, האָט ער זיך קוים געהאַט צו קליידען, צוצודעקען זיך האָט איהם שטענדיג געפעהלט. איינ=מאָל האָט זיך יוסיל מיישב געווען, און אַוועקגעגנב'עט דעם שליסעל פון האָלץ=קאַמער. ער האָט אָנגעהויבען גנב'ענען האָלץ און יעדען טאָג שטאַרקער און שטאַרקער צו הייצען, און זיצען קעגען פייער און וואַרמען זיך. איינמאָל האָט איהם גאָט, ווי דער עולם זאָגט, פאַר דער גנבה געשטראָפט, דער אויווען האָט פּלוצלונג געפּלאַצט, אַ שטיק איז אַרויסגעפאַלען און צובראָכען איהם אַ פוס... דער שטאָדט=רופא האָט איהם אפילו דעם פוס אויסגעהיילט, נור ער איז געבליבען שוין קערצער פאַר'ן צוויי=טען, און יוסיל הינקט פון דאַמאָלס אָן!

דערצו איז ער קיין עילוי ניט געווען, קיין גרויסער מתמיד אויך נישט... ווער וועט אַזוינס אויסהאַפּען? ווער וועט זיך אויף אַזוינס לאַקאָמען? קיין וואַסערטרעגער וועט אויך אַזאַ איידעם ניט נעמען. און דאָ, ווי אויף להכעיס, האָבען ביי איהם די אויגען געברענט ווי ברענענדיגע קוילען, דאָס האַרץ האָט געקלעמט און געבענקט און געקרענקט נאָך עפּיס... אָפט פלעגט זיך איהם דער קאָפּ פערדרייהען, און די אויערן האָבען איהם ווי גלאָקען געקלונגען און עס האָט איהם געוואָרפען, ווי אין אַ פיבער, היץ און קעלט, היץ און קעלט...

נור ווער קוקט זיך אום אויף אַ יתום!

די בעל=בתים זענען יוצא דערמיט, וואָס זיי גיבען איהם טעג... אויך, אומשטיינס געזאָגט, וואָס פאַר איין עסען מען ניט איהם! וואָס איז, עולם הבא וועט מען פונ'ם האָבען? אַ יונג וויל נישט לערנען, אַז ער זיצט איבער אַ ספר און איז גאָר אויפ'ן עולם הדמיון, מען רעדט צו איהם און ער הערט נישט! אין מיטען חאַפּט ער זיך אויף, שפּרינגט אָב פון אָרט, לאָזט איבער דאָס ספר נישט פערמאַכט, און לויפט אַרום ווי משוגע אין בית=המדרש, קעהרט אום אַלע שטענדער, וואַרפט אום מענשען, גלייך דער טייוועל וואָלט איהם געטראָגען...

א משוגענער, אַ פלוט! — האָדער=פּלאַקס, קנאַבע

פערשימעלט ברויט, אייערנעכטיגע כאַשע איז אויך אַיין עבירה איהם צו געבען... וואָס האָט מען פונ'ם? — זיין גליק נאָך וואָס ער איז אַ יתום!

אַז עס מאַכט זיך אַזאַ „בן" ביי טאַטע־מאַמע, גיט מען די סחורה אַוועק צו אַ בעל־מלאכה... איבער אַ פרעמד קינד וויל קיינער נישט שאַלטען. ווער וויל אַזוינס אויף זיך נעמען? דער פאָטער איז געוועזען אַ יוד אַ למדן, ביז אין דער לעצ־טער מינוט האָט ער מיט מענשען גערעדט פון תורה, גע־שטאָרבען ווי אַ צדיק, אין חודש ניסן, און נאָך אַ שאַרפער, אָבער גאָר אַ שאַרפער ודוי... נו גייה גיב זיינם אַ קינד צו אַ בעל־מלאכה! ווער וועט אויף זיך נעמען אַזאַ פערענטפער פאַר אַ שוכן־עפר?

און יוסיל וואַקסט איינער אַליין אין בית־המדרש; ביי־טאָג עסען איהם די ווערטליך אויף די גאַל, ביינאַכט זויגען איהם בייזע חלומות דאָס בלוט פון די אָדערן... שוין צוויי־דריי יאָהר, אַז ער האָט קיין מנוחה נישט!

אין דער התחלה האָט ער זיך נישט געלאָזט; ער האָט געוואוסט, אַז דאָס זענען שלעכטע געדאַנקען, הרהורים רעים. די געדאַנקען זענען אָבער אַלע מאָל שטאַרקער, און זיין ווי־לען שוואַכער און שוואַכער געוואָרען, און ער האָט אָנגעהויבען פאַסטען תעניתים. עס האָט אָבער נישט געהאָלפען! תהלים זאָגען — קיין פעולה נישט! לערנען — אַז ער זעהט קיין אות נישט: פאַר די אויגען פליהען איהם פייערדיגע רעדער!

ער האָט געזעהען, אַז דער יצר־הרע איז שטאַרקער פון איהם, האָט ער אָראָבגעלאָזט די פליגעל, אויפגעהערט זיך אַנטקעגנען צו שטעלען! — ער האָט זיך נור געטרייסט, אַז ער קען דאָך אַמאָל חתונה האָבען! און ער האָט געוואַרט אויף שידוכים, און אַז זיי זענען נישט געקומען צו איהם, איז ער נעגאַנגען צו זיי, די בושה אין אַ זייט! נור נישט אַזוי געשווינד פערבייגט מען די בושה.

חדשים גאַנצע האָט געדויערט, איידער ער האָט זיך

איינגעשטעלט צו רעדען מיט א שדל׳ן, פריהער מיט איינעם, דערנאָך מיט׳ן צווייטען, דערנאָך מיט אַ דריטען, ביז ער איז אויסגעגאַנגען די גאַנצע שטאָדט שדכנים... און אַז דער לעצטער האָט איהם אויך געענטפערט די אייגענע תשובה, אַז נור די מלכה=שבא וועט איהם נעמען, איז ער אַריינגעפאַלען אין אַ מרה=שחורה.

עס איז איהם נמאס ומאוס געוואָרען דאָס לעבען.

איינמאָל ביינאַכט איז איהם דורכגעפלויגען אַ געדאַנק דורכ׳ן ברענענדיגען מוח, אַז אַזאַ לעבען, איז בעסער שוין דער טויט.

עס האָט זיך ביי איהם אָנגעהויבען אַ נייע מלחמה מיט׳ן נייעם זינדיגען געדאַנק, און ער האָט ווייטער נישט נובר געוועזען! צום ערשטען מאָל איז ער, דער געדאַנק, דורך ווי אַ בליץ און נעלם געוואָרען... דעם צווייטען טאָג איז ער דאָך צוריקגעקומען און שוין לענגער געווײלט; דעם דריטען טאָג האָט ער שוין געטראַכט דעריבער לענגער. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז יענע וואָך איז געווען אַ שטאַרקער ווינד, מן הסתם האָט זיך עמיצער געהאָנגען... אפשר אַ גוי? ניין! צוליעב אַ גוי וועט קיין ווינד נישט זיין; מן הסתם אַ יוד! פאַר אַ יאָהרען איז אַ יוד דערטרונקען געוואָרען אין מקוה — חיים שניידער. ווער ווייסט, אפשר האָט ער זיך אומיסנע דערטרונקען? וואָס טהוט אַ שניידער אין מיטען יאָהר אין מקוה? מילא ערב יום=כפור געהען אַלע אין מקוה אַריין, אָבער אין אַ שיינעם העלען מיטוואָך?

אַ פּאָר טאָג שפּעטער האָט עס איהם אויך געצויגען ווי מיט צוואַנגען אין מקוה אַריין. „וואָס שאַדט עס? גייהן מעג איך דאָך?". איז ער געגאַנגען. ער האָט זיך דאָך אפילו נישט אויסגעטהון. ער האָט געפיהלט, אַז קוים גייהט ער אַריין, וועט ער שוין פון דאָרט נישט אַרויס; וועט ער שוין דאָרט בלייבען!... געשטאַנען איז ער דאָך אַ גוטע שעה איבער דער מקוה; ער האָט זיך נישט געקאָנט אָברייסען פון איהר,

געקוקט אויפ'ן ברודיגען וואסער און בעטראכט, ווי זיין שוואך בילד ציטערט פון אויבען ארום. דערנאך האט זיך איהם פאר־געשטעלט, אז דאס איז גאר נישט זיין, נור חיים שניידערס בילד, אז חיים שניידער שמייכעלט און רופט איהם: „קום, קום! דא איז אזוי שטיל, אזוי קיהל, א מחיה!״ —

עס איז איהם היים געווארען, און איז אנטלאפען פאר שרעק! ערשט אין גאס איז ער צו זיך געקומען. פערבייגייהענ־דיג פאר א שטריקענמאכער, האט ער בעמערקט, אז די שטריק ליגען הפקר; דער שטריקענמאכער איז ערגיץ אוועקגעגאנגען... פארוואס איז ער אוועקגעגאנגען? וואו אהין? עטליכע אזוינע נארישע שאלות זענען איהם דורכגעפלויגען דורכ'ן מוח, בשעת ווען די הענד אליין, אהן זיין ידיעה, האבען אוועקגענומען א שטריק, וואס איז גראד בעזונדער געלעגען ביי דער שוועל.

די גנבה האט ער ערשט אין בית־המדרש בעמערקט, ער האט זיך שטארק געוואונדערט. ער פערשטייהט נישט ווי ארום דער שטריק איז צו איהם געקומען אין קעשענע אריין!

— עס איז א גאט־זאך! טראכט ער מיט טרערען אין די אויגען. גאט אליין וויל, איך זאל מיר דאס לעבען נע־מען, איך זאל מיך הענגען! און א מין ביטערליך־יעמערליך רחמנות אויף זיך אליין פילט איהם אן דאס הארץ. גאט אליין, דער וואס האט'ן בעשאפען, וואס האט'ן פאר א יתום געמאכט, וואס האט אויף איהם פאקען געשיקט, דעם אויווען ארויפגע־ווארפען, וויל נאך אצינד, ער זאל זיך הענגען! די וועלט האט ער איהם נישט געגעבען און וויל נאך, ער זאל יענע וועלט אויך פערליערען! פאר וואס?

צי פאר דעם, וואס ער האט נים גובר געוועזען דעם יצר־הרע?

ווי אזוי? איינער אליין... אהן טאטע־מאמע, אהן חברים. און דער יצר־הרע איז דאך פארט א מלאך און פיהרט די מלאכה מששת ימי בראשית... און ער פיהלט זיך שרעקליך עלענד און אומגליקליך... גאט אליין איז אומגערעכט נעגען איהם, אויב ער וויל, ער זאל זיך הענגען! ער זעהט

עס דאַך בעשיינפּערליך, עס איז קיין ספק ניט. און וואָס קומט אַרוים? אַז גאָט וויל, וואָס קאָן ער זיך העלפען? ער, דער וואָרם, דער יתום!

ער קאָן דעם יצר הרע ניט גובר זיין, ווי זאָל ער זיך אונטערשטייהן גאָר צו קלערען, צו גייהן געגען גאָט אַליין? ניין! ער וויל גאָר נישט פּרובען זיך שטעלען געגען גאָט!

ער נעמט דעם שטריק און גייהט אַרויף אויפ'ן שוהל-בוידעם, דאָס בית-המדרש פערשוועכען וויל ער נישט! ער וויל זיך נישט הענגען געגען ארון קודש.

אויפ'ן שוהל-בוידעם איז דאָ אַ האַקען, אויך פון זיינעט-וועגען אָנגעגרייט! וואָרען ווי קומט אַהין איין אייזערנער האַקען? ווער ווייסט, ווי לאַנג דער האַקען וואַרט שוין אויף איהם. גאָט האָט איהם אפשר אָנגעגרייט, נאָך איידער ער האָט'ן אין דער מאַמעס בויך בעשאַפען!

אַזוי טראַכטענדיג, האָט ער פערלייגט דעם שטריק. עס איז איהם דאָך איינגעפאַלען:

„און אפשר פערקעהרט? אפשר איז עס גאָר מעשה שטן? דער איינענער שטן, וואָס שיקט אויף מיר יענע געדאַנקען, שיקט אויף מיר אפשר דעם אויך?

און ער האָט אָבגעלאָזט דעם שטריק, — עס גייהט נישט אַזוי געשווינד, ער מוז האָבען אַ ישוב! די וועלט און יענע וועלט פערליערען איז נישט קיין קליינינקייט...

דערווייל האָט דער בית-המדרש-זייגער געשלאָגען פיער. עס איז מיטאָג-צייט, און ער דערפיהלט פּלוצלינג, אַז דער מאַגען קריגט שיער דעם קראַמפּ פאַר הונגער!

און איז אַראָבגעגאַנגען פון שוהל-בוידעם און האָט דעם שטריק איבערגעלאָזט פערלייגט...

נאַכט-נעכטליך ציהט עס איהם דאָך אַרויף צום שטריק, ער ראַטעוועט זיך ווי ווייט ער קען... ער לויפט צום ארון-קודש, שטעקט אַריין דעם קאָפּ צו די הייליגע ספרים און

וויינט יעמערליך, זיי זאָלען איהם ראַטעווען. אָפּט מאָל חאַפּט ער אַרום אַ שטענדער, עס זאָל איהם שווער זיין צו ריהרען זיך פון אָרט, שפּאַרט זיך אָן מיט אַלע כחות אָן בית-המדרש-אויווען...

און ווער ווייסט, וואָס דער סוף וואָלט געווען פון דער מלחמה, ווען נישט די מגפה!

אָה! אַצונד האָט ער אָבגעטעמט! אוים הענגען, אוים מרה-שחורה, אוים—אוים! מען וועט איהם מוזען חתונה מאַכען, און נישט מיט דער מלכה שבא; ער איז פאַרט אַ יין יתום אין שטאָדט!

---

## סאַוויצקי טרעט אָב; יוסיל האָט התבודדות.

זייט עס האָט זיך אַזוי געשטאַרקט די שרעק פאַר דער מגפה, ענטלויפט דער עולם מיילען ווייט פון סאַוויצקי'ן. מען האָט מורא פאַר'ן... אַ קשיא אויף אַ מעשה; אַ מענש איז דאָך נישט מעהר ווי אַ בשר-ודם! עס קען גראָד ניט-גוט ווע-רען, און היינטיגע צייטען האָט אַזאַ סאַוויצקי די גאַנצע ממשלה אין דער האַנד... ער קען הייסען, מען זאָל מיט סטראַזשניקעס—ליגען אין בעט אַריין, שמירען, רייבען, אַריינ-גיסען רעצעפּטען, אַרויסיאָגען די גאַנצע משפחה, פערברע-נען דאָס מעבעל, אָבסמ'ן און דערנאָך נאָך פאַלמעסען! אַ רציחה! אַז דאָקטוירים ווילען וויסען, וואָס די קרענק איז, סמ'ט מען די ערשטע קראַנקע, און מען זוכט ביי זיי ווערמליך אין די געדערים! וואָס זאָל מען אָבער טהון? אַז מען איז אין גלות — איז מען!...

אין אָפּט האָט אַ רופא אויסגעזאָגט, אַז דער דאָקטאָר סמ'ט, האָט מען איהם איינגעזעצט אויף ברויט און וואַסער

אויף דריי חדשים... איהר מיינט דעם דאָקטאָר? חס ושלום, דעם רופא!

און דעריבער, אַז סאַוויצקי ווייזט זיך אין גאַס, ווערט מען פּלוצלינג אויס מענש. ער וואַרפט איין אויג אויף אַ פענסטער, לאָזט זיך אַראָב אַ פאָרהענגעל, פערשטעלט מען מיט אַ ליילעך, אַ קישען, מיט וואָס עס איז!

אין אַ שיינעם פריהמאָרגען איז דאָס געשעל, וואו סאַוויצקי וואוינט, ליידיג געוואָרען... איבער נאַכט האָבען זיך פון דאָרט אַלע בעלי־בתים מיט די שכנים אַרויסגעצויגען, מען וויל נישט זיין אין זיין שטח! דאָס איז דער אמת'ער „אוי לרשע ואוי לשכנו!“

סאַוויצקי האָט עס בעמערקט און שווייגט. נאָך מעהר, ער טרעט אָב דערוויל דער שטאָדט. אַ קאַץ שפּרינגט אַמאָל אַזוי אַוועק פון אַ מייזעל, עס וועט דאָך נישט אַנטלויפען!...

ער זיצט גאַנצע טעג אין דער היים, אָדער ער שפּאַצירט אונטער דער שטאָדט אין דער בלאָטע. ער איז זיינס זיכער; נאָך וואָס זאָל ער רייצען דעם עולם און פאָרשען? אַז עס וועט צו עפּיס קומען, וועט מען שוין וויסען? עס וועט זיך שוין אַרויסרייסען דורך טיר און פענסטער, עס וועט זיין קולות, ווי יום־כפור; יידעלעך האַלטען זיך נישט איין. דאָס איז אַ פאָלק, וואָס שרעקט זיך מאָדנע פאַר'ן טויט, און שטייהט אונבעהאָלפען פאַר אַ קרענק! סאַוויצקי איז שוין געוועזען דאָ ביי'ן אַ טיפוס־אונטערגאַנג. ער האָט שוין געזעהען, וואָס דאָס אַרבייט איבער, וואָס דאָס שרייט און ליאַרעמט אויס! עס האָט זיך איהם דעמאָלט געדאַכט, אַז ער טרענקט אין אַ ים פון יאָמער און קלאָג! אָה — ניין, זיי וועלען זיך נישט איינהאַלטען!

ער האָט אָבגעטרעטען פון גאַס —

און יוסיל האָט אויך אָבגעטרעטען פון בית־המדרש מיט דער גאַס צוזאַמען! יענער האָט געוואָלט; דער האָט געמוזט!

זייט מען רעדט געדיכטער פון דער מגפה, איז איהם

די גאַנצע מרה=שחורה אַוועק, ווי מיט דער האַנד אַוועקגענו= מען! פערקעהרט, ער ווערט טאָג=טעגליך פרייליכער, לוסטי= גער, און, ניט ווילענדיג, לאָזט ער אַלע מאָל אַרויס אַ געֿ= לעכטער. ער קען זיך נישט איינהאַלטען; עס שפּאַרט איהם; ער מוז אַרויסלאַכען! עס קיצעלט איהם אין אַלע אברים! וואָס בלאַסער עס ווערען די בעלי=בתים, אַלץ רויטער און לעבענדיגער ווערט זיין פּנים; וואָס נידריגער זיי לאָזען אַראָב די קעפּ, הייבט זיך זיינער אַלץ העכער; וואָס דעמפּיגער עס ווערען זייערע שטימען, ווערט זיין קול לויטערער, קלינגענ= דיגער, און—וואָס מעהר דאָס בית=המדרש זיפצט, העכער איז זיין חאַ=חאַ=חאַ! און ער איז גאָר נישט שולדיג; עס לאַכט פון איהם אַרויס!

אין קופּקעלעך שטייהען מענשען, ווי די גולמות, מיט אָפענע מיילער און שרעקען זיך אַ ריהר צו טהון מיט איין אבר, און אונטער איהם טאַנצען הענד און פיס... ער וואָלט יעדען שטענדער געקושט; דעם אויווען, די ווענד געלעקט!

— „צי איז ער משוגע?" פרעגט מען, „צי ווערלבע רוחות?"

— „זיכער משוגע!" ענטפערט מען.

— זיכער מען דאַרף איהם שיקען אין דול=הויז אַריין!

פאַר'ן דול=הויז האָט אפילו יוסיל קיין מורא נישט; ער ווייסט, אַז קהל וועט אויף דעם קיין הוצאות נישט לייע= גען. פאַר אַ יאָהרען איז אַ משוגענע געפרווירען געוואָרען אין מיטען גאַס, נאָך אַ גאַנצען אַרומגעטאַנצטען ווינטער נאַקיט אין שניי. איבער דער גאַנצער צייט איז קיינעם נישט איינ= געפאַלען, צו דינגען אַ פוהר, זי אַוועקצושיקען אין אַ הקדש אַריין. מען האָט אויף איהר שטאַרק רחמנות געהאַט, איין אַנדערע, קריגט אַ דבוק, פאָהרט זי אַרום אויף דער וועלט,

מאַכט האַטש וועלכען גראַשען...

זי האָט צו דעם אויך קיין שכל נישט!

די בעלי־בתים האָבען נור געזיפצט, און גאָר נישט! פאַרוואָס זאָל ער, יוסיל, זיין מעהר יחסן? ער וויל נישט היינט דערבייזערן די בעלי־בתים: קיין אַנדער יתום איז טאַקי נישטאָ, נור, אַ קשיא אויף אַ מעשה, קהל קומט אין כעס אַריין, קען ער זיך ברענגען אַ יתום; אויך קען דערוויל עמי־צער ווערען אַ יתום, אַ דאגה! און ווען נישט, וועלען די בעלי־בתים דאַרפען געבען דרשה־געשאַנק... איז טאַקי בעסער גוט צו לעבען מיט די לייט, צווייטענס, האָט ער מורא, מען זאָל איהם נישט אַמאָל טאַקי אָננעמען פאַר איין אמת'ן משוגענעם און זיך מוזען שאַפען איין אַנדערן. מען וועט דאָך קיין אמת־משוגענעם נישט גייהן חתונה־מאַכען! דאָס וואָלט אפשר קיין פעולה נישט געהאַט. און נאָך עפּיס — און דאָס איז דער עיקר — ער דאַרף התבודדות, ער דאַרף! ער מוז זיין אַליין מיט זיינע געדאַנקען; ער מוז קלערען, טראַכטען, חלום'ען ביינאַכט און בייטאָג.

ביינאַכט האָט ער שוין רוה אין בית־המדרש. אַז דער עולם צוגייהט זיך און ער בלייבט אַליין מיט שמעןדער און בענק, לויפט ער באַלד צו צום פענסטער, שפּאַרט אָן דעם ברענענדיגען שטערן אָן דער קאַלטער שויב; אין מוח ווערט קיהל, די מחשבות גייהען מיט אַ סדר... איז איין אויסגע־שטערנטע נאַכט, דאַכט זיך איהם, אַז די לבנה ווינקט איהם צו. דאָס הייסט, אַז יהושע בן נון זאָגט איהם אויף פאַנטאָמי־נע: „יאָ", אָדער „ניין", לויט ווי עס קומט איהם אויס...

בייטאָג, ווייטער, שלאַפעט ער ארום איינער אַליין אונטער דער שטאָדט. ער פיהלט נישט די פוילע קעלט, וואָס גנב'עט זיך אַריין דורך אַלע לעכער פון זיינע בגדים; ער פיהלט נישט די נעץ, וואָס גייהט איהם אַריין פראַנק און פריי אין די האַלב־אָפענע שטיוועל; ער מאַכט מיט די הענד, שמועסט מיט זיך אַליין, מיט די בלייערנע וואָלקען, אָדער מיט דער

קאַלטער, ווייסער ווינטער־זון . . . ער האָט אַזוי פּיעל צו קלע־רען! אַזוי פּיעל צו רעדען! ער איז איין יתום, יתומות אָבער זענען דאָ דריי, און ער וויל וויסען, וועלכע זיין בעשערטע איז.

אויפ'ן ערשטען פּלאַן שטייהט דבשה, ירמיה שוסטערס טאָכטער.

ירמיה שוסטער, איידער ער איז געשטאָרבען אויפ'ן לעצ־טען אונטערגאַנג, פּלעגט אויף איהם רחמנות האָבען. אָפּט אַהיים רופען צו זיך און פערריכטען איהם די שטיוועל. איינ־מאָל האָט ער איהם אַ פּאָר שוסטער־שיך געשענקט. ער פּלעגט איהם אַ מאָל מכבד זיין מיט אַ שטיקעל ברויט מיט שמאַלץ, אַ מאָל מיט אַ ציבעלע. יוסיל פּלעגט דערביי פון דבשה'ן קיין אויג נישט אַראָבלאָזען. — אָ, ער געדענקט זי גוט! זי שטייהט איהם פאַר די אויגען! אַ דיקע, געזונדטע מויד, רויט ווי אַ שמחת־תורה־אַפּעל . . . איין אייזערן שטיק! אַז זי חאַפּט די האַק אין האַנד אַריין, פליהען פון דער ליפּע־קיהן שפּענער אין דער לופט. ירמיה זאָל נישט געווען שטאַרבען, וואָלט ער אָנגעשלאָגען דעם שידוך. ער האָט ליעב אַזאַ געזונטע בריאה. אַז ער דערמאַנט זי, קומט איהם די שלינע אין מויל אַריין! איין מאָל — דאָס קען ער נישט פערגעסען — האָט ער זיך מיט איהר געטראָפען אויף די טרעפּ. עס האָט איהם צוגעצוי־גען ווי אַ מאַגנעט! ער האָט זיך צוגערוקט און אָנגעריהרט זי ביים קלייד, האָט זי איהם מיט גאָר אַ לייכטען שטויס שיער נישט פון אַלע טרעפּ אַראָבגעוואָרפען. אַ גליק, וואָס ער האָט זיך פערציפּעט אין דער פאָרענציע! אַ צייט האָט ער זיך געשעמט אַרויף צו ווייזען! ער האָט מורא געהאַט, זי זאָל דעם פאָטער נישט דערציילען . . . און שפּעטער, אַז ער האָט שוין יאָ געוואָלט זיך איינשטעלען דאָס לעבען און אַרויפ־גייהן, איז שוין ירמיה קראַנק געוועזען. עטליכע צוואַנציג טאָג האָט ער געקרענקט און איז — געשטאָרבען! דערנאָך איז דאָס ווייב זיינס אַוועקגעפאַלען און אויך געשטאָרבען. דבשה איז היינט אַ דיענסט ביי שאול פּראָצענטניק. ער עסט אַ מאָל

דאָרט אַ טאָג, ער טרעפט זי אָפט איינע אַליין אין שטוב, ער האָט דאָך די עזה נישט מיט איהר אַ וואָרט צו רעדען; אַזאַ קוק האָט זי שוין! נור אַז קהל וועט הייסען, וועט זי די עזה נישט האָבען אָבצוזאָגען! קהל איז פאָרט קהל! — דבשה, טראַכט ער מיט אַ פול מויל מיט וואַסער, —וואָלט גוט געווען! ער קען זיך גאָר קיין בעסער ווייב נישט ווינשען! ער וועט אפשר אַמאָל לייזען פון איהר אַ „גלעט איבער דער באַק", נו, מהיכי תיתי, עס איז מעשים בכל יום, און ער וועט עס אָנגעמען פאַר ליעב... ער וועט זי נאָך קושען און האַלזען דערפאַר. ער וועט איהר וואַשען דעם שטויב פון די פיס. ער וועט איהר נאָכגייהן ווי אַ קליין קינד. ער וועט זי פאָלגען. ער וועט זי גלעטען, פיעשציען, דריקען צו צום האַרץ, פעסט, פעסט... נאָך פסטער, חאָטש דאָס האַרץ זאָל קלאַפּען נאָך מעהר ווי אַצונד. חאָטש עס זאָל פלאַצען, עס זאָל אַרויסשפּרינגען, עס זאָל פון איהם די נשמה אַרויספליהען, שטאַרבען זאָל ער ביי איהרע פיס, און דריקען וועט ער!

אַך! קהל זאָל נור איינפאַלען אויף איהר! איהר מינדסט פינגעריל איז דאָך מעהר ווערט, ווי איין אַנדערנס אַ גאַנץ ווייב! ער וואָלט דערווייל מעהר נישט געוואָלט, נור איהר מינדסט פינגעריל!... ער וואָלט עס געקוועטשט און געקוועטשט, געדריקט מיט אַלע כחות, איהר אויסצווייזען, אַז זי וויל אַ חתן...

נור טאָמער פאַלט איין קהל אַן אַנדערע יתומה?

אָט, אויפ'ן הייליגען אָרט איז אויך דאָ אַ יתומה, ס'איז דאָ, חאָטש ער ווייסט נישט, ווי זי הייסט... זי איז אפילו נור אַ האַלבע יתומה, אָהן אַ מאַמע נור, אַ טאַטען האָט זי. דאָך איידער אַזאַ טאַטען, איז גלייכער גאָר נישט צו האָבען! אַ שייגער פאַרשוין בעריל קברן; אַ גאַנצען טאָג שכור'ט ער אין שטאָדט אין אַלע שענקען, און לאָזט זי איבער איינע אַליין אויפ'ן הייליגען אָרט צווישען די קברים... טייל מאָל קומט ער נאָך אַהיים שכור און שלאָגט זי נאָך, זאָגט מען; שלעפּט זי אַרום ביי די צעפּ, טעסט מיט איהר אוים די קברים... די גאַנצע

שטאָדט זאָגט עס. נור מען וועט זיך נישט אַריינמישען, מען האָט מורא פאַר איהם; אַ שכור און אַ גבור דערצו! ער האָט פאַר אַ יאָהרען משה גלעזער אַ קלאַפּ געגעבען פאַר חבר-קייט אונטער אַ זייט, האָט ער אויף אייביג אַ לונג-פעהלער בעקומען. ער ווערט טאָג-טעגליך געלער, פאַלט אין דער זאַך אַריין, קוים וואָס ער עטהעמט נאָך!... אַז די טאָכטער לעבט נאָך, איז זי פון אייזען. די מוטער איהרע האָט ער טאַקי יונגערהייט פעריאָגט אין קבר אַריין. און וואָס וויל ער פון דער טאָכטער? — עס חאַפּט יוסלען אָן אַ ווייטאָג ביי׳ם האַרץ! איין מאָל האָט ער זי געזעהען און קען זי שוין נישט פערגעסען... געזעהען האָט ער זי טאַקי אויף ירמיה שוסטערס לויה, ער האָט דעמאָלט עפּיס מורא געהאַט צוצוגייהן געהנטער צום קבר. ער האָט מורא געהאַט זיך צו טרעפען ביים קבר מיט דבשה׳ן. זי וויינט אַ ודאי, און איהרע טרערען וואָלטען זיך ווי היים בליי געגאָסען איהם אויפ׳ן האַרץ... האָט ער זיך אָבגערוקט און אַרום געדרייהט זיך פון דער ווייטענס נעבען טויטען-שטיבעל און איז אַ פאָר מאָל פערביי געגאַנגען פאַר בעריל קברן׳ס פענסטער. ער האָט זי דערזעהן, ווי זי איז געשטאַנען מיט אַראָבגעלאָזטע ברעמען און געשיילט קאַרטאָפעל... אַ בלאַסע, אַיין אידעלע! ער וואָלט זי מיט איין האַנד אַרומגענומען... נור אַ גוטע מוז זי זיין, זי האָט שוין אַזוינע אויגען, אַזאַ בליק! אַיינמאָל האָט זי אינגאַנצען אויפגעהויבען די ברעמען, און ער האָט תוך כדי דבור אָן דבשה׳ן, אָן דער גאַנצער לויה פערגעכ׳ן — אַזאַ גוטקייט האָט אַרויסגעשטראַהלט פון איהרע בלאָהע זויגען, און אַזאַ זיסער חן איז איהר אויסגעגאָסען געוועזען אויפ׳ן פנים... אַזאַ גוטען חן האָט געקאָנט האָבען נור אסתר המלכה. אסתר המלכה איז אָבער גרין געוועזען און זי איז ווייס ווי אַלבאַסטער. האָהר האָט זי שוואַרצע ווי קויל, נור די האָהר וועלען שפּעטער נישט זיין. איי איז זי אַ שיינע! עפּיס חאַפּט זי אָן באַלד ביים האַרץ!

און זי האָט נאָר אויף איהם אַיין אַנדערע פעולה: אַז ער וועט דבשה׳ן קאָכט איהם אויף דאָס בלוט! אויף איהר אָבער,

אַז ער האָט געקוקט, איז איהם עפּיס אַזוי גוט, אַזוי לייכט, אַזוי וואַרעם געווען!

פון דעמאָלט אָן פלעגט ער גייהן אויף אַלע לויות, און אַריינוואַרפען אַ בליק אין פענסטעריל...

— יאָ, אויף איהר בעשטייהט ער אויך. אדרבא זאָל זיין זי... מהוכי תיתי... פערקעהרט, אפשר בעסער זי...

ער וואָלט זיך מיט איהר אַרומגעטראָגען, ווי מיט אַ צאַצ־קע, ער וואָלט זי גאַנצע טעג געצאַצקעט און אַלץ פאַר איהר געטהון. ער וואָלט זי נישט געלאָזט אַריינשטעקען די הענד אין קאַלט וואַסער! ער וועט האָלץ האַקען, קאָכען, באַקען, גרעט וואַשען, ער וועט אַלעס טהון פאַר איהר. נור מיט איין בע־דינג, זי זאָל שטייהן און קוקען אויף איהם און שמייכלען! וועט ער האָבען צייט, וועט ער זי אַרומטראָגען, ווי אַ קליין קינד אויף די הענד. אין דער פריה וואָלט ער זיך אויפגעהאַפּט מיט'ן טאָג צו גלייך. ווינטער וואָלט ער באַלד איינגעהייצט אין אויווען, זומער — באַלד צוגעשטעלט אַ טעפּעל וואַסער אויף טיי. אַרומגעגאַנגען וואָלט ער שטיל, אויף די נעגעל. שטי־לערהייט וואָלט ער איהר אָבגעפּוצט דאָס קלייד, די שיך... ער וואָלט איהר שטילערהייט דאָס אָנטהון צוגעשטעלט צום בעט. דערנאָך וואָלט ער ערשט צוגעגאַנגען שטיל, גאָר שטיל צום בעט. ער וואָלט זיך איבער איהר געבויגען, לאַנג, לאַנג אַזוי געקוקט... ביז די זון וואָלט אַרויף אויפ'ן הימעל, עס וואָלט רעכט טאָג ווערען, די זון זאָל שוין ליעגען אין פענס־טער, דעמאָלט ערשט, וואָלט ער זי אויפגעוועקט בנשיקה; — עס וואָלט געווען אַ לעבען ווי אונטער די זון.

און עס איז אַ גוטער שדוך אויך! אוי, אוי!... דבשה מיז האָבען אַ פּאָר גילדען, זי זאַמעלט! און זי האָט דאָך אַ חזקה, אַ פרנסה אין דער האַנד! עס איז ידוע לכל, אַז בערל'ען פערברענט דער בראָנפען; דער רופא זאָגט, אַז ער עסט שוין נישט, אַז ער גייהט אַרום מיט געלעכערטע קיש־קעס, רחמנא־ליצלן... וואָלט ער טאַקי איבער הונדערט און

צוואַנציג יאָהר איבערגענומען דאָס קברנות ... פאַרוואָס נישט?
אין דער התחלה וואָלט ער אפילו מורא געהאַט פאַר די מתים,
מען געוויינט זיך אָבער צו ... מיט איהר צוזאַמען וואָלט ער
זיך צום גיהנם צוגעוויינט! קיין שיינע פרנסה איז עס נישט;
פאַר דאָס אָבער וואָלט ער געוואוינט אונטער דער שטאָדט, באַ-
זונדער, קיינער וואָלט איהם נישט נאָכגעקוקט! ... עס קען
זיין אַ לעבען, אַ גן עדן אויפ'ן בית-עולם!

און טאָמער פאַלט דער גורל אויף „לאַפּיי"? „לאַפּיי"
איז אַ צו-נאָמען פון אַ דריטער יתומה. די אַז ער דער'מאַנט,
ווערט איהם קאַלט אין אַלע אברים! זי איז שוין אַ שטאָדטישע
יתומה ... איז אַ יתומה זייט ער געדענקט. אַ קראַנקע, מיט
אַ גרויסען קאָפּ, אויסגעקראָכענע האָהר און עפּיס משונה'דיגע
פּיס. זי גייהט נישט אויף דער פּאָדעשווע, אויף די פינגער
גייהט זי, מיט די פּיענטים אין דער הייך. גייהענדיג, שאָ-
קעלט זי זיך און וואַקעלט זיך ווי אַ שכור ... זי טרעפט ער
שוין אָפט אין גאַס; קיין אָרט פאַר זיך האָט זי נישט. זי גייהט
פון הויז צו הויז, בעדיענט אַלע דיענסטען; דער טראָגט ז'
וואַסער, יענער האַלץ, דער העלפט זי צוהאַקען אַ ביסעל קיהן,
דאָ טראָגט זי אַרויס אַ שאַף, דאָרט גיסט זי אָן אַ וואַננע ...
האָט זי נישט קיין אַרבייט, בעטעלט זי. איינמאָל אין יאָהר
וואַשט זי אויס די פּאָדלאָגע אין בית-המדרש. וואו זי נעכטיגט,
ווייסט ער נישט. „לאַפּיי, לאַפּיי! זי שטעלט זיך איהם פאַר
די אויגען, און עס חאַפּט איהם אָן אַ שוידער ...

קאַלט ווערט איהם אין אַלע אברים! זי מוז שוין אַלט זיין
אַ יאָהר פערציג; זייט ער געדענקט זי, זעהט זי אַלץ אַזוי
אַלט אויס ...

— רבונו של עולם! שרייט ער אויס פאַר שרעק, דאָס
וואָלט שוין ערגער געווען ווי געהאָנגען. ער שיקט די
דערשראָקענע אויגען מיט אַ געבעט צום הימעל אַרויף. אויפ'ן
בלאָסען שטערן בעווייזען זיך גרויסע טראָפּען שווייס ווי די
אַרבים.

עס דערוועקט זיך דאָך זיין רחמנות אין האַרץ; אויף איהר איז אויך אַ רחמנות... זי וויל אודאי אויך חתונה האָבען... זי איז אויך אַ בלענדנע שאָף, אויך אַ יתומה! זי האָט אויך נישט מעהר, ווי אַ גאָט אין הימעל! עס גלוסט זיך איהם צו וויינען אויף איהר און זיין מזל צוזאַמען!

ער האָט אַ ישוב און גיט זיך איבער גאָט אין די האַנד אריין! וויל גאָט, חס ושלום, זי, זאָל זיין זי! ער פערלאָזט זיך, בעפאָר אויף גאָט דערנאָך אויף קהל. וועלכע גאָט, ברוך הוא, ווערט בעשערען און קהל ווערט געבען, מיט דער ווערט ער לעבען, די ווערט ער ערליך האַלטען, דער ווערט ער געטריי זיין, דער ווערט ער זיין אַ מאַן ווי אַלע מענער, — די אַנדערע ווערט ער פערגעסען...

דערוועקט זיך אָבער אין איהם איין אַנדערע זאָרג: אויב זיין בעשערטע איז „לאַפּי״, וואו וועלען זיי זיך אַהין טהון? וואו ווערט מען וואוינען? וואָס ווערט מען טהון? זי האָט נישט קיין דרייער ביי דער נשמה, גייהט אָבגעריסען, אָבגעשליסען... די דיענסטען קויפען ביי׳ן איהר אָב די בכורה פאַר אַ ביסעל נעכטיגע קאַרטאָפעל; פאַר אויסוואַשען די בית־המדרש־פּאָדלאָגע נעמט זי שני זהובים! אויף טרוקען ברויט איז ווייניג! און ער וואָס קען טהון? צו וואָס קען ער טויגען?

וואָלט ער נישט לאָם געוועזען, וואָלט ער אַ משולח גע־וואָרען... קיין מלאכה קען ער נישט... פּיידען — טרייסט ער זיך — ער זאָל ווערען אַ מלמד! צו דער וויעציערע ווע־לען אַלע בעלי־בתים געבען דרשה־געשאַנק; פאַר דעם געלד ווערט ער זיך קויפען אַ „שטוב״ און זעצען זיך קנעלען! פאַרוואָס נישט? אַזוי פיעל לערנען, וויפיעל אַ מלמד דאַרף, בפרט אַ דרדיקער, קען ער נאָך... נור וואָס עס ווערט זיין, אַבי אַ ווייב! עס זענען דאָ יודען, וואָס האָבען נאָך מיאוס׳ערע ווייבער און זענען גרעסערע קאַליקעס... און מען לעבט! אַ חייב איז אַ ווייב... אַבי נישט אַליין, אַבי נישט קיין „טוג״!

און אפשר ווערט איהם נאָך געראָטהען צו קריגען איינע

פון יענע צוויי... און ער מאַלט זיך ווייטער אויס אַ גן־עדן... און ער שמייכעלט ווייטער צו דער בלאָטע און טענה'ט מיט די בלייערנע וואָלקען...

שאַ! עס פאַלט איהם איין אַ שטיקעל יושר: ער זאָל וויסען זיכער, אַז דער אָרימער „לאַפּיי", איז בעשערט, זי זאָל, חס ושלום, אומקומען אין דער מגפה, וואָלט ער געוואָלט חתונה האָבען מיט איהר... זאָל זי נעביך האָטש פאַר'ן טוידט האָבען אַ מאַן, באַדיי אויף אַ חודש! פאַרוואָס נישט? דאָך אַ יודישע טאָכטער! איהם וואָלט עס נישט געשאַדט און פון גאָט, ברוך הוא, וואָלט עס אַ יושר געווען... ער, חס ושלום, ווינשט איהר נישט דעם טוידט... פערקעהרט, ער האָט רחמנות אויף איהר... ער פיהלט און וויסט וואָס מען מיינט עלענד, איינע אַליין, שטענדיג איינע אַליין...

---

5.

## סאַוויצקי מיט יוסיל'ן צוזאַמען.

שלאָפענדיג, פערטיעפט אין די געדאַנקען, אין דער בלאָטע, האָט יוסיל ישיבה־בחור איינמאָל פּלוצלינג דערפיהלט, אַז עמיצער האָט איהם אָנגעכאַפּט ביים אָרבעל. ער דרייהט זיך אום דערשראָקען, און דערשרעקט זיך נאָך מעהר, דערזעהענדיג, אַז עס איז דער דאָקטאָר סאַוויצקי.

סאַוויצקי מיט יוסל'ין פלעגען זיך גאַנץ אָפט בעגעגנען אונטער'ן שטערטיל. ביז אהער האָט יוסיל יעדעס מאָל אַראָבגעהאַפּט די צוריסענע כובע און געבייגט זיך ביז צום נאָפּעל פאַר'ן קריסט; סאַוויצקי — האָט דאָס ערשטע מאָל אויסגעשפּיגען, דאָס צווייטע מאָל געוואָרפען אַ בייזען אַנטיסעמיטישען

בליק, דאָס דריטע מאָל פּראָסט געקוקט אין די אויגען אַריין, שפּעטער שוין אַ לייכטען שמייכעל געטהון און — ערשט היינט — דאָס ערשטע מאָל, איהם אָנגעהאַפּט ביים אַרבעל.

זיי האָבען זיך ביידע אין די אויגען דערקענט, אַז זיי האָבען עפּיס בשותפות! אינ'ם בליק האָבען זיי דערפיהלט, אַז זיי ביידע האָבען עפּיס איין „עסק", איין האָפנונג, אַז עס בינט זיי עפּיס איין זאַך צוזאַמען.

סאַוויצקי איז איינער אַליין אין שטאָדט; פריהער פלעגט ער אַריינקומען צום אַפּאָטייקער, נור דער האָט איהם, ערשט נישט לאַנג, געגעבען אָנצוהערען, אַז ער מאַכט איהם שאָדען אין לייזונג; אַז דורך סאַוויצקי'ן, האָט דער עולם מורא צו קויפען ביטער-וואַסער און ריצען-אייל, אין וועלכען עס שטעקט דעם אַפּאָטייקערס עיקר פּרנסה.

די מיעשציאַנעס, די קריסטען האָבען איהם אויך שפּע-טער אָנגעהויבען צו ווייכען; זיי גלויבען אויך, אַז דאָקטוי-רים סמ'ען, און סאַוויצקי וועט אויך נישט בעסער זיין...

עס איז נאָך אַרויס אַ קול, אַז ערגיץ אין אַ שטעדטיל האָבען די „ליקעס" פערברענט אַ „שפּיטאַלנע באַראַק" און פער-שטיינט דעם דאָקטאָר. אין די אויגען ביי די מיעשיצנעס בעוויזט זיך גאַנץ אָפט אַ מין פייער'ל, וואָס זאָגט גאָר קיין גוטס נישט צו.

יוסיל בעגייהט זיך אָהן מענשען; סאַוויצקי בענקט שווי שטאַרק צו'ן אַ מענש. עס וואונדערט איהם אַליין, פאַר וואָס דאָמען זשידלאַקס געשטופּעלט פּנים זעהט איהם צונד אַזוי פריינדליך אויס; אַגב האָט ער צו איהם אַ שטיקעל געשעפט: עס קען זיין, אַז די מגפה איז שוין דאָ, נור מען בעהאַלט זי! ביי דעם זשידלאַק קען מען עפּיס געוואָהר ווערען.

אָנגעהאַפּט ביים אַרבעל, האָט יוסיל אַ ציטער געטהון. ער איז דאָך באַלד צו זיך געקומען און אפילו נישט בעמערקט, ווי געשווינד סאַוויצקי האָט צוריקגעהאַפּט די האַנד פון זיין ברודיגען אַרבעל; ער האָט נור געזעהען, אַז סאַוויצקי איז

צונד נישט בייז, אַז ער שמייכעלט.

— אַ צאָ — פרעגט סאַוויצקי — אַ צאָ, ניעמאַ חאָלעריי? 1)

יוסיל איז אַ פּאָר מאָל אַרויסגעפאָהרען מיט'ן שטאָרט־דין אויף אַ דאָרף אין אַ מיהל אַריין, צו היטען ווייץ אויף פּסח, און האָט זיך דאָרט אויסגעלערנט עטליכע ווערטער פּויליש. סאַוויצקיס שאלה האָט ער פערשטאַנען; דאָס וואָרט „חאָלעריי" האָט איהם אפילו, ביי דער גאַנצער האָפנונג, וואָס ער האָט אויף דער מגפה געהאַט, אַ שטאָך געטהון „אין דער זיעבענטער ריפּ", דאָס פּנים האָט זיך איהם פערקרומט,— ער האָט זיך דאָך בערוהיגט און געענטפערט:

— ניעמאַ, וויעלמאָזשני פּאַניע, ניעמאַ! 2)

נישט ווילענדיג, האָט זיין תשובה טרויעריג געקלונגען.

זיי זענען זיך באַלד צוגאַנגען; דעם צווייטען טאָג זיך ווייטער געטראָפען. זיי זענען זיך ווייטער אַנטקעגען געקומען.

יוסיל האָט זיך אָבגעשטעלט אין אַ זייט, ווי אַ זעלנער „פּאָד פּראָנט", נור אָהן דער האַנד צום דאַשעק; סאַוויצקי האָט זיך אַ ביסעל פערהאַלטען און געפרעגט:

— אַ צאָ? י דזיש ניעמאַ? 3)

— ניעמאַ, וויעלמאָזשני פּאַניע, ניעמאַ. 4) — האָט יוסיל די אייגענע תשובה געגעבען.

דעם דריטען טאָג האָבען זיי זיך ווייטער געטראָפען, און שוין לענגער געשטאַנען צוזאַמען.

סאַוויצקי האָט אויסגעפרעגט, צי מען הערט נישט עפּיס בכלל פון לאַקסירען און ברעכען, חאָלערינקע, דיאַריע, אָדער אַזוי פון מאָגען־ און קישקע־קראַנקהייטען.

---

1) נו וואָס? נישטאָ קיין חאָלערע?

2) נישטאָ, פּריץ (בעסטער הערר), נישטאָ.

3) נו, וואָס? היינט אויך נישטאָ?

4) נישטאָ, פּריץ, נישטאָ!

נישט אַליין האָט יוסיל פערשטאַנען פון סאַוויציקס רייד, געשטויסען האָט ער זיך דאָך ריכטיג, אַז ער פרעגט אויף קרענק, וואָס זענען אַ מין הקדמה צו דער מגפה.

— ניעמאַ, וויעלמאָזשני פאַניע, ניעמאַ! 1) האָט ער אַליין אין איינעם געענטפערט. ער האָט געוואוסט, אַז אין שטעדטיל איז נאָך גאָר שטיל.

— ניעמאַ, אַליע בענדזיע 2)! האָט איהם סאַוויצקי, אוועקגעהענדיג, צוגעוואָרפען אַ טרייסט.

עס איז אַוועק אַ שטיקעל צייט, און זיי פלעגען שוין, ביים טרעפען זיך, צוגעהן אַ שטיקעל וועג צוזאַמען. סאַוויצקי האָט אַליין אויסגעפרעגט, שטענדיג געהערט די אייגענע תשובה „ניעמאַ, פאַניע, ניעמאַ", און שטענדיג געטרייסט זיך און יוסל'ן מיט „אַליע בענדזיע"...

— מושי פשישטש! 3) זאָגט ער מיט אַ זיכערהייט, און יוסיל זעצט זיך עס איבער אויף לשון קודש: „אף על פי שיתמהמה, אחכה לו", און עס וואַקסט אין איהם דאָס האַרץ. ער ווינשט נישט, חס ושלום, קיין שלעכטס דעם שטעדטיל. סאַוויצקי אפשר וויל אַ גרויסע מגפה... ער — האָט גענוג אַ קליין מגפה'לע, אַ כזית'ל... עס זאָל אפילו קיינער, חס ושלום, נישט נפטר ווערען! אַ פאָר בעלי-בתים זאָלען נור אָנהייבען... ווי עס איז, וועט שוין גענוג זיין! ער וויל נישט מעהר! זיין ערגסטען שונא ווינשט ער נישט דעם טויט!

עס האָט אַזוי געדויערט אַ חודש. סאַוויצקי איז שוין אַ ביסעל אונגעדולדיג געוואָרען און האָט פאָרגעשלאָגען יוסלען איין עסק: ער איז זיכער, אַז אין שטאָדט מוז עפּעס

---

1) נישטאָ, פריץ, נישטאָ.

2) נישטאָ, נור סיוועט זיין!

3) זי מוז קומען.

זיין, נור מען בעהאַלט... מען היט זיך מיט דער מגפה...
יודען האָבען שטענדיג מורא... דעריבער שלאָגט ער פאַר
יוסלען, ער זאָל נאָכפאָרשען, געוואָהר ווערען, און איהם
מודיע זיין, חאָטש פון איין בעהאַלטענעם צופאַל, פון אַ
ליאַדע וואָס... ער וועט איהם זייהר דאַנקבאַר זיין...

---

סאַוויצקי רעדט פאַר יוסלען צו געשווינד און צו „הויך
פויליש", דאָך האָט ער דערפיהלט, אַז סאַוויצקי וויל איהם
דערמיט מאַכען פאַר אַ מסור; אַז ער וויל, ער זאָל איהם
פערמסר'ן יודישע חלוּיים.

— ניין — טראַכט ער ביי זיך — ניין, יוסיל וועט קיין
מסור נישט זיין! ער וועט נישט אויסזאָגען סאַוויצקין אַ וואָרט.
נישט ווילענדיג, שאָקעלט ער דאָך, פאַר דרך־ארץ, מיט'ן
קאָפּ אויף יאָ, און סאַוויצקי גייהט אַוועק.

יוסיל בעפעסטיגט זיך מיט דער דעה, סאַוויצקי'ן קיין
וואָרט נישט צו זאָגען. נור ער אַליין פאַר זיך וועט חוקר
ודורש זיין, טאָמער בעהאַלט מען טאַקי, זאָל ער וויסען.

יוסיל הייבט אָן אַרומצוגייהן צווישען די מנינים פריה
און שפעט ביים דאַוונען; צו עמיצער פעהלט נישט. האָט
ער עמיצען ביים דאַוונען נישט בעמערקט, הייבט ער באַלד אָן
חוקר ודורש צו זיין, וואָס די מעשה איז. עס האָט אָבער
צו גאָר נישט געברענגט; עס האָט זיך שטענדיג אויסגעלאָזט
מיט גאָר נישט. עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז איינער האָט
זיך איינגעשטעלט דאָס לעבען און איז אַרוים אויפ'ן דאָרף
עפּים איינקויפען, דער צווייטער האָט זיך, נאָך אַ קריעג מיט'ן
ווייב, געשעמט מיט אַ געשוואָלענער באַק צו קומען אין בית־
המדרש אַריין, אַ דריטער האָט זיך אַ צאָהן אויסגעריסען ביים
רופא און מען קען איהם עפּים דאָס בלוט נישט אַזוי גע־
שווינד פערהאַלטען, — און נאָך אַזוינע קליינע קלייניגקייטען,
וואָס געהערען זיך גאָר נישט אָן מיט דעם ענין, וואָס יוסלען

אינטערעסירט. און ער האָט יעדעס מאָל גאַנץ ערליך אָבגעגעבען סאַוויצ׳ן דעם אייגענעם ראַפּאָרט:

— ניעמאַ, פּאַניע וויעלמאָזשני, ניעמאַ!

דערביי האָבען זיי שוין טאָג־טעגליך איינער אויפ׳ן צווייטען געוואַרט און מיט יעדען טאָג לענגער גערעט.

יוסיל האָט זיך געהאָלפען מיט אַלע אברים, אַז סאַוויצקי זאָל איהם פערשטייהען; ער האָט געאַרבייט מיט פיס און מיט הענד. און סאַוויצקי, וואָס האָט זיך שוין צוגעוויהנט צו זיינע תנועות, האָט דאָך געמוזט גאַנץ אָפט אָבשפּרינגען פאַר יוסיל׳ס הענד.

סאַוויצקי האָט אַלץ ניט געקענט פערשטייהן, אין וואָס יוסל׳ן גייהט, פאַרוואָס יוסיל האַלט זיך אַזוי אָבגעזונדערט פון קהל; פאַרוואָס, לויט ווי מען זעהט בחוש, וויל ער אויך, עס זאָל קומען די מגפה — נור ער האָט קיין צייט געהאַט מיט דער רעטעניש זיך צו פערנעמען... אַ יוד צו דערגייהן! מן הסתם האָט ער אַ געשעפט דערינען! אפשר האַנדעלט ער מיט ליינוואַנד אויף תכריכים! אפשר מאַכט ער ארונות! פאַר דאָס אָבער, האָט ער אַמאָל בעמערקט, אַז יוסיל פאַלט אָב ביי זיך, אַז ער איז ניט אַזוי זיכער ווי ער, אַז היינט מאָרגען „מוז זי קומען", האָט ער איהם אויסגערעדט דאָס האַרץ, געשטאַרקט און מבטיח געווען, אַז קהל קאָן נישט ניצול ווערען, אַז זי מוז קומען!

סאַוויצקי, האַלט עס ברור כשמש, אַז זי מוז קומען. זי רוקט זיך דאָך אַלע מאָל נעהנטער! מען שרייבט דאָך אין אַלע צייטונגען! און אַזוי האָט אָבגעדויערט אַ חודש אַנדערטהאַלבען. די גרויסע פרעסט, אויף וועלכע קהל האָט געהאָפט, זענען נישט געקומען; נור די מגפה, אויף וועלכער סאַוויצקי און יוסיל האָבען געהאָפט, האָט זיך אויך נישט געוויזען. סאַוויצקי אַליין הייבט שוין אָן מסופק צו זיין. דאָך טרייסטענדיג יוסלען, שטאַרקט ער זיך אַליין אין דער דעה, עס איז פאָרט ניט מעגליך, זי זאָל אַהער נישט קומען! עס איז

רען דאָ נאָך אַזאַ אײכריין שטעטיל ?! וואו נאָך עסט מען זױ־ פיעל אוגערקעס, רױ אויבס און ציבעלים ? וואו נאָך איז מען אַזוי נישט געוואָרענט מיט קאַלט וואַסער און אובגעקאָכטס ? אינ׳ם גאַנצען שטעטיל זענען פערהאַן, אפשר ביי צוויי דריי גבירים, בלעכענע סאַמאָוואַרען, דריי־פיער הייזער זענען דאָ, וואו מען מאַכט טיי. דער רעשט עולם טרינקט באַרליך־יאָך נאָך געזאָ־ צען טשאָלינט, פיש פערקויפט מען פראַנק און פריי — אַלטע, פוילע...

זי מוז קומען!

עס זענען טאַקי דאָ אַזױנע שטעט, אויף וועלכע די מגפה האָט קיין שליטה נישט, למשל: אַאכען, בירמינגהאַם און אַנדערע, וואָס יוסיל קאָן אפילו זייערע נעמען נישט דער־ חאַפּען; נור דאָרט עסט מען קיין טשאָלינט נישט, און טיי ווערט געטרונקען פון דיסטיליערט וואַסער — דאָס איז עפּיס אַנדערש!

דערווייל איז אַריבער נאָך אַ וואָך און מען הערט פאָרט נישט! פערקעהרט, עס איז געקומען אַ ידיעה אַז אין אַפּט האָט „זי״ שטאַרק נאָכגעלאָזט, ראַהעוו איז שוין געעפענט... אין צווזמיר האָט מען אפילו דאָס טיי־הויז, וואָס מען האָט לעצטענס געעפענט פאַר אָרימע־לייט דעם גובערנאַטאָר צוליעב, — פערמאַכט... יוסיל הייבט אָן קלערען, אַז אין זיין פינס־ טער מזל וועט זיך פון אַלעם אויסלאָזען אַ בוידעם... אָדער אַז זיין שטעדטיל איז אויך אַזאַ מין בירמינגהאַם, אַז אויף איהר האָט אויך די מגפה קיין שליטה נישט. ער הייבט צוריק אָן אומרוהיג צו שלאָפען, ער הייבט אפילו אָן צו זיין אונ־ רוהיג בייטאָג. די כלות רוקען זיך איהם אָב אַלץ ווייטער און ווייטער, און, אויסער די איינע האַלבע שעה, ווען ער טרעפט זיך און רעדט מיט סאַוויצקין, האָט ער קיין רגע רוה.

ער זעהט בחוש, אַז די שטאָרט־לייט ווערען אַלע מאָל רוהיגער און רוהיגער... דערווייל איז נאָך געקומען אַ ידיעה, אַז אין די דערפער אַרום איז שוין גאָר שטיל איינגאַנצען. דאָס

גאַנצע שטעדטיל האָט אויפגעלעבט. די ווייבער האָבען אויפגעהערט צו מאַכען יללות אין „עזרת נשים״, יינגערע קומען שוין אפילו נישט דאַווענען, נור, ווי אַמאָל, משבת לשבת. דעם רופא׳ס ווייב קלערט שוין צוריק אָנצוטהון דאָס שייטעל, אויפ׳ן בעדערס דיענסט רעדט מען ווייטער אסור לדבר און מען האָט זי שוין אפילו פערמסר׳ט פאַר׳ן רב. עפּיס אַ משכיל הייבט אָן ווייטער צו שרייבען לשון־קודש. תבואה־סוחרים הייבען אָן אַרויסצופאָהרען, מעקלער פעררדיענען, זאָנטאַג איז דער מאַרק פול מיט פויערען, די שענקען לייזען. מען לייזט אויך פאַר זאַלץ, פאַר נאַפט און אַנדערע סחורות. דאָס שטעטיל קריגט צוריק די אַלטע צורה, די פאָרהענגליך פון די פענסטער זענען פערשווינדען, סטוויצקי׳ס גאַס האָט צוריק אויפגעלעבט.

יוסלען ווערט טאָג־טעגליך ערגער!...

עס פאַלט שוין אויף איהם טייל מאָל צוריק די אַלטע מרה־שחורה. אויפ׳ן אָרט פון כלות, זעהט ער שטענדיג פאַר זיך דעם שטריק אויפ׳ן שוהל־בוידעם. ער זעהט, ווי ער וויעגט זיך. ער ווינקט איהם, ער רופט איהם: קום, קום! ווער פטור קהל, ווער פטור דאָס ביטערע יתום׳ישע לעבען! נור ער שטאַרקט זיך נאָך: סאַוויצקי איז פאָרט אַ דאָקטאָר, ער מוז דאָך וויסען! און סאַוויצקי האַלט זיך אַלץ ביי זיינעם!

איינמאָל האָט יוסיל סאַוויצקי׳ן אונטער דער שטאָדט נישט געטראָפען, און דוקא אינ׳ם ערנסטען טאָג, וואָס יוסיל האָט דעמאָלט געהאַט.

באַלד אין דער פריה, קיים וואָס ער האָט זיך אויפגעהאַפט, עס איז נאָך פינסטער געוועזען אין בית־המדרש, איז אַריין דער שמש מיט אַ שמחה, מיט אַ גדולה: הערסט, יוסיל! פון ראַחעוו איז שוין דער דאָקטאָר מיט׳ן סטודענט אָבגעפאָהרען! און ביינאַכט — הערסט — בשעת׳ן מולד, האָט געהאַפט אַ שטאַרקער פראָסט, איין אַייזערנער פראָסט! אויס מגפה! האָט דער שמש אויסגעשריגען און געלאָפען קלאַפען „אין שוהל אַריין״ מיט דער בשורה טובה.

יוסיל האָט זיך געשווינד אָנגעטהון, דאָס הייסט: ער האָט געחאַפּט אויף זיך די קאַפּאָטע מיט וועלכער ער האָט זיך צוגעדעקט, און אָנגעהויבען שפּרייזען אונרוהיג איבער'ן בית־המדרש. אַלע מאָל צוגעשפּרונגען צום פענסטער, זעהען, צי עס ווערט נישט טאָג, צי עס איז שוין נישט צייט אַרויס־צולויפען צו סאַוויצקין. קוים איז טאָג געוואָרען האָט ער אָבגעדאַווענט, און איז אַרויסגעלאָפען, אומגעגעסען, אונטער דער שטאָדט. ער פיהלט, אַז אָהן סאַוויצקיס טרייסט, קען איהם דאָס האַרץ פּלאַצען.

הונגעריג האָט ער זיך אַזוי אַרומגעדרייהט ביז מיטאָג־צייט; סאַוויצקי איז נישט געקומען, ער מוז וואַרטען. עס פלעגט אָפט טרעפען, אַז סאַוויצקי איז געקומען ערשט נאָך מיטאָג.

ער איז הונגעריג, שטאַרק הונגעריג. עס פאַלט איהם דאָך נישט אַיין, צו גייהן אין שטאָדט אַריין עסען; ער מוז וואַרטען אויף סאַוויצקין. אָהן איהם, אָהן זיין טרייסט, וועט איהם קיין ביסען נישט דורכ'ן האַלז; ער וועט נאָך האָבען אַ שרעקליכע נאַכט, עס וועט איהם ווייטער ציהען דער שטריק... ניין, ער מ'זג איינמאָל פאַסטען! עס גייהט אַ וועק נאָך אַ שעה, עס ווערט טונקעלער. דער מאַטער פלעק פון דער ווינטער־זון אונטער'ן וואַל־קען לאָזט זיך אַלץ נידריגער אַראָב, אין וועט באַלד פערשוואונ־דען ווערען אונטער וואַסיל'ס מיהל. ער ציטערט פאַר קעלט; ער לויפט זיך איבער, קלאַפּט איין האַנד אין צווייטער, זיך צו דערוואַרמען, און סאַוויצקי ווייזט זיך אַלץ נישט! אַזוי פערשפּע־טיגט האָט ער זיך נאָך קיין איינציג מאָל נישט.

ער הייבט אָן קלערען, אַז סאַוויצקין האָט געמוזט אַיין אונגליק טרעפען; ער האָט געמוזט קראַנק ווערען, אַוועק פאַ־לען... און אפשר גאָר — ווערט ער בייז — שפּיעלט ער אין קאָרטען, אַ קשיא אויף אַ גוי! און דער פלעק פון דער זון זעצט זיך אַלץ טיעפער און טיעפער, און פון דער צווייטער, ריינערער זייט הימעל, ווייזט זיך איין אַנדערער ווייסער דינטשיקער פלעק, ווי אַ

סיערפ, דאָס איז די יונגע לבנה... עס איז שוין מנחה־צייט.

יוסיל פערליערט די האָפענונג, סאָוויצקי וועט שוין זיכער נישט קומען. עס חאַפּט איהם אָן אַ געוויין. הונגעריג און געפרוירען לויפט ער אין בית־המדרש אַריין חאַטש אָב־דאַוונען מנחה־מעריב.

אין גאַס האָט ער כמעט קיינעם נישט בעגעגענט. די מענער זענען ביים דאַוונען. דורך די שויבען־טירען פון די קליינע געוועלבלעך רייסט זיך אַלע מאָל אַרויס אַ פריילּיך ווייבעריש קול, וואָס יאָגט איהם נאָך ביז די בית־המדרש־טרעפּ. עס ציטערן אינטער איהם די פיס פאַר מיעדקייט און פאַר שרעק. עס האָט געמוזט קומען נאָך אַ פריילּיכע ידיעה, אַז די ווייבער רעדען אַזוי הויך און לאַכען!

ער הייבט זיך קוים אויף די טרעפּ. אונטער דער טיר בלייבט ער שטייהן. ער האָט נישט דאָס האַרץ אַראָבצודרי־קען די קלאַמקע. מען דאַווענט נאָך נישט, נור דער עולם רעדט אַזוי געדילט, אַזוי פריילּיך; גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ נחת די בעלי־בתים האָבען!

פלוצים ווערט ער בייז און פראַלט אויף די טיר. —

— און סאַוויצקי — זענען געווען די ערשטע ווערטער, וואָס ער האָט דערהערט — איז אויך שוין, ב״ה, אַוועקגעפּאָה־רען, פלימה געמאַכט!

— זיכער? פרעגט עמיץ.

— אַליין געזעהען! ענטפערט אַ צווייטער — מיט מיי־נע אייגענע אויגען.

יוסיל האָט מעהר נישט געהערט. די פיס האָבען זיך איהם אונטערגעהאַקט, דער גאַנצער גוף האָט אָנגעהויבען צי־טערן; ער האָט זיך קוים צוגעשלעפּט צו אַ באַנק און איז געבליבען זיצען ווי פערשטיינערט, מיט גרויסע, אַרויסגעזועצ־טע אויגען...

---

## 6.

## דער סוף.

דער פרייליכער עולם האַט עס נישט בעמערקט; מען איז אַרויסגעגאַנגען נאָך מעריב (טייל ערשט נאָך אַ בלאַט גמרא, צי אַ פּרק משניות) און איבערגעלאָזט יוסלען אַליין ווי תמיד. אפילו דעם בעל הבית, ביי וועלכע ער האָט היינט געדאַרפט עסען, איז נאָך נישט איינגעפאַלען, צו צוגעהן און פרעגען, פאַר וואָס ער איז היינט נישט געקומען צום אָנבייסען און גייהט נישט צו דער וויעשטשערע. ער האָט זיך גלייך מיט אַלע אַהיים געיאָגט, דערציייהלען וייב און קינד די בשורה טובה, אַז סאַוויצקי האָט פליטה געמאַכט, אַז מען איז דעם חמץ אויך פטור געוואָרען.

ערשט דעם צווייטען טאָג האָט מען בעמערקט, אַז יוסיל פעהלט. דעם דריטען טאָג, אַז מען האָט אויף איהם געדיכטער איינער ביים אַנדערן געפרעגט, האָט מען געענטפערט, אַז דער שוואַרצער יאָהר האָט איהם נישט צוגענומען, און דער שמש האָט אַליין איינגעהייצט. דער אויווען האָט געדויכט, און מען האָט אַ גאַנצען טאָג פון יוסלען גערעדט: צום אויווען איז ער געראָד אַ בריה. מען הייבט אָן קלערען, צי ער איז נישט אַוועק קיין ארץ ישראל אָדער קיין אַרגענטינאַ? ער האָט אפילו נישט געהאַט אַ דרייער אויף הוצאות, נור אַ קשיא או אַ מעשה, וועט ער גייהן אויפ'ן וועג אין די הייזער!

ערשט אויפ'ן זעקסטען טאָג, אַז מען האָט געקריגען אַ ידיעה, אַז עס קומט אַ רעוויזאָר אויף פאַטענטין, האָט דער ערשטער סוחר, וואָס איז אַרויף אויפ'ן שוהל־בוידעם, בעהאַלטען אַ שטיקעל אויסלענדישען סאַמעט, דערזעהען יוסלען הענגען שוין פערשטאַרט.

# אין חדר אריין, שקצים!

דאָס שטעדטיל האָט זיך צוליינגט אויף דעם ריקען פון אַ נישט הויך בערגעל. אַז מען שטייהט ביים טייכעל, וואָס פליסט איהם צופיסענס, זעהט מען אַלע הייזליך, איינס איבערם אַנדערע: אָט, דאָס איז דעם רב׳ס הייזעל, נישט ווייט פון דער מקוה... דאָס איז די שהול מיט׳ן בית־המדרש אינאיינעם, דאָס איז אַ שורה בעלי־בתישע הייזער: די אויסגעווייסטע געהערען צו רייכע, די שוואַרצליכע — צו די אָבגעקומענע... אָט אביונישע שטיבליך... דערנאָך ערשט בעוויזט זיך דאָס בית־עולם... כסדר — אַלץ. מען זעהט אפילו די יאַטקעס אַרויס, וואו דער קצב הייבט די האַק אי־בער אַ רעדעל ווייבערישע קעפּ און שילט לכבוד שבת!

באַרג אָב לויפען צוויי בחורים; אין שינעטענע קאַפּאָט־קעלעך, שיעך און זעקלעך. די הענד אַריינגעלאָזט אין די גאַרטלען, אויף די קעפּ גלאַנצענדיגע היטעלעך, געוויס פון חלב! נישט פון חלב, פון וועלכען מען מאַכט ערשט ליכט, נור פון חלב, וואָס טריעפט פון הײמיש־געצויגענע ליכטליך, וואָס ווערען גענוצט צו „וואַנד־אותיות״.

אפשר ווייסט איהר נישט, ווי אַזוי מען מאַכט וואַנד־אותיות? אין דער היים, אַז טאַטע־מאַמע זענען נישטאָ; אין חדר, ווען דער רבי איז דערטרונקען געוואָרען אין אַ פּני־יהושע; אַמבעסטען אין בית־המדרש, אין אַ שיינעם העלען טאָג, ווען די בעלי־בתים שפּאַציערען אָדער עסען אָנבייסען — נעם אַ חלב׳ען ליכטעל, שרייב דערמיט עפּיס אָן אויף דער

וואַנד, למשל „משנכנס אדר מרבים בשמחה", קענסטו געכּתיב־עטע אותיות, איז נאָך בעסער, עס וועט אַרויסקומען שענער, בולט׳ער . . . דערנאָך נעם דאָס היטעל, שמיער עס איין אין ריעם (סאַדזע) פון אויבען, רייב דערמיט אינערווייניג, אָן דער וואַנד, איין מאָל און צוויי מאָל, דערנאָך נעם דאָס איינגע־שמיערטע היטעל אָן ביים דאַשעק און קלאַפּ אַ פּאָר מאָל איבער די חלב׳ענע אותיות. וועסט זעהן, וואָס עס וועט זיין . . . עס וועט אַרויסקומען ווי געדרוקט!

און דאָס איז דער גאַנצער סוד פון די אָבגעריסענע דאַשקעס, צופלויגענע היטלען! די מאַמעס ווייסען נישט דער־פון. זיי מיינען, אַז די תורה איז דאָס שולדיג! רייסט זיך דיר אָב אַ קנעפּיל פון אַ הויז, פערפלעקסטו אַ שינעטענע קאַפּאָטע, אָדער, דו ברענגסט אַ היים אַפּאָר אויסגעווייקטע שטיוועל — בין איך דיך נישט מקנא; אָבער אַז דאָס היטעל איז פערפּעצט, שמייכעלט די מאַמע:

„נעביך — טראַכט זי — אַלץ פון דער תורה. פון לער־נען שוויצט איהם דאָס קעפּיל! נעביך . . . פונקט ווי דעם פאָ־טער׳ס טלית פון דאַוונען... אַזאַ וואָרם און שוין אַזאַ שוויצען!"

היטעל־מאַכער האָבען אויך הנאה דערפון. אַ קינד טוט אויף יעדען יום־טוב בעקומען אַ ניי היטעלע, לכל הפחות — אויף יעדען פּסח!

מיר האָבען זיך פערשמועסט און אָן אונזערע צוויי בחורים פערגעסען!

עס זענען געווים בחורים; יונגע־לייטליך לויפען נישט אַזוי. אַז מען טראָגט אַ מיהל־שטיין אויפ׳ן האַלז, לויפט זיך נישט, האָט מען קיין כח נישט צו לויפען. אַז מען עסט אפילו קעסט פּאַסט אויך נישט צו לויפען . . . האַלט מען זיך אַליין אין דער מעלה . . .

זיי לויפען אַראָב פון באַרג, ווערען ערגיץ פערלוירען אונטער אַ הייזעל, שווימען באַלד צוריק אַרויס, קוקען זיך אום צו מען יאָגט זיי נישט נאָך . . . צוועלף איז דער זייגער, און

דאָס זענען חדר־יינגליך, 15־יעהריגע הדר־יינגליך; אודאי זיך אַרויסגע׳גנב׳עט פון רבין... וואָס ערגער די צייט איז, לענגער לערנט מען ביי מלמדים! עס דויערט איידער מען קלויבט צונויף אַ נדן, און ביז צו די תנאים מוז מען דאָך לערנען אין אַ חדר!

זיי זענען שוין ביים טייך... ביידע הייבען: פריהער די לינקע, דערנאָך די רעכטע פיס, שליידערן, ביי יעדען אויפהייבען אַ פוס, אַראָב אַ שוך; פייל פון בויגען האָבען זיי שוין אַראָבגעוואָרפען די קאַפּאָטקעלעך, און זעצען זיך שוין אויפ׳ן זאַמד, אויסצוטהון די זאָקען.

— ווייסט, בעריל — פערהאַלט זיך איינער און זאָגט — איך פערשטייה פאָרט נישט דעם רבינו תם... באשר, דער רבונו של עולם וויל נישט מבזה זיין זיינע בעשעפענישען און געבען זיי עולם־הבא אומזיסט... דעריבער וואָס? וויל ער דעריבער, זיי זאָלען דעם עולם־הבא פערדיענען... גוט. נור טאָמער פערשטייהסטו בושה? וואָס איז? איך נעם עפּיס ביי אַ פרעמדען? צי איך נעם ביי אַ בשר ודם, וואָס עס ווערט איהם וויינינער? האַ? עס קאָסט איהם עפּיס, דעם רבונו של עולם? אַ בשר ודם, אַז ער האָט אפילו קרח׳ס אוצרות, וויל ער בעהאַלטען אויף שפּעטער, פאַר קינדער, פערשטייסט — לדורות...

— אָבער פונדעסטוועגען — ענטפערט דער צווייטער — איז פאָרט אַ גרעסערע מדרגה, אַז מען נעמט אפילו ביים רבונו של עולם אויך נישט אומזיסט! נור שכר!...

— שטייהט דאָך אָבער — שלא על מנת לקבל שכר...

— דאָס איז ווייטער עפּיס אַנדערש...

זיי האָבען זיך אַזוי פערשמועסט, און פערגעסען, נאָך וואָס זיי זענען געקומען. זיי האָבען אַלץ נאָך די זעקלעך נישט אויפגעבונדען. זיצענדיג אין זאַמד, פערקנייטשען זיי די שטערען אין הייסען וכוח. ביי יעדער שטאַרקער תנועה, צופליהען זיך די ציצית פון די טלתים קטנים, צו קריכען

זיך אַרום אין זאַמד.

— נו, איז רעכט — שכר! אָבער עונש? פאַרוואָס נאָך — עונש?

— דער עונש איז טאַקי דערויף, מען זאָל בעסער ווערען, תשובה טהון... מפשפש במעשיו זיין...

— גוט... הא תינח, אויף דער וועלט; אויבער אויף יענער וועלט, וואָס פאַר אַ טעם האָט דאָרט דער עונש?

— זאָגט טאַקי דער רבינו תם, אַז דאָרטען איז שוין דער עונש אַיין אַנדערער: דאָרט רייניגט מען אָב די טומאה, וואָס האָט זיך אָנגעקלעבט אָן די נשמות... למרק... הייסט עס, וואָרען אַ חטא איז אַ פלעק... וואַשט מען טאַקי... מטהר איז מען...

— יאָ. אָבער...

נאָך עמיץ לאָזט זיך אַראָב פון באַרג.

עס איז אַ דאַרע, הויכע יידענע; אַ דיקע שאַל איבערן קאָפּ... אַ בעזים אין האַנד... די אויגען איהרע ברענען, דער אָטעם איז הייס...

— שקצים! — שרייט זי אין איין כעס, — אין שיינעם העלען טאָג — באָדען! אַ כפרה, זייגער צוועלף — באָדען!

— פאַר דעם וועל איך צאָהלען מלמד געלד! שרייט זי און וואַרפט איבערן קאָפּ מיטן בעזעם.

די פילאָזאָפען אָבער זעהען נישט און הערען נישט:

— עס איז דאָך פאָרט אַ רחמנות אויף דער נשמה... זי האָט טאַקי געזינדיגט, נור ווי זאָגט די גמרא, וואָס רש״י ברענגט: אין אדם חוטא, אלא אם כן נכנסה בו רוח שטות... נור אַ משוגענער טהוט איין עברה... אויסער אַ שוגג...

— און אַז דער יצר הרע איז אַ תקיף?

— בין איך דאָך ערשט איין אמת׳ער אונס!

— טאַקי? און דברי הרב ודברי התלמיד... הא? און היינט וואו איז אַ מומר להכעיס?

— זעהסטו, אַ מומר להכעיס, איז טאַקי נישט צו פער-

שטייהן ! נעם אַ האַק און שפּאַלט דיר אַליין דעם קאָפּ...

— איך וועל אייך ביידע די קעפּ שפּאַלטען, שקצים עלבּרושים ! — דונערט שוין נאָהנט דער יידענעם קול.

— די מאַמע ! די מאַמע ! — שרייען די פילאָזאָפען, חאַפּען אין די הענד אריין דאָס אָוועקגעוואָרפענע אָנטהון און אַנטלויפען צוריק באַרג אויף.

די מוטער סאַפּיט און לויפט נאָך מיט'ן בעזעם, שרייענדיג אַליץ אינאיינעם :

— אין חדר אריין, שקצים !

# משוגעים.

אַז יעדע קהלה מוז האָבען איהר משוגעת, און אַז נישט, ווערט אַ געזונדער משוגע — פון דעם זינגען שוין די שוואַלבען אויף די דעכער. אָבער אַז אַזאַ קהל ווי אונזערס: אַ קהל אָהן אַ רב, אָדן אַ הייליג אָרט, מיט קוים איין ספר־תורה פאַר אַ מנין; אַ קהל, וואָס איז, אומשטיינס געזאָגט, ניט מעהר ווי אַ געלייגטער ערוב פאַר איין אַנדער קהלה, וואָס נעמט אונז צו דעם רח״ש, מיט די בר־מנן׳ס, מיט אַלעם גוטען — מיט איין וואָרט: אַז אַ קהל, וואָס האָט זיך צולייגט קוים מיט אַ האַלב געסעל אויפ׳ן זאַמד ביי דער ווייכסעל — זאָל מוזען האָבען איהר אייגענעם אַ משוגענעם, — דאָס רעכען איך פאַר אַ וואונדערליכע זאַך. און אַ וואונדערליכע זאַך איז בדאי צו דערציהלען. מיר דאַכט זיך, אַז די מעשה מיט אונזער שוחט׳ל, וואָס איז אַמאָל געקומען, צווישען מנחה ומעריב, צום מנין און האָט אַ קלאַפּ געטהון אָן שלחן, און אויסגערופען, נישט מיט זיין קול, באשר בכן, ער האָט ביז אַהער מאכיל טרפות געווען! — האָב איך אייך שוין אַמאָל דערציהלט... איהר געדענקט אודאי: אַ קלאַפּ געטהון, אויס־גערופען און — משוגע געוואָרען! און גייהט שוין אַרום אויף און אָב אין געסיל, שטיל־שוויינענדיג, שוואַרץ ווי די ערד, נור די ליפּען ציטערן און מיט דער רעכטער האַנד צופּט ער זיך אַלץ אינאיינעם ביי דער לינקער זייט ברוסט, גלייך ער וואָלט געוואָלט אויסרייסען פון דאָרט די מרה־שחורה, די זינד צי דעם שגעון... און פּלוצלינג — און דאָס האָב איך אייך שוין זיכער נישט דערציהלט — איז ער נעלם געוואָרען.

מילא, אַ גרוש איז ער געווען, קיין קינדער האָט ער נישט איבערגעלאָזט, האָט מען אָן איהם פערגעסען. געפיהלט האָט מען, אַז עס פעהלט עפּיס אין גאַס, נור מאַלע וואָס עס פעהלט; עס פעהלט אפילו פרנסה! דערנאָך האָט מען דערציילט, אַז עס איז געשט...ען אין בלאָט, אַז אין ים אונטער דאַנציג איז אַרויסגעשוואומען אַ דערטרונקענער. און אַז מען האָט, אָן די קליידער מיט'ן טלית־קטן, דערקענט, אַז עס מוז זיין אַ פוילישער יוד. האָט מען געקלערט, אַז דאָס מוז ער זיין; ער פלעגט אַרומגייהן גאַנצע נעכט ביי דער ווייכסעל, האָט זי איהם צוגענומען! שווימען האָט ער אפילו געקענט, נור איידער ער איז משוגע געוואָרען! דער־נאָך ווייסט מען נישט. אַ, ווי קומט די ווייכסעל אונטער וואַרשוי צום ים אונטער דאַנציג, דאָס איז קיין קשיא נישט: כל הנחלים — אַלע טייכען גייהען צום ים; דאָס האָט נאָך שלמה המלך געזאָגט. און מען האָט ווייטער פערגעסען! איינמאָל אָבער האָט מען זיך דערמאָנט, אַז דעם שוחט'ס קעסטיל שטייהט נאָך ביים בעקער, וואו ער פלעגט זיך אויפ־האַלטען, נישט נעכטיגען. ווייל, ווי געזאָגט, גאַנצע נעכט פלעגט ער אַרומגייהן אין גאַס און דאָט קיין אויג נישט צו־געמאַכט; אויסער אויב ער איז געשלאָפען גייהענדיגערהייד! וויל דער עולם וויסען, וואָס ביי איהם אין קעסטיל קען זיך געפינען; אפשר, זאָגט מען, געפינט מען גאָר „חדושי־תורה", וואָרום פריהער איז ער אַ יונגער מאַן אַ למדן געווען, און פלעגט טענטלען מיט דער פעדער. גייהט מען אַריין צום בעקער; דאָס קעסטיל איז דאָ. ער האָט גאָר פערגעסען דע־רין. עפענט מען אויף. געפינט מען נישט מעהר, ווי עט־ליכע קרישקעלעך עסענוואַרג מיט אַ צוריסענעם טלית־קטן. געמט מען דאָס קעסטיל, וואָס איז נישט ווערט געווען די רייד, און מען צוהאַקט עס, און מען וואַרפט עס אין אוי־ווען אַריין, צום פערברענען. און דאָ הויבט זיך אָן אַ נייע מעשה! איידער נאָך דאָס קעסטיל איז פערברענט געוואָרען,

קלאַפּט שוין עפּיס אָן אין פענסטער: באשר בכן, זלמן בחור איז משוגע געוואָרען!

איהר ווייסט נישט, ווער זלמן בחור איז געווען. דער פאָטער זיינער איז געווען אַמאָל אַ פישער. אפילו אַיין ערליכער יוד. איז ער, לא עליכם, דערטרונקען געוואָרען, איז די מוטער קראַנק געוואָרען פאַר צרות, האָט מען זי פאַר גרוים רחמנות געפיהרט אין וואַרשויער שפּיטאָל אַריין, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז עס וואַקסט איהר עפּיס צווישען די געדערם. האָט מען איהר אויסגעשניטען, וואָס מען דאַרף. דאָס געשוויר האָט מען אפילו נישט געפונען, נור זי, נעביך, איז, נישט פאַר אַייך געדאַכט, אומגעקומען אונטער'ן מעסער. מן הסתם איז אַזוי בעשערט געווען! בלייבט זלמן אַ יתום און עלטערט זיך אַזוי. וואָרום ווער זאָל איהם חתונה מאַכען? רופט מען איהם טאַקי: זלמן בחור! אַ שפּאַס? אַ יונג פון עטליכע און צוואַנציג יאָהר! געלעבט האָט ער פון שוסטעריי. נאָך יינגעלוויז, איז ער איינמאָל אַליין אַריינגעגאַנגען צו אַ שוסטער, צו אַ דאַמסקען שוסטער אפילו, און האָט זיך צוגערוקט צו אַ דרייפיסיג בענקעלע, און זיך געזעצט אַרבייטען; האָטש טרייב איהם מיט אַ שטעקען. איך ווייס אפילו נישט, צי ער האָט געקענט דאַווענען! אויסגעזעהן האָט ער טאַקי מגושם: הויך, ברייט אין די אַקסעל, מיט אַ פאָר גרויסע אויגענים. אַ כח אין די הענד האָט ער געהאַט גאָר אַיין אויסטערלישען; דריי ערלים האָבען געהאַט עפּיס אַיין עסק צום בעל־הבית זיינעם, האָבען זיי איהם געוואָלט שלאָגען, אויפ'ן פויערישען שטייגער; האַפּט ער איינעם און עפּענט מיט איהם די טיר, און האַפּט די אַנדערע צוויי ווי די זעקליך אונטער די אָרים און טראָגט זיי אַרויס! און אַזוינס האָט מען, על פי מקרה, בעפרייט פון מיליטער! דערנאָך, אַז דער בעל־הבית זיינער איז נפטר געוואָרען, האָט ער זיך געזעצט אויף זיין אָרט און געשפּייזט די אלמנה מיט די יתומים! געמיינט האָט מען, ער וויל חתונה האָבען מיט דער אלמנה. מילא.

מהיכא תיתא! לאָזט זיך אָבער אויס, אַז ער וויל גאָר בײלע דער אלמנה׳ס טאָכטער, אַ שוואַרץ־חנ׳עוודיג מיידעל; גיטעלע האָט זי געהייסען. באשר בכן, ער האָט איהר אַמאָל אַ מאָס גענומען אויף אַ פּאָר שיכלעך, איז זי איהם געפעלען געוואָרען. שיקט ער צו דער מוטער אַ שדכן! פערשטייהט זיך, אַז מיט׳ן גוטען ווילען גייהט דער שדכן נישט: וואָרען, בײלע די אלמנה האָט איהר אייגען הייזעל, טאַקי דאָס לעצטע אין געסיל, ביי דער וויכסעל, און אַ מחיה האָט זי אין שטוב פון זאַלץ, און אָנגעגרייט האָט זי פאַר דער לעצטער טאָכטער, פאַר׳ן מיזיניקעל (די עלטערע קינדער האָט זי שוין לאַנג אויסגעגעבען אין פרעמדע שטעט אַריין) — אַ גאַנץ פיין קניפּעל, און מען רעדט איהר אַ שידוך מיט משה׳לע ר׳ זבולון דיין׳ס איניקעל, יחוס שביחוס, אַ חוץ דאָס קרן אַליין — איין עלוי שבעלויים. עס האַלט שוין ביי תנאים שרייבען, נישט מעהר עס גייהט נאָך וועגען אַ קליינינגקייט: יענער וויל פינף און זי וויל פיער יאָהר קעסט, — נו, האָט אַ טעם אָנצושלאָגען אַזאַ שידוך? בפרט נאָך, אַז דאָס איז גראָד דער אייגענער שדכן, וואָס האַלט אין אויספיהרען יענעם שידוך!

נעמט אָבער אונזער זלמן בחור דעם שדכן און שטופּט איהם אַ ווייסען פערציגער אין דער האַנד אַריין און גיט דערביי אויף איהם אַ קוק, אַז עס יאָגט איהם אַ קעלט דורך די ביינער. שרייט ער: ד׳גייה, ד׳גייה! און ער גייהט, און זלמן בחור גייהט איהם נאָך פון הינטען, יענער פיהלט, נעביך, זיין הייסען אָטעם אויף די אַקסעל! און זלמן בחור שטעלט זיך אָב נישט ווייט פון דער טיר; אויף אַ תשובה וואַרט ער! און וואָס האָט דאָ געקענט זיין פאַר אַ תשובה? בײלע די אלמנה איז אַרויס צום חתן־דנן מיט אַ בעזים! וואָס קלערט איהר, מעשים האָט זיך געטהון! מען איז געלאָפען אויף זיין בייז וואונדער! וואָרום שטעלט אייך פאָר אַ סצענע — אַזאַ גבר־אלים, אַ יונג ווי אַ בוים, אַנטלויפט פאַר דער איינגעשרומפּענער קליינער אלמנה,

וואָס דריפּעט איהם נאָך אין אַ פּאָר קלאַפּעדיגע שוסטער־שיך! דאָס אָרימע מיידעל, נעביך, איז אַרויס פאַר דער טיר מיט אַ האַרצרייסענדיג געוויין; זי האָט געמיינט, ער וועט איהר דורס'ען די מאַמען! און ער רוקט זיך אָב אַלץ ווייטער און ווייטער!

צו מנחה, קומט ער דאַוונען, מאַכט מען פון איהם חוכא וטלולא; ענטפערט ער, אַז אויב מען וועט איהם נישט געבען גיטעלע פאַר אַ ווייב, וועט ער זיך אַ מעשה טהון. טהו! ווערט ער אָבער פלוצלינג אַ וואוילער יונג און הייבט אָן דרשה'נען: ער האָט זי ליעב, און זי האָט איהם ליעב! גייהט זיך די גרי־נע גאַל אָן. „סטייטש, פון וואַנען ווייסטו, בחור"? ענפערט ער מיט נצחון: ער ווייסט. דאָס איז שוין זיין דאגה, זאָגט ער! און שטרעקט נאָך אויס די פלאַכע האַנד; דאָ וועט איהם האָהר אַרויסוואַקסען, אויב גיטעלע וועט נעמען דאָס קרומע משה'לע, וואָס ער קען צוקוועטשען, ווי אַ פליעג, נור עס מאוס'ט זיך! און דערביי פלאַמען איהם די אויגען משונה, ווי עס דאַרף צו זיין. פלוצלונג שפּרינגט ער אַוועק און לויפט צו, מיט די פויסטען. צו ר' חיים־יוסעלים, דער כלה'ס אַ פעטער, באשר בכן—ער מאַכט איהם קאַליע! ר' חיים־יוסעלים איז אונ־זער איין־איינציגער שיינער יוד, אַ בן תורה; געלד אויף פראָ־צענט, אפילו היבש געלד... און אַ ווייסע, שיינע באָרד! וויל ער'ן מאַכען כעפרא דארעא! און מען האָט איהם קוים מיט מסירת נפש אָבגעראַטעוועט; ער וואָלט איהם צוטרעטען! שפּרינגט ער אָב פון ר' חיים־יועסלים, און לויפט, אויף דער צווייטער זייט, צו משה'לען, וואָס איז, נעביך געזעסען, ווי זיין שטיינער, איבער אַ גמרא און געלערנט,—און זאָגט צו איהם מיט חוזק: מויסילע, מויסילע (משה'לע האָט נישט געקאָנט אַרויסזאָגען קיין שין), פערטויש מיר דיין טאַלע! „פערקויף מיר דיין כלה" הייסט עס, וואָס קיין כ"ף און קוף האָט אויך משה'לע נישט אַרויסגעזאָגט. נאַ'דיר—זאָגט ער — פאַר איהר, וואָס די ווילסט: אַ דריידיל, אַ צוויעקעלע! און אפשר ווילסט דו אַ דרייער?

מילא, משה׳לע האָט זיך צווויינט, אַז עס איז אַ גאַטס רחמנות געווען!

נור דאָס אַלץ איז גאָר נישט. צרות צרורות דערפון האָט געהאַט גיטעלע! זי האָט זיך נישט געקאָנט אַרויסווייזען אין גאַס. ער פלעגט איהר נאָכגייהן טריט ביי טריט, און זיפצען און ממש וויינען פאַר איהר: גיטעלע, פערגים נישט מיין בלוט, מאַך מיך נישט אומגליקליך, פערפינסטער נישט מיין וועלט... וכדומה אַזעלכע נאַרישקייטען. דער מוטערס מילך איז איהר ענטרינען געוואָרען. און זי איז אַ גוט כשר קינד, און פלעגט איהם קיין שלעכט וואָרט נישט זאָגען! פערקעהרט, טיילמאָל דרייהט זי זיך אוים צו איהם, און הייבט צו איהם אויף די אויגען מיט אַזאַ רחמנות, אַז טאַקי נישט צום בעשרייבען! גייהט די מוטער, — וואָס זאָל זי נעביך טהון? — און פערשליעסט זי אין שטוב. גייהט זלמן בחור און קרייזעלט גאַנצע טעג און נעכט אַרום דער שטוב. און דאָס מיידעל, נעביך, ליידט, פאַר חרפה ובושה, דאָס גיהנם! אַ קלייניגקייט צו זאָגען! קיין בעלת בשר איז זי קיינמאָל נישט געווען, אַצינד פאַלען פון איהר שטיקער פאַר בזיון, טאָג אויף טאָג ווערט זי מאָגערער! אויסער דעם, איז אויף איהר, נעביך, געפאַלען אַ מרה שהורה מיט אַ האַרצקלאפונג, אַז דאָס מיידעל איז, נעביך, שיער נישט אומגעקומען פון דער וועלט! דערציילט מען עס דעם בחור, זאָגט מען איהם, אַז דו האָסט זי ליעב, וואָס קוילעסט דו זי אָהן אַ מעסער? ענטפערט ער, אַז ער וויל נישט מעהר, נור זי׳ אַליין זאָל איהם צורופען צום פענסטער, און זאָגען איהם בפירוש, אַז זי נעמט צוריק איהר וואָרט! וואָס פאַר אַ וואָרט? ער וועסט שוין! זאָל זי חאָטש איהם אַרויסשאָקלען מיט׳ן קאָפ אויף ניין! בעט מען זי, זי זאָל צוליעב טהון זיין משוגעת, וואָרום וואָס קען מען טהון מיט אַזאַ עוג מלך הבשן? וויל זי נישט. וויינט זי און חלש׳ט. פערשטייהט זיך, זי וויל איהם פאָרט נישט מביש זיין! אַ יודישע טאָכטער! הכלל — צרות! בלייבט, מען מוז חתונה מאַכען. גיט נאָך די אלמנה, זאָגט צו גאַנצע יאָהר קעסט, מען שרייבט תנאים, און זלמן בחור שטייהט

5

אונטער דער שטוב און שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנד, אַז עס הילעכט! — דאָס מיידעל פאַלט אין חלשות, מען זעהט בחוש, זי וועט אַריין אין אַ קרענק; גנב'עט מען זי אַרויס, פיהרט מען זי קיין וואַרשוי, מכלומר'שט צו'ן אַ דאָקטאָר. ר' זלמן דין מיט'ן איי־ניקעל פאָהרען בסוד סודות נאָך, ביי נאַכט, אויף אַ שיפעל איבער דער ווייכסעל! אין אַ צייט אַרום, דער בחור שטייהט אין גאַס, און עס קומט אָנצופאָהרען אַ בויד מיט די מחותנים, מיט חתן־כלה. — דערזעהט ער, גיט ער אַ געשריי, ווי אַ געקוילעטער אָקס, און, תוך כדי דבור — אַ וואָרף־זיך אָן דער ערד, ווי אַיין אונטערגעהאַקטער בוים, קריגט אַ מין קאָנוואול־סיע. אַז מען הייבט איהם אויף — אַ פאַרטיג משוגעת!

אין וואָס איז זיין שגעון? גיטעלע איז שוין געווען אַ וויי־בעל, זי האָט אַ קינד געביערט, וואָס איז אין קינפּעט געשטאָר־בען. און ער טראָגט זיך אַרום מיט'ן יתומ'ל אויף די הענד — האַלטען האַלט ער אַ שטעקעלע, אַרומגעוויקעלט אין אַ שמאַט־קעלע — אַ ליאַלקע! און הוידעט עס, און וויעגט עס, און זינגט איהם שלאָף־ליעדעליך, און שמאָטשקעט צו איהם — אַזוי גאַנצע טעג און נעכט...

טיילמאָל ווערט אינ'ם אַ שנוי, לאָזט ער אַראָב די הענד, אויס אבי יתומים! און ווערט אַנדערש משוגע. דאָס טרעפט דער עיקר אין אַ לבנה־נאַכט. ער פאַלט פּלוצלינג אין כעס אַריין, גייהט אויף־און־אָב אין גאַס, קלאַפּט אין די פערמאַכטע לאָדען אַריין, שרייט אין די שטיבער אַריין: רוצחים! גזלנים! בלוט־זייגער! און וואָס עס קומט איהם אין מויל אַריין. נור אַז ער קומט אַראָב צו בילא דער אלמנה'ס הויז, צו דער ווייכסעל צו, גייהט ער צו אויף די שפּיץ נעגעל צום לאָדען פון יונגען פּאָר־פאָלק'ס שטוב, בייגט צו צום לאָדען איין אויער, הערט זיך איין אַ ווילע, דער־נאָך לייגט ער צו די האַנד, קושט דעם לאָדען, ווי אַ מזוזה, להבדיל, און גייהט, וויינענדיג, אַוועק...

גיטעלע האָט זיך אפילו שוין כמעט ווי צוגעוויינט, נור לא עליכם, קיין קינדער האָט זי נישט! —

# דער נדבן.

— פאַרוואָס איך האָב מיך איבערגעצויגען קיין וואַרשוי? פרעגט איהר.

כ'וועל אייך זאָגען דעם אמת: כ'בין אַנטלאָפען פאַר די קליינשטעטעלדיגע קבצנים.

מיינט איהר אפשר איך בין אַ קאַרגער? אסור־חזיר! ביי מיר איז אַ הונדערטער — בלאָטע. נור די אָרימע לייט! ווי אַ ביין אין האַלז זענען זיי מיר געשטאַנען! איך קען נישט איך האָב אַ ווייכע נאַטור, און קען נישט פערטראָגען דעם חשכ'דיגען דלות מיט די פערלאָפענע אויגען און אויסגעקרום־טע פלייצעס!

און פרובט, פרעגט מיך, פון וואַנען עס קומט צו מיר? אסור, אויב איך וויים!

די וועלט זאָגט: „אַ קינד איז דער מאַמעס אַ טאַטעס אָדער'ן טאַטענס אַ זוהן". „נישט וייט, זאָגט מען, פאַלט דאָס עפּעלע פון בוים! נישט שטענדיג אַ פנים, איז אמת וואָס מען זאָגט! וואָרום, למשל, איך.

מיין טאַטע, עליו השלום, איז כל ימיו געוועזען אַ קבצן — אַ קליינשטעטעלדיגער שמש! פאַר קוים דאָס לעבען צו דערהאַלטען לאָזט מען זיך טרעטען פון „קהל, רב און בעדער!" אַ לאַטע־לייגער, אַ שוסטער האָט מעהר פרנסה און מעהר כבוד פאַר אַ שמש!

צוויי ברודער האָב איך — להבדיל בין החיים והמתים— זיי לעבען נאָך — אָבער וואָס פאַר אַ לעבען; ביי פרעה'ן אין מצרים האָט מען אַ שענער לעבען געהאַט! טאַקי אויף שונאי

ציון געזאָגט! איינער וואוינט אין בריסק-דליטא, פערשטייהט
איהר דאָך, איז ער אַ נשרף! דער צווייטער וואוינט שוין
גאָר נישט; שוין יאָהרענלאַנג, אַז ער האָט זיך געלאָזט אויף
דער וועלט צוזאַמענמאַכען אויף הכנסת כלה — זעקס טעל=
טער האָט ער, דער ייד!

איך זאָל אויסרעכנען מיין גאַנצע קבצנישע משפחה
וואָלטען מיר פינגער געפעהלט! ווי די הייזשרעקען בעפאַלען
זיי מיך; לאָמיך זיי ווייזען אַ פינגער שלינגען זיי מיך איין
מיט די קאַמאַשען! אַ געלעכערטען זאַק פילט מען נישט אָן!

און איך אַליין, וואָס מיינט איהר? איך בין געבוירען
ווי איך בין?

איך בין דאָך איין אָרימען — אַ שמש'ס אַ זוהן! ער האָט
דען געהאַט אַ ציבראָכענעם דרייער ביי דער נשמה אויף נדן?
דער מאַמע עליה השלום'ס ירושה אַ האָלצערנע חורבה אונ=
טערן שטעטיל, האָט מען פערקויפט אויף חתונה הוצאות.
איך בין דאָך דער יונגסטער געוועזען, האָט זיך דער טאַטע
עליו השלום, אויסגעצויגען אין בית=המדרש אַריין. די בעלי=
בתים האָבען אפילו נישט געוואָלט... נו — גיט איהר נדן!
זאָגט ער, מאַכט איהר חתונה!

און וויפיעל מיינט איהר האָט מען פאַר מיין עלוי'שען
קאָפ געגעבען? צוויי מסכתות האָב איך געקענט אויסענחיי=
ניג, צוגעזאָגט אַכטהונדערט גילדוין, געגעבען האָט
מען די העלפט; פאַר דאָס האָט מען מיר געגעבען אַ כלה
מיט איין איבריג שטיקעל פלייצע, אמת — אַ שמר חצי זכר,
האָט מען צ:עליינט!

זעהט איהר דאָך בחוש — איין אויפגקומענער
(אַנדערע שעמען זיך דערמיט!) פשוט איך האָב געטהון מיינס,
דער רבונו של עולם האָט געהאָלפען און בטבע, זעהט איהר
בין איך אַ געבוירענער נגיד, אַ רך=לב און אַ מפונק דערצו!

פון וואַנען? איז פאַרהאַנען נאָך אַ קשיא אויף דער וועלט!
און דעריבער טאַקי האָב איך געמוזט אנטלויפען, איהר

ווייסט גאָר נישט וואָס פאַר אַ גיהנום דאָס קליינע שטעדטעל אי[illegible] פאַר אַזאַ יוד, למשל, ווי איך, וואָס האָט אַ האַרץ נישט קיין שטיין אינ׳ם לייב! און וואָס האָט אַ נאָז און אַ געפיהל, ווי אַ מענש דאַרף צו האָבען!

ערשטענס וואוינט אַ מענש ווי אין מיטען גאַס! די [illegible] סטער נישט פערהאָנגען. ווער עס גייהט פאַרביי, וואַרפט אַריין איין אויג. וויל ער, שטעלט ער זיך אָב, דריקט צו די נאָז [illegible] דער שויב און בעטראַכט, צי שטייט נישט עפּיס נייעס אין שטוב. זומער, אַז דאָס פענסטער איז אָפען, שטעקט ער אַריין דעם קאָפּ מיט אַ פיינעם גוט-מאָרגען, גאָט-העלף, גוטען אָוועבד — פאַן בראָט! צוזאַמען חזרים געפּאַשעט! און דאָס איז פאַרבייגייהענדיג, אַז ער האָט קיין צייט נישט, האָט ער צייט — קומט ער אין שטוב אַריין, פון קיין קלאַפּשלאָס, פון אָנקלינגען הייבט מען גאָר נישט אָן צו וויסען! מען מוז נאָך גאָל׳ן די טהיר פערמאַכען! אַ רשות הרבים.

באַלד אין דער פריה:

— גוט מאָרגען, בעל-הבית-לעבען!

ווער איז?

דאָס איז לאה די מילכיגערין! שוין צעהן יאָהר טראָגט זי מיר מילך, איז זי דאָך אַ בן-בית.

די קוה האַלט זי אונטער דער שמאָדט, אויף יענער זייט טייך; קומט זי אייך אַריין ווינטער אין אַ פּאָר גרויסע שטיוועל, אין זעלנערישע; שטרויענע קאַלאָשען. ליידען ליידט זי אויף אַסטמאַ, קען זי זיך נישט איינבייגען און אויסטהון די קאַלאָשען, גייהט זי אַריין אַזוי; עס רינט איהר פון די פּיס, פון קאָפּ—דערביי האָט זי שטענדיג אַ רויט-אָנגעפרוירען נעזעל— וואָס איז אויך נישט זייער טרוקען! נאָך אַ מעלה האָט זי, זי שטאַמעלט אַ ביסעל און איז אָהן אַ „ג״ —

— דוט מאָרדען — הייטט עס -- בעל-הבית-לעבען!

און וואָס וויל לאה די מיליכיגערין?

אַ קלייניגקייט חיל זי. די „שוואַרצע״ איז איהר, לא

עליכם, אַוועקגעפאַלען! מען דאַרף אַ קאַנאַוואַל און די הוצאה דאַרף א י ך אויסשטייהן. און כ ע ל ו ת ה ב ק ר קומט זי, אַוועקגעפאַלען, הערט איהר ראַך!

און די קוה, זאָגט זי, איז כמעט מיין קוה—איך טרינק דאָך שוין צעהן יאָהר די מילך!

אַ חוץ דעם איז זי נאָך מיין ווייבס אַ שטיקעל קרובה, עפּים אַ שמעלקע בשמעלקע, ווי מען זאָגט! האָט זי דאָך אודאי אַ טענה...

חאַפּ איך אַרויס אַ רובל, אַבי גייה!

חס ושלום! נישט אַזוי געשווינד ריהרט זיך לאה די מילכיגערין פון אָרט.

ערשטענס הייבט זי מיך אָן צו בענשען; פּאָר גאָט — דערנאָכטען איך, און בענשט מיך מיט מאַמע דלת'ן...

דערנאָך בעקוקט זי נאָך אַמאָל, דאָס הייסט צום טויזענדסטען מאָל, די דירה מיינע מיט'ן מעביל, און הייבט זיך אָן קרימען און קרימען, ביז זי לאָזט אַרויס אַ געוויין.

וואָס איז?

ס'טייטש, ווען נישט איהר מאַן דער בטלן, וואָלט זי אויך אין אַזאַ דירה געזעסען, אויך אַזאַ מעביל געהאַט; זי וואָלט זיך אויך געבאָדען אין כל טוב. וואָס איז? עס פּאַסט איהר נישט? זי האָט אויך חשק צו'ן אַ זילבערן חנוכה-לעמפּעל, צו'ן אַ גאָלדען בשמים-שקעטעלע—צו וואָס אויגען זעהען!

עס האָט עפּים אַ סך געפעהלט?

אַ פריץ האָט זי געהאַט טאַקי א בריליאַנט, די גאַנצע פאַכט האָט ער איהר—די מעשה איז שוין אַ יאָהר צוואַנציג—געוואָלט אַוועקגעבען, אַזוי האָט זי ביי איהם נושא-חן געווען, איבער צוואַנציג קיה צום מעלקען... נור דער מאַן דער בטלן—זיין נאָמען זאָל אַהיים קומען!—האָט נישט געוואָלט...

פאַר וואָס ער האָט נישט געוואָלט איז נישט צום פערשטייהן! אַזוי צורעשעט זי זיך, און איך מוז ביי איהר בעטען

רחמים, זי זאָל מיך לאָזען אויסטרינקען דאָס גלעזעל טיי; דאָס „גלעזעל וואַרימס“ הייסט עס!

דאַנקען גאָט, ד׳האָב ביי איהר געפועלט, זי וויל שוין גייהן — רופט זי מיין ווייב אַריין צו זיך! אין בעט ליגט זי, — אַ קראַנקע, נעביך, כל ימיה אָבגעלעגען אין בעט; וויל זי עפּיס הערען נייעס פון שטעדטעל. מילא, איך האָב דאָך קיין צייט נישט, זאָל אַריינקומען לאה די מילכיגערין, ווער עס איז, אַבי מען זאָל איהר ביישלען נייעס: ווער עס קריגט זיך. ווער עס גט זיך, ווי עס לעבט זיך ביי לייטען, וואָס מען קאָכט, וכדומה ווייבערשע פּאָטשטען! און לאה די מילכיגערין איז דאָך עפּיס אַיין אייגנגייהערין אין הייזער!

איך חאַפּ דערווייל און וויל אויסטרינקען די טהיי, לאה די מילכעגערין זאָל מיך צוריק צו וועגס גישט טרעפען אין שטוב. עס גייהט נישט, לייזער מעקלער גייהט! און לייזער מעקלער איז נישט אַבי־ווער! זכרונו לברכה, דעם שטאָדט־מגיד׳ס אַ זוהן! פון פאָטער האָט לייזער גע׳ירש׳ענט נור דעם קאָלטאָן און דאַכט זיך קיין וואָרט תורה נישט, איז איהם דאָך זכות אבות ביישטעשאַנען, ער זאָל ווערען תבואה־מעקלער. טויגען טויג ער נישט קיין קאַץ אַיין עק צוצובינדען. זייט ער לעבט האָט ער נאָך קיין אייניציגע קניה נישט אויסגעפיהרט. בעל־בתישע סוחרים אָבער זאָגען: ער איז, איז ער; טהו זיי עפּיס! ווער עס איז שלעפט צוזאַמען אַ וואַנד מיט אַ וואַנד, שלאָגט זיך אונטער די פּיס, רייסט זיך אויס די קעהל, און נאָך קריעת ים סוף, אַז עס קומט מעקלעריי צו צאָהלען, זאָגט מען: נור לייזער׳ל איז אַ שותף! און ער איז! ער נעמט!

אַניט, וואָלטען דאָך איהם די בעלי־בתים געמוזט אויפהאַלטען. מען וועט דאָך נישט לאָזען לייזער׳ל דעם שטאָדט־מגיד, זכרונו לברכה׳ר, זאָל שטאַרבען פאַר הונגער!

און בכח דעם אייגענעם זכות אבות איז ער גלאַט אַיין אייגנגייהער ביי בעלי־בתים.

ביי מיר אויך!

גוט מאָרגען — גוט יאָהר —
וואָס הערט זיך נייעס ?
אָט אַזוי און אַזוי... „וואו איז דיין טאַבאַק ?"—פרעגט ער.
אויף מיין טאַביק האָט ער אויך זכות אבות — אַ גלאָז־
שיי וויל ער אודאי, און איין עסק האָט ער אויך.

מיין ווייב איז דאָך קראַנק, פרעגט ער קודם כל וואָס זי מאַכט, און אַז ער הערט, אַז עס איז נישט בעסער, קרעכצט ער: אַלץ ווייל מען וויל׳ן נישט פאָלגען! זיינס אַ לייבליכע מוהמע — ליגט שוין לאַנג וואו מען דאַרף! — האָט אויך אַזאַ מיחוש געהאַט, און קיין זאַך האָט נישט געהאָלפען, נור אַ גרין פלעשעל. מען דאַרף בעשטעלען אין דער אַפטייק אַ גרין פלע־שול! וואָרים, וואו דער דאָקטאָר, וואָס האָט איהר פערשרי־בען דאָס גרינע פלעשעל, וואוינט היינט, ווייסט ער נישט; און אפשר איז ער שוין אויך, וואו מען דאַרף... דער אַפטיי־קער וועט וויסען, ער איז דאָך יענעם אַפטייקערס אַ זוהן, וועט ער געפינען אין די כתבים...

דאָס איז דאָס עסק, וואָס ער האָט צו מיר.

איך וויל גייהן דאַוונען, נעם דעם טלית־זאַק. ווערט ער מלא שמחה, וואָס אַזאַ יוד אַ גביר ווי איך בין, היט אָב קריאת־שמע, און לאָזט נישט קהל זאָל אויפ׳ן וואַרטען... איך מעג — גייהן זאָגט ער — נאָר ער וועט זיך דערווייל אַ ביסעל צו־לייגען אויף דער סאָפע. די אַרורה זיינע האָט׳ם אַ גאַנצע נאַכט געשאָלטען. פאַר וואָס, ווייס ער אַליין נישט, נאָר קיין אויג האָט זי איהם נישט געלאָזט צומאַכען, ערשט פאַר טאָג, אַז זי האָט געכאַפּט צו איהם אַ פלאַש, איז ער אַרויסגעשפּרינגען פון בעט און איז אַנטלאָפען. איז ער שוין געוועזען ביי שמעריל האָניגמאַכער, ביי יוסיל ווייצענזאַנג און נאָך... נאָר ביי דעם איז צופיעל קינדער, אַ מהומה אין שטוב; ביי יענעם איז היינט אַ וועש, איז מעהר מהומה, און ווייצענזאַנג׳ס צנועה קענסט דו דאָך! די הינד מעגען זי אַרומשלעפען, אויסציהען זיך לאָזט זי נישט, ד׳פערפלעק איהר, זאָגט זי, די סאָפע.

— ימח שמה, זאָגט ער, און אויב עס איז מיר אַ שאָד די סאָפּע, וועט ער זיך זעצען אויף מיין פּאָטערשטיהל, אַ מחיה פון אַ שטוהל.

ענטלויף איך; וואָס זאָל איך טהון?

אויף דער שוועל שלאָג איך מיך אָן עמיצען אָן.

וואָס איז? ווייטער אַ טובה. אָבער אַ מצוה, אַ מצוה גדולה!

מיין שניידער איז עס!

קומען, חלילה, קומט איהם נישט ביי מיר. איך צאָהל תוך כדי דבור; נאָר דאָס ווייב האָט אַ צווילינג געהאַט! איינס איז אפילו באַלד אַוועק, נאָר ביים צווייטען וועט זיין אַ ברית, בעט ער מיך אויף סנדקאות — מהיכי תיתא. נאָר דאָס ווייב האָט דערוויל היץ, די באָבע וויל אַ דאָקטאָר, חאָטש אַ רופא מיט רעצעפּט, און ער איז אָהן אַ גראָשען, — וויל ער פּאָר־אוים אַ פּאָר רובל...

ס'איז טאַקי מיין שניידער, און אַ גוטער שניידער, נאָר דאָס פּנים איז שוין פון אַ קבצן! דער קבצן קוקט איהם שוין פון די אויגען אַרויס, פון אונטער דער קאַפּאָטע אַפּער, פון אויס די אַרבעל רייסט ער זיך! אַ צווילינג נאָך! ביי איינעם אַ לויה, ביים צווייטען אַ ברית, און די קינפּעטאָרין מיט היץ — אַ פערלוירענער מענש. שענק איך בעסער אַ רובל! איבער מיין שוועל זאָל ער שוין מעהר נישט איבערטרעטען, מעהר צו נייהען גיב איך איהם נישט...

ער הערט נישט, וואָס איך רעד צו איהם, חאַפּט דעם רובל און אַנטלויפט, און איך גייה אין בית־המדרש אַריין...

אין בית־המדרש אַריין מוז מען גייהן דורכ'ן מאַרק.

דורכפּאַסירען דעם מאַרק איז אויך נישט פון די גוטע זאַכען.

דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך זונטאָג, צי אַזוי זייערס אַ יום־טוב, גראָד ליעב צו גייהן דורכ'ן מאַרק. דעמאָלט איז דער מאַרק לעבענדיג, ריהרעוודיג: רויטע פּאַטשיילעס, רויטע קרעלען,

דויטע סטענגעס, רויטע פנים׳ער — פריש און געזונד, אָבער אַזוי אין מיטען דער וואָך — חלשות גייהט זיך אָן!

אַלטע, פערקרומטע, פערחשכ׳טע ווייבער; גרינליך־טרוקען געבעקס, פויל אויבס, — און אַ יודענע נעמט מיט׳ן פינגער אין דרייהט זיך אויס אַ פויל עפּעלע אין מויל אַריין — —

האַ — גוט?

און דער גאַנצער מאַרק קען מיך...

און ער האָט הנאה, דער מאַרק: דער גביר גייהט דאַווענען. ער שעמט זיך נישט; מיט׳ן טלית־זאַק איבער׳ן גאַס! און מען בענשט מיך!

און איך האָב בעקאַנטע אויפ׳ן מאַרק!

איינע איז גאָר מיינס אַ כלה געווען! דער טאַטע עליו השלום, האָט מיט איהרען שוין אַ וואָרט געמאַכט... און איהר טאַטע האָט געהאַט אַ בשמ׳קראָם, פלעג איך דאָרט, קויפען; איך האָב ערגיץ אויסגעקאַשפּערט אַ צוויי ער, און געלאָפען קויפען פאַר אַ צווייער באָקסער! זי פלעגט רויט ווערען; אונטערן טיש פלעגט זי שטייהען. שמחת תורה צו הקפות האָב׳מיר זיך — חאַ — חאַ — חאַ! צווישען עולם און פּאָליש געפונען, ביי די הענד געהאַלטען. דערנאָך איז ביי מיר אין דער האַנד אַ ביסול מאַנדלען געבליבען! נאָר באַלד נאָך יום־טוב האָט מיר דער טאַטע, עליו השלום, געזאָגט, אַז חיים יוסיל — אַזוי האָט ער געהייסען, איהר פאָטער — איז אַ קבצן, אַ באַנקראָט. און געוועלב שטייהען ליידיגע פּודלים אָהן סחורה, אַז ער האָט איהם געוואָלט אַריינגנאַרען אין זאַק וכדומה, און — אויס שדוך...

באַלד דערנאָך האָט זיך אויסגעוויזען. אַז מיין זווג איז אַ חולנית; אַ מאַן האָט זי בעקומען עפּיס אַ שווינדזיכטיגען מלמד... באַלד רחמנא ליצלן, איז זי געוואָרען אַ „וויסטע אלמנה״... און אַז איך גייה דורך — קוקט זי אויף מיר מיט מילכיגע אויגען...

און נישט זי אַליין, נאָך אַ בעקאַנטע האָב איך דאָרט — אויך אַיין אלמנה —

און דער מאן איהרער האָט פאַר דער פטירה געזאָלט זיין מיין שותף.

עס איז נאָך געוועזען די פאַלט אויף כשר־פלייש. ס'איז פאַר דער ליציטאַציע אין דער גובערניע, און איך האָב מיר דעמאָלט געזוכט אַ שטיקעל עסק, מיינס אַ פעטערס אַיין אײדעם (שוין ביידע אויפ'ן עולם האמת), אויך אַ יונגער מאַן נאָך קעסט, זוכט זיך אויך אַ שטיקעל עסק. פאָרט מען אונז צוזאַמען... יוחנן פאַכטער איז, לא עליכם, געלעגען איבער אַנאַנד (ער איז אויך נישט דאָ, להבדיל בין החיים והמתים!) מאַכען מיר זיך ביידע, נישט וויסענדיג, און ערשט אַ טאָג פריהער חאַפּ'מיר בסוד סודות עקסטרא־פאַסט, און מען פאָהרט אין גובערניע אַריין... וואָלט'מיר ביידע גענומען די פאַכט, וואָלט איך אַ קלענערער עושר געוועזען...

וואָס טהוט אָבער גאָט?

מיין ירוחם (אַזוי האָט ער געהייסען) פאַלט אונטערוועגס אַוועק — מיט געזונטערהייט האָט ער זיך אָנגעגעסען און מיט קאַלט ביער פערטרונקען! — דאָס געלד האָב איך געהאַט ביי מיר; לאָז איך איהם איבער אין אַ שטעדטיל גאַנץ הרוב, שיק אַ שליח מיוחד נאָכ'ן ווייב און פאָהר ווייטער. רחמנות אַהין, רחמנות אַהער — געשעפט איז געשעפט. און וואָס וואָלט ער געהאַט דערפון, ווען איך אַליין בלייב אויך נישט ביי דער פאַכט? וואָלט איך געבליבען אַ קבצן! אויך האָב איך גענומען די פאַכט... אַז איך בין צוריקגעקומען, איז זי שוין אַיין אלמנה געוועזען.. נו, מיט אלמנות און יתומים מאַכט מען קיין שותפות נישט, האָב איך אַרויסגעגעבען אַ וועקסיל אויפ'ן געלד, צוגעשריבען פראָצענט... און הייגט זיצט זי אויפ'ן מאַרק... די עטליכע רובל צו נישט געוואָרען...

פערשטייהט זיך, אַז איך האָב דערפון קיין נחת נישט; ווען איך גייה דורך, גיט אַ צופ ביים האַרץ; וואָרום וואָס טהו איך, אַז אַזאַ יודענע וועט אַרוים מיט אַ קללה?

און אז מען קומט שוין, מיינט איהר, אין בית-המדרש אריין, קלייבט מען שוין נחת?

באלד אויף די טרעפ — שלעפט זיך ר׳ בערעלע דיין, סאפעט און קרעכצט... א גארטיל דארף ער! אלע פיער וואכען פאלט ער אוועק אויפ׳ן מיחוש, טרעפ זענען פאר איהם סכנות נפשות, — און אז מען נעמט איהם צונויף אויף א גאר-טיל, מאכט ער חתונה א טאכטער! טהו עפיס, אז דער יוד האט פארט צוועלף טעכטער! העכער ווארט שוין אויף מיר דער בלינדער שוחט! ׳ער איז בלינד געווארען, האט קהל צו-גענומען א נייעם שוחט, בין איך, פערשטייהט זיך, געווען דערביי — אויסגערעדט האב׳ מיר, אז, דער נייער שוחט זאל צאהלען דעם אלטען צוועלף גילדען א וואך, צאהלט ער נישט! אליין א מטופל! בין איך שולדיג! בלינד איז ער, נור ער דערפיהלט מיך! און אז ער דערפיהלט מיך, גיט ער א קרעכץ אויף מיין חשבון. טיילמאל זאגט ער:

— שיהן פערזארגט...

האב איך, מיינט איהר, הנאה דערפון?

דערנאך הייבט זיך ערשט אן: קבצנים ביים אויבען, בטלנים ביים כיור, און אן אלע מוז מען זיך אבורייבען, אויס-שמעקען זייער מאכארקע... א געקומענעם לאנד-קבצן מוז מען נאך שלום געבען... און אז גאט העלפט, איך קום שוין צו צו דער מזרח-וואנד, שטייהט ערשט אויפגעשריבען מיט קרייד: גרויסע געכתיב׳עטע אותיות „חיים בן מיכל לרפואה שלמה“! און דער מיכל דארף גראד זיין מיין משרת!

ס׳גיהנם, זאג איך אייך, האב איך געליטען!

א מענש מיט א ווייך הארץ איז נישט גוט...

מיינט איהר אפשר, אז עס איז מיר פלוצלינג איינגע-פאלען צו ענטלויפען? איינגעפאקט און ארויסגעפאהרען?

ניין, עס איז אויך א גאט-זאך געוועזען. איך בין גאר נישט אזוי קלוג!

א ווייב האב איך געהאט, ווי געזאגט, לא עליכם, א חולנית.

— עס איז איהר וואָס אַ מאָל ערגער געוו־־ען.

איך האָב כמעט נישט געוואוסט דערפון: זי האָט גע־האַט איהר שטוב, האָט ליעב געהאַט צו האָבען אַרום זיך איהרע גבאי׳טעס, אַלערליי שכנות, איך וועל דאָך נישט אַריינגייהן, זיך זעצען צווישען ווייבער. ביינאַכט — איז בעסער זי זאָל שלאָפען.

איינמאָל שיקט זי מיך רופען. באשר בכן, זי וויל פאָהרען קיין וואַרשא צו׳ן אַ דאָקטאָר.

מהיכא תיתא.

וויל זי אַליין נישט פאָהרען.

זאָג איך, איך וועל עמיצען מיטשיקען. איין מענש, צוויי מענשען.

וויל זי נישט, נור איך זאָל מיט איהר פאָהרען, זי האָט מורא, זי וועט חלילה שטאַרבען אויפ׳ן וועג; און שטאַרבען אָהנ׳עם מאַן וויל זי נישט...

האָב איך גראָד פערוויקעלטע געשעפטען געהאַט. און גלאַט — פאָהר מיט אַ קראַנקער! ביי מיין ווייך האַרץ וואָלט איך אויך, חס ושלום, קראַנק געוואָרען... האָב איך דער־וויל אַ ישוב, זאָג איך: ד׳וועל זעהן, אזבערקלערען, שפע־טער, מאָרגען...

דערווייל הער איך אין גאַס, זי שטייהט שמאָל...

דערנאָך ווער איך געוואָהר, אַז חברה קדישא פער־ביינגט זיך אויף מיר אַ קניפעל, די צייהן שלייפען זיי זיך, באשר בכן — די מקוה פאַלט איין...

בע! מיט׳ן גוטען ווילען געבען מהיכי תיתא, אָבער נייטען זאָל מען מיך?

דינג איך, אַ שיינעם גוטען מאָרגען, אַ פּויערישען לאַנגען וואָגען, אויסגעבעט מיט שטרוי, הייס אַרויפלייגען די חולנית און גיב אַ פאָהר אַריין קיין וואַרשא!

און גערעכט איז זי געווען, וואָס זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט שוין פון וואַרשא נישט צוריקקומען...

י. ל. פרץ.

איין דאקטאָר, צוויי, דריי דאָקטוירים — און, לא עליכם, ווי אַ הוהן איינגעשלאָפען!

וואָס איהר איז געווען, ווייס איך עד היום נישט...

נאר אַ מחיה — 26 רובל קבורה-געלד! ווילסט? גיב אַ נדבה; נישט, נישט!

דערווייל, זיצענדיג שבעה, איז מיר ווארשא געפעלען, פאַרהאַנגען, אַ קלאַפּ-שלאָס; אַ גן-עדן! אויף אָרענטליכערע גאַסען לאָזט מען אַפילו נישט בעטלען — —

ניין, — זאָג איך — דאָ בלייב איך שוין!

אלע קליינשטעדטילדיגע, גבירים מוזען זיך ציהען קיין ווארשא — —

# דער דראָנג.

דאָס, וואָס איך וויל אַייך דערצייהלען, איז אַ מעשה פון מאַזעלבאָזיץ.

זיי רופען עס מיט'ן פולען מויל: „מאָרליבאָזיצע". דאָס הייסט: דאַווען צו גאָט, בעט גאָט, הייסט עס, דאָס זאַמד זאָל דיך נישט פערשיטען. וואָרום דאָס שטעדטיל בעשטייהט אינגאַנצען פון עטליכע קליינע, הילצערנע הייזלעך מיט שטרויענע דעכלעך, אַ שינדעל-דעכעל זעלטען; און צעוואָרפען אַרום אַ גרויסען זאַמדיגען מאַרק. קיין הינטער-געסליך נישטאָ, וואַלד ארום — אויך נישט. — סאַמעראָדנע אָרימע, זאַמדיגע האָבער-פעלדער אַרום און אַרום; האָט דער ווינד טאַקע, וואָס צו זאָגען. קומסט אין שטעטיל אַריין — אַ שטיק מדבר, די הייזלעך דערזעהט מען קוים, און שטיל, קיין צייכען פון לעבען. נעבכטען האָט געמעגט זיין דער יאָהר-מאַרק, פון וועלכען דאָס שטעטיל ציהט חיונה אויף אַ גאַנץ יאָהר: צעהנדליגער פוהרען, הונדערטער פויערן מיט פייערטעס. געשריי און געפילדער און געקנאַקערייען פון בייטשען, ביז שפעט אין דער נאַכט, פאַרטאָג אָבער איז אָנגעפלויגען אַ פריהמאָרגען-ווינטעל און פעריאָגט, און פערוויט אַלע צייכען פון פאָדקעוועס און רעדער. איינס נור פאַלט אין די אויגען: אין מיטען מאַרק, אַריינגעזעצט אין זאַמד, שטייהט אַ שוואַרצער הילצערנער דראָנג, אָהן איין אויפגעשריבען וואָרט, אָהן אַ צייכען. און פרעגסטו אַ יוד צי, להבדיל, אַ גוי, וואָס דאָס בעטייט, ענטפערט מען דיר: מיכאַליק'ס מצבה...

ווער איז דער מיכאַליק געווען? פאַרוואָס קומט איהם אַ

מצבה אין מיטען מארק? — **דאָס** חיל איך אייך טאַקע דער־ציילען.

---

אַמאָל איז געווען אין טאַזעלבאָזיץ אַ צורר יהודים — אַ גלח.

פריהער איז דוקא אַ ג ו ט ע ר גלח געווען.

אַ קיילעכדיגער, אַ צושמייכעלטער, מיט רויטע בעקלעך און לאַבענדיגע גראָהע אויגעלעך... צו אחינו בני ישראל צו־געלאָזט,.. פלעגט אפילו באָרגען אַ קערביל אַמאָל, אויף אַ משכון און נישט גרויסען פראָצענט. דאָס געלד פלעגט, מכלומר׳שט, גייהן פון דער בעל־הבית׳טע זיינערס קניפּעל, אָבער געוואוסט האָט מען, וועמעס עס איז. און אויף שבת ויו״ט. בפרט נאָכ׳ן יריד, איז ער געווען דער פורה ומציל; האָט מען אָבגעהאַקט ביי איהם די שוועל...

— גאָספּאָדיני — פלעגט ער אויסהערען און זאָגען — האָב רחמנות אויף משה חיים׳ן, אַ פערגרעבטער שונא־קריס־טוס, אָבער אַ ווייב מיט קינדער! באָרג איהם דאָרט אַ פּאָר מטבעות...

און די „גאָספּאָדיני" האָט אָבגעווישט די רויטע הענד פון מעהל צי פון קוואַס, געשמייכעלט און געגעבען.

די וואָכערניקעס האָבען אפילו פעראיבעל געהאַט, אָבער טהו עפּיס מיט אַ גלח! און אפשר האָבען זיי עס איהם פער־שאָלטען... אין אַ שלעכטער שעה עפּיס אַרויסגעזאָגט, וואָרום פּלוצלינג פאַלט דער גלח אַוועק, די בעל־הבית׳טע ווינע פער־עמט וואָס זי קאָן און ווערט נעלם. ער מאַכט צו איין אויג, דאָס צווייטע — ר׳איז נישטאָ! און אין אַ קורצע צייט אַרום קומט שוין אַראָב אַ הויכער, בלאַסער און מאָגערער גלח, אַ תעניתים־גלח מיט ברענענדיגע אויגען און ברוינע רענדער אַרום די אויגען, און ער הייבט אָן צו דרש׳נען קעגען אחינו בני ישראל, פעך און סמאָלע הייסע שיט ער. אַלץ יענע מעשה, דער אַלטער

חטא מיט׳ן תלוי... און — זהיר והזהר, מען זאָל מיט קיין יוד נישט האַנדלען: נישט קויפֿען, נישט פֿערקויפֿען, אַ נישט וועט ער ביי קיינעם נישט אָננעמען קיין ודוי, נישט אַרויסגעבען קיין תשובה, זאָלען די נשמות ברענען אין אייביגען פֿייער פֿון גיהנום...

דערשרעקען זיך די פרנסה־געבער, וואָס קענען זיי אָבער טהון? מען מוז אָנקומען צום יוד! וואָרום באמת, וואָס דאַרף אַ פֿויער? אַ ביסעל זאַלץ? איז זאַלץ אַ מאָנאָפּאָל און אין יודישע הענד: דריי יודישע שותפים אויף מאַזועלבאָזיץ מיט דער סביבה.., עס נאָגט נאָך אַ ביטערען טראָפּען — פֿיער יודען האַלטען בשותפות די פּראָפּינאַציע... מען האָט אַ משפט, אַ סכסוך וועגען ירושה, צי אַ טענה צום פּריץ אָדער וועגען אַ געשלעג אין קרעטשמע, ווער איז אַ מבין אויף אַ גוטען „אַבלאָקאַט״? מאָשעק אָדער יענקיל... און דרימעלט דער שומר אַיין, און עס לקח׳ענט זיך אַרויס אַ פֿונטיג העכטיל פֿון פּריץ׳ס טייכעל, ווער קויפֿט עס? אַ יוד לכבוד שבת: אָדער אין פּריץ׳ס קשאַקים אַ העזיל געחאַפּט, אָבגעצויגען, — מוז מען קומען ביינאַכט און אָנקלאַפּען אין אַ יודישען לאָדען... און אַז עס קומט אַ סעקוועסטראַטאָר און פּרעסט אוים די פּאָדאַטקעס, און מען מוז עפֿענען דאָס שטעלעכיל, און אַרויספֿיהרען דאָס ליעבסטע קעלביל, — איז דער קצב אויך אַ יוד... און אַזוי מיט אַ פּאָר אייער, מיט אַיין איבריג מעסטיל האָבער...

און פֿערליינגען אַ קריסטליך געוועלבעל לוינט זיך נישט. אויף וואָס? דער פֿויער טראָגט אויף זיך, וואָס די פֿויערטע וועבט און נייהט; מאַכט פֿייער רייבענדיג מיט אַ שטריק אַרום אַ האָלץ אָדער האַקט זיך די פֿינגער אָב מיט קרעמעניס. און בהיתר קען מען איהם פֿערקויפֿען: אַמאָל אין אַ יאָהר אַ קאָסע און אַ גאַנץ יאָהר — שמירעכץ צו די רעדער; לוינט נישט.

זעהט דער מאָגערער גלח, אַז ער האָט צו קורצע הענד, וויל ער זיך נוקם זיין אויף אַיין אַנדערן אופֿן. וועט ער

פערביטען שרות. האלט אָבער מאַזעלבאָזיץ קיין גוישע דיענסט נישט, קיין גוישע אַם על אחת כמה וכמה נישט. שיקט ער חאַטש נאָכ'ן שבת-גוי מיכאַליק, אַ לאַמער גוי געווען, אַ וועשינס אַ מאַן: אַ צושלאָגענער, אַ צוהרג'עטער; דאָס ווייבעל חאַפט צו איהם וואָס אַמאָל די „קיאַנקע", פאַרוואָס ער טויג נישט צו בנים, — און זאָגט איהם אָן בחרם, ער זאָל מעהר נישט אַריבערטרעטען קיין יודישע שוועל.

— נישט אײַנהייצען ווינטער אום שבת? קראַצט זיך מיכאַלעק אין קאָפּ.

— ניין!

נישט אַראָבנעמען די לייכטער?

— ניין!

— און יום-כפור צו נעילה נישט אויסשווישען די ליכט...

— אודאי און אודאי נישט!

קראַצט זיך מיכאַליק ווייטער אין קאָפּ און פרעגט:

— און ווער וועט מיר געבען ווייסען קוילישט און אַ ביסעל — — —

געוואָלט האָט ער זאָגען „שנאַפּס", נאָר דער מאַגערער גלח האָט אויף איהם אויסגעשמיצ'עלט אַ פּאָר אויגען, אַז דער מוטערס מילך איז איהם ענטרונען. און ער האָט זיך אַ בוק געטהון פאַר זיין „שרעק", און איז אַרוים פון שטוב און לויפט גלייך צום רב, אָנזאָגען — יודיש רעדט ער אויסגעצייכענט, כמעט פון וויעג אַרוים אַ שבת-גוי — זאָגט ער איהם אַזוי און אַזוי, שאַפט אייך אַיין אַנדערן שבת-גוי!

פלוצלינג אָבער פאַלט איהם עפּיס איין. ענדערט זיך אויפ'ן פנים, פאַלט דעם רב צו די פיס, קושט איהם די שיך און זאָקען. גיט מיר — שרייט ער אוים — אַ בן זכר מיט'ן כח פון אייער אמונה, בלייב איך שבת-גוי ביז'ן טויט אַריין! זאָל זיך זיין נשמה, זאָגט ער, פרעגלען דערנאָך אין גיהנם, אַבי זיין ארורה צו פערמאַכען דאָס מויל...

מאַכט דער רב: נו, נו! דאָס קושען קיצעלט איהם

אין די קנעפּיל. לאָז מיך אָב, הייסט עס. מיינט אָבער מיכאַלעק, אַז עס איז אַ צוזאָג, און ער ווייסט, אַז אַ רב, להבדיל, כאָטש נישט אַ גלח, האָט אויך עפּיס אַ דעה, קיין לינגער איז דער מאַזעלבאָזיצער רב אודאי נישט, שפּרינגט ער אויף דערפרייהט, שרייט: איך בלייב! איך בלייב! און לויפט אַרויס, איידער מען האָט צייט געהאַט איהם עפּיס צוזאָגען...

קומט מיכאַלעק אין מאַרק אַריין, זונטאָג איז עס געווען. דינסטאָג דאַרף זיין יום־כפור, הייסט עס: מאָנטאָג ערב יום־כפור. זענען זונטאָג געקומען אויפ'ן מאַרק פּויערים מיט פייערטעס מיט הינער און העהנער אויף כפרות. אַ געקרייהעריי! און ווייבער שטייהען אַרום און טאַפּען די עופות און דינגען זיך, און רייסען זיך פון די הענד. אַ גערויש אַ געפּילדער! פּלוצלינג פאַלט אין מאַרק אַריין דער גלח מיט בליצענדיגע אויגען און אַ שטעקען אין דער האַנד, און הייבט אָן צוטרייבען די פּויערים. כפרות, שרייט ער, איז כשוף, מען זאָגט אָב די זינד אויף גוישע קעפּ. וואָן. וואָן! די פּויערים און די פייערטעס דערשרעקען זיך; פאַר די אויגען, פאַר'ן שטעקען און נאָך מעהר פאַר'ן כשוף און — ויברח! —

די ווייבער בלייבען שטייהן מיט ליידיגע הענד און אָפענע מיילער, און דער גלחישער המן, מיט די הענד אונטערן רוקען, גייהט זיך אַוועק מיט גרויס נצחון. קומט, ווי געזאָגט, פון רב'ס שטוב אַרויס מיכאַלעק, וואַרפט אַיין אויג און פערשטייהט שוין, וואָס דאָ איז געשעהן. טראַכט ער אויף זיין לשון, כאשר אבדתי אבדתי! און שרייט אויס: עס וועלען זיין כפרות!

און לויפט אַהיים, האַפּט אַ פּאָר עופות — אַ היהן מיט אַ האָהן, וואָס דאָס ווייבעריל האָט געהאָדעוועט, אַ שטיק שוואַרץ האַלץ, דעם ווייב'ס קאָציובע, אַ שטריק פון דער וועש און אַ בייטש. אַ זכר געבליבען, מיכאַלעק איז אַמאָל שמייסער געווען. און לויפט אין מאַרק אַריין. די היהן וואַרפט זיך, פעדערן פליהען, דער האָהן קרייהט, און ער טהוט זיך

זיינם. גאַנץ מאַזעלבאָזיץ שטייהט מיט אָפענע מיילער און וואַרט, וואָס דאָ וועט זיין, מיכאַלעק נעמט דאָס שטיק האָלץ און שטעקט עס אַריין אין זאַמד אין מיטען מאַרק, נעמט די שטריק און בינט מיט איין עק די עופות צו ביי די פים; דעם צווייטען עק בינדט ער צו צום שפיץ פון דראָנג. הייבט אָן דאָס פאָר עופות אַרומצופליהען אַרום דראָנג פאַר'ן שטריק. נעמט ער נאָך די בייטש און קנאַקט, און יאָגט זיי אַרום און אַרום. פערשטייהט שוין דער מאַזעלבאָזיצער עולם און לויפט זיך צוזאַמען, און שטעלט זיך אַרום דראָנג... מיכאַלעק יאָגט די עופות איבער די מאַזעלבאָזיצער קעפ און גאַנץ מאַזעלבאָזיץ זאָגט, ווי איין מענש מיט איין מויל: בני אדם, אַז עס הילעכט אין אַלע זיבען הימלען...

---

עס איז איין אַלטע געשיכטע...

די היהן מיט'ן האָהן זענען אויפגעגעסען געוואָרען מוצאי יום־כפור... דער שלעכטער גלח איז פאַר בושה אַנטלאָפען. די בני־אדם־זאָגער זענען שוין לאַנג אויפ'ן עולם אמת... צי מיכאַלקע האָט אַ בן־זכר געהאַט און וואו ער איז אַהינגעקומען. ווייסט מען נישט, נור דעם דראָנג, די מצבה נאָך מיכאַלעק'ן ריהרט קיין ווינד נישט פון אָרט, זי שטייהט ביז היינטיגען טאָג!

# א קשיא אויף יענע לייט

אידער האָט דען געקענט אַיין אמה'ן קאַרגען, א קאַרגען ווי עס דאַרף צו זיין? ניין? ביי אונז איז אַזוינער געוועזען! געהייסען האָט ער: ר' תנחום.

אַ מענש האָט געהאַט אוצרות! עס האָט דען עמיצער געוואוסט, וויפיעל? עס האָט דען עמיצער געציילט? נור פולע פעסער מיט רענדליך אין קעלער!

און דער מענש האָט נישט געוואוסט פון קיין נדן פאַר א קינד, נישט געגעבען קיין חתונה־הוצאות, קיין שדכן אויף זיך נישט גענומען, אַלץ — נאָכ'ן טויט! ביים לעבען קיינעם נישט אַ העלער! לייט האָבען זיך דאָך געלאַקאָמיט אויף דער ירושה און מען האָט זיך מיט איהם משדך געווען.

זיינע קינדער האָבען שוין אין פערשיעדענע קהלות געלעבט ווי מענשען, בעזונדער; אָדער ביי שווער און שוויגער אויף קעסט. ער אָבער מיט'ן ווייב חיה שרה — זיי זאָלען מיר עס דאָרט מוחל זיין! — האָבען געלעבט טאַקי, ווי די הינד!

וואָס זיי זענען עלטער, — זענען זיי, דאַרער, איינגעטרוקענטער און קאַרגער געוואָרען! פון קיין דיענסט האַלטען, איז נישטאָ וואָס צו רעדען; פון קיין נדבה געבען — אודאי נישט... זעהט איהר, אַ זעלנער אויף שבת, אפילו צוויי! נור ווער האָט געוואָלט צו זיי גייהן שטאַרבען שבת פאַר הונגער?

אלול־צייט, אַז מען האָט געגעבען דעם ערשטען בלאָז פון שופר, איז ר' תנחום קראַנק געוואָרען פון שרעק — כ'מיינטש.

די קערה גייהט! און האָט זיך קיים אויפגעהויבען צו „כל נדרי״.

געזאָגט האָט ער, אַז דאָס רעגענוועטער שאַדט איהם...

ווער האָט איהם געגלייבט!

עולה תורה איז ער געוועזען פון איין שמחת־תורה צום צווייטען! און מנדר געוועזען — „מתנה״!

מיינט נישט, ער האָט זיין וואָרט נישט געהאַלטען? חס ושלום! אָבגעגעבען!

פאַר דער מתנה, האָט דאָס ווייב זיך ערגיץ געבאָרגט אַ נאָדעל־פאָדעם און פערלאַטעט די בית־המדרש האַנדטיכער; פערצערים אַמאָל, מיט איין אויסגעבעטעלטער זייד, איין אַלט פרוכת!...

אויף הויז־האַלטונג פלעגט ער איהר געבען צוועלף גראָשען אַ טאָג. פון דעם פלעגט נאָך חיה שרה אבשפּאָרען וועלכען גילדען, אַוועק צו באָרגען די זיצערינס אויף וואָכען־געלד!

אויב עס איז מעגליך, — איז זי קאַרגער געווען פאַר איהם.

ביי זיי איז שמחת תורה ערגער געוועזען, ווי תשעה באב ביים ערשטען שלעפער.

דערביי האָבען זיי נאָך שלעכט געלעבט, געשאָלטען זיך מיט טויטע קללות!

זי האָט געשריגען, אַז ער שטעלט זי מיט׳ן טאַביק־שמעקען בדיל־הדל, האָטש ער פלעגט קיין יוד קיין שמעק־טאַביק נישט געבען, האָטש ער אַליין האָט אויך פיער מאָל געהאַט אַ ישוב, איידער ער האָט מחיה געווען די נאָז.

ער ווייטער, פלעגט געוואַלדעווען, אַז זי איז איין אויסברענגעריין!

אַ יידענע — פלעגט ער זאָגען — וואָס האָט אויסגעגעבען אַלע קינדער, דאַרף שוין נישט קיין ברוסט־טיכעל, מען מעג אויסטעפּען די זילבערנע פעדעם און פערקויפען.

ביי דעם גאַנצען קאָרגשאַפט, האָט ער זיך אָבער נישט געקענט אָבזאָגען גאָר אינגאַנצען פון טאַביק, אַזוי ווי זי — פון ברוסט-טיכעל!

ער האָט שוין אָהן טאַביק נישט געקענט אָבהיסען, און זי טראָגט שוין דאָס ברוסט-טיכעל מכמה שנים, זייט זי האָט חתונה געהאַט! עס איז נאָך געווען אַ ירושה פון דער עלטער באָבען!

און דעריבער האָט מען זיך געקריגט גאַנצע טעג, געשאָלטען זיך און אַרומגעיאָגט.

און געיאָגט האָט מען זיך פאַמעליך, אויף די נעגעל, מען זאָל, חס ושלום, נישט אָברייבען די פּאָדעשוועס.

און האָט שוין איינס דאָס צווייטע דעריאָגט, האָט מען ערשט מורא אָנצוחאַפּען ביי'ן אַ פאַלע, מען זאָל זי נישט אָבּ-רייסען! מען זוכט אָנצוחאַפען אַ נאָז, אַ פּנים!

ביינאַכט, האָט מען זיך געיאָגט באָרוויס און אין דער פינסטער.

שבת — ביי די האַלב-גראָשידיגע ליכטלעך, ביי וועל-כע זי פלעגט בענשען.

פאַר דאָס האָט מען דעם האַלז נישט געקאָרגט, און געשאָלטען און געשריגען אויף וואָס די וועלט שטייהט.

דאָס גאַנצע שטעטיל פלעגט בעלעגערען די פענסטער!

מען פלעגט זיך אָנפערציילען פון זיי מעשיות; ביי די זייטען צו האַלטען, זייער קריגען זיך.

ער, למשל, וויל זי איבערשרעקען. אָט, אָט, — זאָגט ער — רופט ער אַריין אַיין אָרימאַן און גיט איהם אַוועק אַ גאַנץ-האַלב ברויט, וועט זי „פּלאַצען“. זי ווייטער פלעגט איהם סטראַשען דערמיט, אַז אָט, אָט, קויפט זי זיך פאַר אַ גאַנצען דרייער רעציע-מעהל, מאַכט זיך אַ קולישע מיט פּו-טער, און איהם וועט זי נישט געבען קיין לעק...

דאָס אַלץ איז אָבער געוועזען פּוסטע רייד; עס האָט זיי ביידע דאָס האַרץ נישט געלאָזט! און אפשר — זאָגט מען —

וואָלטען זיי עס אַמאָל געטהון, ווען נישט די מורא עס זאָל דערפון נישט אַרויס קיין טויט מיט קבורה געלד! זיי האָבען געוואוסט, אַז חברא־קדישא, שאַרפט זיך שוין לאַנג די ציין אויף איינעם פון פאַר פאָלק.

און, אויב איינס דאָס אַנדערע שעלט אַ געוועהנליכע קללה: „בעגראָבען זאָל איך דיך!" ווערט באַלד צוגעגעבען, „נור נישט דאָ, רבונו של עולם! עס זאָל זיך מאַכען אַ געלע־גענהייט, איך זאָל דיך אַ גוסס אַוועקפיהרען"...

בשעת זיי האָבען נאָך די קינדער אין דערהיים געהאַט, איז אין שטוב נישט געוועזען מעהר, ווי איין שינעטען קאַפּאָ־טיל מיט איין פאַר פלידערן.

דער עלטערער פלעגט גייהן אין חדר אַריין און די יינ־גערע — אָבליגען: זומער אויפ'ן הויף, ווינטער אין בעט אין די העמדליך, מיט קרייקעס אַרומגענאַרטעלט.

האָט מען דעם עלטערען פער'קנס'ט און פערזאָרגט, האָט ר' תנחום נישט געוואָלט גייהן צו דער חופה, ביז מען האָט איהם נישט צוריקגעגעבען דאָס קאַפּאָטיל מיט די פלידערן פאַר'ן יונגערן זוהנס ווענען.

קוים האָט מען דאָס געפועל'ט, האָט זיך דאָס פאַר פאָלק געזעצט עסען און טרינקען, און שאַרען פון די טעלער, גלייך נישט זיי זענען די מחותנים! און געגעסען און געטרונ־קען, עס זאָל גענוג זיין טאַקי ביז אויף אַ נייע שמחה!

פאַר דאָס האָבען זיי אויפ'ן מוזיניקס שמחה זיך צוווינט. גלייך עס וואָלט זיי דאָס גרעסטע אומגליק געטראָפען. זיי האָבען געוואוסט, אַז עס איז דאָס לעצטע מאָל!

דאָך פלעגען זיי נאָך עסען, האַטש זעלטען, אויף פרעמ־דע שמחות!

מיינט נישט, חלילה, אַז זיי זענען געגאַנגען ערגיץ אויף אַ שמחה; זיי פלעגען אויף קיין שום שמחה נישט קומען, עס קאָסט דאָך געלד! נור ערשט דערנאָך, אַ פאָר טעג שפּעטער. פלעגען זיי אַריינפאַלען מיט אַ פרעטענסיע צום בעל־שמחה,

פארוואָס מען האָט זיי נישט געבעטען אויפ'ן ברית צי אויף דער חתונה?

עס זענען טאַקי — זאָגען זיי — שלעכטע צייטען, מען לאָזט זיך נישט גערן קאָסטען, און בפרט — פאר וועמענס וועגען? וואָס פאר אַ מצוה האָט מען דערפון? די סאַרוועררס זענען פראָסטע גנבים, טאַקי — די ווייסעל פון די אויגען. אויף דער אַלטער שרה'ן רעדט מען שוין אַ יאָהר פערציג... פונדעסטוועגען וואָלטען זיי אויף דעם נישט געקוקט... סטייטש! אַזאַ בעל־שמחה; אַזאַ טייערער בעל־שמחה! און אַזאַ נאָהנטער קרוב...

און זיי זענען געוועזען שרעקליכע בקיאים אין יחוס פון דער גאַנצער שטאָדט און האָבען זיך זייהר לייכט אַריינגעפּלאָנטערט אין יעדער משפחה, ווי זאָגט מען עפּיס: „קוה—פערד—בייטש־שטעקעלע” — אַ קרבות איז אַרויס, מכבד זיין האָט מען געמוזט. און זיי האָבען אָבגענומען זייערס.

פאר דאָס, אמת וואויל־גייהן, האָט מען זיך געלאָזט אויף אַ שבת'דיגען ברית!

דאָ קאָסט שוין נישט אַ דרייער. אונזער פאר פאָלק איז געקומען צום ערשטען און אַוועקגעגאַנגען נאָך אַלע משועבדי קהלה!

און שיין איז זיי געוועזען צו זעהען אויף אַ שמחה: זיי זענען אַנדערש געוואָרען, עפּיס ווי אויסגעוואַקסען, אויפגעלעבט; די לויפענדיגע אייגעלעך, אונטער די שיטערע גראָהע ברעמען, האָבען געפלאַקערט און געטאַנצט; טיילמאָל זענען זיי פייכט און רחמנות'דיג געוואָרען.

נאָכ'ן ערשטען טרונק בראָנפען, איז אונזער ר' תנחום פערביטען געוואָרען, פון קאָרגען ווערט אַ שרעקליכער נדיב!

ערשטענס, האָט ער אַרויסגעכאַפּט דאָס פושקעלע און געוואָרפען אין מיטען טיש אַריין: האַפּט יודען, שמעקט; שמעקט אָהן רחמנות! אויס קאַרג! אַלע זאָלען שמעקען.

ליידער איז שטענדיג דאָס פושקעלע געוועזען ליידיג;

ווייל ארויסגעגאַנגען פון דער היים איז ער ניכטערן, האָט ער דעם טאַביק בעהאַלטען... זיינס האָט ער דאָך געטהון; מפקיר געוועזען דאָס פּושקעלע.

נאָך אַ צווייטער כוס'ע, האָט ער זיך שוין גענומען צו צדקות און מעשים טובים:

ער ווייסט גאַנץ גוט, וואָס קהל דאַרף:

דאָס בית-עלמין האָט ניט קיין צוים; איגנאַץ'ס קיה דרייהט זיך אַרום צווישען די הייליגע קברים.

די מקוה האָט צובראָכענע טרעפּ, און ברכה—די בלינ-דע טיקערן, ברעכט שיער נישט האַלז און לייב!

אַ פּרוכת אין שוהל אַריין וואָלט אויך נישט געשאַט.

און איסמאָהלען די שוהל מיט לייבען, בערען, נח'ס תיבה און צוועלף מזלות, וואָלט אויך קיין עולה נישט געוועזען.

אין גרויסע שטעדט איז אַזוי...

אויף דעם אַלעם פּאַסט ער אָב אַ געוויסע סומע, און קוים נעמט ער נאָך אַ טרונק בראָנפען. שווערט ער שוין דע-רויף מיט כל'ע שבועות...

גענוג פּאַרזיכטיג איז ער דאָך און שווערט ביי'ן איהר, זאָל לעבען.

„מיינע זאָל אַזוי געזונד און שטאַרק זיין, ווי היינט, נאָך מוצאי שבת קודש, מאַך איך אַ וואָרט מיט אַ מוליער, סטייטש? שווייגען וועל איך? אַזוי פיעל נחת זאָל זי האָבען פון אונזערע קינדער, וויפיעל רענדליך עס וועט קאָסטען דאָס פּרוכת... דעם שופר של משיח, זאָל זי אַזוי דערהערען, ווי שפּעט-סטענס מאָרגען אין דערפריה, וועט ער נעמען אַ מאָס אויף טרעפּ, און דוקא — דעמבינע, עס זאָל זיין אַ בנין עדי עד, עס זאָל קינדס קינדער איבערלעבען!

די תנחומעכע, זיצענדיג צווישען די ווייבער, האָט אויך איין אַנדערע צורה בעקומען!

זי האָט אויך אַ ביסל געטרונקען — זיסע בראָנפען; נור פאַר דאָס, האָט זי אַ מאָסע לעקיך אויסגעטונקען. אַ יידענע

— זי זאָל עס מיר מוחל זיין — האָט זיך איהר באַלד דאָס היהגערנע קעפּיל פערדרייהט.

זי ווערט ווייך און וויינענדיג און בעקלאָגט איהרע יאָהר און טעג. איהר טאַטע־מאַמע זאָלען אויפשטייהן פון קבר און זעהען, אויף וואָס פאַר אַ שטיינער זי איז געקומען, אין ווע־מ׳ס הענד מען האָט זי איבערגעגעבען, וואָלטען זיי זיך צוריק אַריינגעלייגט אין קבר, און וואָלטען זיך שוין געשעמט תחית המתים אויפצושטייהן.

וואָס הייסט, זי וואָלט נישט געקאָנט פערדרייען אַלע טאָג אַ ביסל זיסען בראָנפען מיט לעקיך? איהר האַרץ חאַפּט זיך נישט אַמאָל אוועק? איהר נשמה איז אַ ראָזינקע? און אַ סאַמעטינעם מאַנטעל וואָלט זי נישט געקאָנט טראָגען? עס וואָלט איהר אפשר נישט געפּאַסט? זי איז נישט אַזאַ בריה ווי אַנדערע ווייבער? נישט אַזאַ מיוחסת?

נאַטירליך, שולדיג דערינען איז אַלץ תנחום׳ל, אַלץ דער רשע מרשע, וואָס ציהט איהר אַרויס די קלעע פון די ביינער. פון איהר צד וואָלט גאָר קיין מניעה נישט געוועזען, זי וואָלט אפילו אַריינגעוואָרפען אין אַלע צדקה־פושקעס, חאָטש צעהן מאָל אין טאָג.

ווינטער, וואָלט זי אָבגעלייגט קאַרטאָפעל פאַר אָרעמע לייט; פאַר אָרעמע ווייבער וואָלט זי אויף איהר חשבון די מקוה געהייצט.

דער משוגענער פעסע, וואָס לויפט אַרום נאַקיט און בלויז אין גאַס, וואָלט זי אַ באַרכאַנעם שפּענצער געמאַכט; וואָלט זי איהם אָבגעריסען, וואָלט זי איהר אַ נייעם געמאַכט!

זעלנער אויף שבת — וויפיעל עס וואָלט אַריין! עסען געגעבען: ציבעלעס מיט לעבערליך, מיט אייער, מיט שמאַלץ, רעטיך אויך און פיש, פלייש; אַ קוגעל וואָלט זי געמאַכט, וואָלט די גאַנצע שטאָדט געלאָפען אויף זיין וואונדער! דעם בעל־שמחה, און אפילו איהרע אַצינדיגע נאָהנטע שכנות, וואָלט זי שבת בשבת אַהיים געשיקט קוגעל! נור וואָס קומט אַרויס, אַז

גאָט, ברוך הוא, וויל נישט, זי זאָל זיינע פטור ווערען! און ער האָט אַ האַנד, אַ האַנד... אויף אַלע שונאי ישראל געזאָגט אַזאַ האַנד ווי ער האָט!

דערביי האָט זי געחאַפּט נאָך אַ קאָפּ און אָנגעהויבען אויפ׳סניי צו חליפען:

תנחום פערגינט איהר אפילו נישט דאָס ברוסט־טיכעל; פערקייפען וויל ער עס, דער רשע, דער כילי! איהם אויף להכעיס, שענקט זי עס אַוועק דער ערשטער־בעסטער, אָרימער כלה, איין עק זאָל עס האָבען!

און זי נעמט נאָך אַ קאָפּ...

דאָך די פערדרייהטע קעפּ האָבען זיי נישט געשטערט, אַהיים צו נעמען עטליכע שטיקליך לעקיך, אַ פּאָר מאַקאַראָנען, פון וועלכע מען האָט געגעסען אַ לאַנגע צייט; איין שטיקעל לעקעך מיט אַ מאַקאַראָנע, האָט מען בעהאַלטען אויף פורים; שלח־מנות פאַר׳ן רב.

וואָס דער רב האָט צוריקגעשיקט, האָט מען געשיקט אַ בעל־הבית; און וואָס מען האָט פון דעם געבראַכט, איז גע־גאַנגען צו׳ן אַ צווייטען... ביז מען האָט דורכגעשיקט דאָס גאַנצע שטעטיל, אויסער אַלטע אַלמנות, אָדער אַלטע לייט און עקרות, וואָס מאַכען קיין שמחות נישט און פערדיענען אַ יף נישט שלח־מנות.

אַ בעהעלפער צום שלח־מנות האָבען זיי אויך געהאַט אַ אומזיסטען: עס האָט זיך זיי געטראָפען אַ בעהעלפער אַ יתום, וואָס האָט זיי בעדיענט, מיט דער האָפנונג, אַז זיי וועלען איהם נישט פערגעסען בשעת צואה.

פון דעסטוועגען האָבען זיי דעם בעהעלפער אינגאַנצען נישט געטרויט. דעם גאַנצען טאָג פורים פלעגען זיי איהם נאָכגייהן, היטען פון ווייטען, ער זאָל נישט אַראָבחאַפּען פון אַ טעלעריל. און, אַז מען האָט איהם ערגיץ אין אַ הויז לענגער פערהאַלטען, האָבען זיי געטופּעט מיט די פיס פאַר כעס און שרעק צוזאַמען.

זעהט איהר, — דאָס הייסט קאָרג: מטמונים, אוצרות, און געלעבט — זיי זאָלען עס מיר דאָרט מוחל זיין — ווי די כלבים!

און וואָס מיינט איהר, עס איז אַרוים געקומען עפּיס גוטס פונעם געלד? אַז אָסור! אַזוי ווי מען האָט נישט גע־וואוסט, פון וואַנען דאָס עשירות האָט זיך גענומען, און ווי־פיעל עס איז געוועזען, אַזוי האָט מען נישט געוואוסט, וואו עס איז אַהינגעקומען.

ר׳ תנחום׳ס קינדער האָבען קיין גראָשען ירושה נישט בעקומען.

קיין דבר שבצדקה איז דערפון אודאי נישט געוואָרען:

די מקוה האָט עד היום קיין טרעפּ.

פון פּרוכת פאַלען שטיקער!

אייננאַך פּאַשעט שוין פ י ע ר קיה אויפ׳ן בית־עולם און ווערט נתעשר דערפון.

גאָר נישט! עס איז צו נ י ש ט געוואָרען!

איינמאָל האָבען זיי זיך שבת אַזוי איבער געגעסען אויף אַ סעודת מצוה, אַז עס האָט זיי געשאַט. עס איז פריהער אַ לאַנגע צייט קיין שמחות נישט געוועזען, און זיי האָבען זיך צוגעהאַפּט מיט אַמאָל צו קאַלטע פיש און פעט פלייש נאָך אַ האַלב יאָהר תעניתים...

ביינאַכט האָט יעקיל־יענטים, דער שכן זייערער, דער־הערט קרעכצען; אָבער קרעכצען, אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין!

ער איז אַריין —

זיי וואַלגערן זיך אויף דער ערד!

ער מאַכט אַ געוואַלד!

מען רופט אַ רופא, ער גיט אויף אָבפּיהרען...

איז זיי אַ שאָד!... ווילען זיי באין אופן נישט איינגע־מען; ערשט אָבגעגעסען!... און זיי זענען ביידע נפטר גע־וואָרען אין איין וואָך...

בעגראָבען האָט מען —ביידע אין פרעמדע תכריכים!
און אין קאַסטען זענען געלעגען עטליכע אַלטע העמ־
דער, אַ פּאָר אָניצעס מיט אַ צוריסענעם טלית־קטן . . .
און אין קעלער איז פול געוועזען מיט שערבעלעך, צו־
בראָכענע פלעשער און קרעמענים . . .
פריהער האָט מען אפילו געמיינט, אַז יעקיל האָט גע־
האַפּט און געמאַכט אַ קראַץ; עס האָט זיך אָבער אויסגעוויזען,
אַז ניין! ער איז ערשט נישט לאַנג נפטר געוואָרען אַ בעל־
חוב איבער'ן קאָפּ . . .
נייערט — פשוט: יענע לייט האָבען געגעבען און
יענע לייט האָבען צוגענומען!
שערבעליך, קרעמענים, צובראָכענע פלעשער דערפון
געמאַכט!
וואָס זיי קענען, השם ישמרנו

# מלוה מלכה

איך וויל אייך פערציילען אַ שיינע, וואונדערליכע מעשה:

פון דער פיערטער סעודה פון שבת קודש — מלוה מלכה, וואָס דוד המלך, עליו השלום, האָט מתקן געווען...

פון אַ פשוט'ן ערליכען יוד, וואָס האָט אויף זיך גענומען די מצוה פון מלוה מלכה;

פון יענע לייט, וואָס האָבען דוקא געוואָלט אַראָבפיהרען דעם יוד פון זיין דרך, ער זאָל חאָטש איינמאָל אין לעבען נישט קאָנען מקיים זיין די מצוה —

און ווי אַזוי דער יוד איז נצול געוואָרען פון זייערע הענד.

און אַ מעשה איז עס מיט אַ מוסר-השכל:

דער פשוט'ער יוד וועט זיך דרש'ענען אַ קל-וחומר: מה דאָך אַזאַ קליינע מצוה, שאדם (וואָס אַ מענש) דש (טרעט) בעקביו (מיט זיינע טריט) מאַכט אַזאַ רושם, ברענגט צו'ן אַזאַ נסיון...

אַנדערע, גרעסערע מצות, אויף וועלכע די וועלט שטייהט באמת, על אחת כמה וכמה.

און דער יודע חן, וואָס האָט אַ ידיעה אין ענין פון סעודת דוד המלך, עליו השלום, — דעם וועט דאָס גאָר אויפגייהן אַ ליכט אין די אויגען!

ער וועט, נעמליך, זעהען בעשיינפערליך, עד היכן הדברים מגיעים; און וואָס אַ נדר, וואָס אַ יוד נעמט אויף זיך, בעטייט, ווי מען וועט, בעזרת השם, זעהן פון גוף המעשה.

און ציינד הייב איך אָן:

י. ל. פרץ.

# I

פערציייטענס, אין אַ גאַליציש שטעדטעל אין קיר״ה זענען געווען צוויי שותפים.

תבואה־סוחרים זענען זיי געווען; היבשע תבואה־סוחרים: געפיהרט גרויסע פּאָדריאַדען פאַר׳ן מלכות, געהאַלטען יגענע פערד און וואָגען, און אַ יונג—אַ שמייסער. און צוויי מויערען געהאַט אין שטאָדט, יעדערער זיין מויער.

און די שותפים, וואָס זענען געווען גלייך אינ׳ם מסחר, זענען נישט גלייך געווען אין יהדות.

איז נעמליך איינער פון די צוויי שותפים געווען אַ חסיד, אַ ירא שמים און אַ למדן אַ גרויסער דאַצו, און דער צוויי־טער — אַז . . . אַ פשוט׳ער יוד, אַיין ערליכער מאַן.

פלעגט דער שותף דער למדן זיצען אין דער היים על התורה ועל העבודה. און קוים אָבשפּאָרען אַ שעה צי צוויי שעה אין טאָג אויף עצות און חשבונות מענין המסחר. און דער צווייטער פאַר דאָס, דער פשוט׳ער יוד, פלעגט אַ גאַנצע וואָך באָרען אין עסק.

פאָהרט מען אַ גאַנצע וואָך אַרום: פון פויער צו פויער, פון פּריץ צו פּריץ,— אויפקויפען קאָרן; אין די מיהלען אַריין — מאָהלען דאָס קאָרן; אויף די פונקטען דערנאָך, צוצושטעלען דאָס מעהל פאַר די חיילות.

און די חיילות זענען צעוואָרפען אין דער גאַנצער סביבה, איבער אַלע דערפער, — פלעגט טאַקי דער יוד אַהיים קומען קוים צום מרחץ אויף שבת. —

און וואָס האָט ער, אוימשטיינס געזאָגט, פון שבת? קוים ער קאָן מקיים זיין די מצוה פון „שינה בשבת תענוג״ . . . אויס מענש קומט ער אַ היים.

מיעד, און דער גאַנצער „הו־האַ״ אין קאָפּ.

ווייסט דאָך אָבער אַ יוד, וואָס דער תוך און דער עיקר איז, גייהט ער און נעמט אויף זיך די מצוה מקיים צו זיין

ברוב פאר והדר די מצוה פון מלוה=מלכה!

צו דער מלוה מלכה פלעגט דער שותף דער חסיד קומען זייהר זעלטען: אַ פּאָר מאָל אין יאָהר, שלא לבייש.

ער פלעגט בעסער זיצען צווישען זיינם גלייכען אין שטיבל, און עוסק זיין אין זיינע זאַכען.

פאַר דאָס פלעגען קומען אַנדערע שיינע יודען, אפילו לומדים און אַזוי אָרימע לייט, וואָס פלעגען אפשר אַ גאַנצע וואָך וואַרטען אויף דער מלוה מלכה, זיך חאַטש איינמאָל אָנצועסען זאַט.

און באַלד טאַקע נאָך הבדלה, דער פשוט'ער יוד זאָגט זיך „ויתן לך", זינגט זיך זמירות (פון געשעפט, ביז נאָך דער מלוה מלכה, רעדט ער נישט) און אין קיך ברענט שוין אַ פייער, וועלגערט מען שוין פרישע לאָקשען, קאָכט מען פרישע פיש, זענגט מען אָב פרישע עופות, וואָס מען האָט נאָר=וואָס געברענגט פון שוחט, — אַ ביסעל משקה וועט, פערשטייהט זיך, אויך נישט פעהלען, — אויף אַ גביר'ישע חתונה דאַרף מען נישט — נישט שענער, נישט בעסער...

און ביי דער מלוה מלכה איז ששון ושמחה.

וויים=געדעקטע טישען, אַז עס בלאַנקט. אויסגעשטעלט כלי כסף וזהב, אַלערליי קאָליערטע גלעזערנע כוסות, ווי צו'ן אַ סדר. און ליכט אָנגעצינדענע אַ סך: הן אויפ'ן טיש און די זילבערנע לייכטער, הן אַרום די ווענד, אין די זילבערנע העסען.

און דאָס בני בית מיט די אורחים זעצען זיך אַרום, אנשים לחוד ונשים לחוד. די מענער אין בגדי שבת ויו"ט, די ווייבער אין טייערע קליידער, אבנים יקרות ותכשיטין, און מען עסט, און מען טרינקט, און מען רופט: דוד המלך, עליו השלום, חי וקים! און—מען לאָזט זיך אַ טענציל...

מן הסתם געפעלט עס נישט יענע לייט!

האָט מען אויף דעם ערליכען יוד אין זיין מלוה מלכה אין אויג.

## II

ויהי היום—עס איז געקומען אַ צייט, און די שותּפים זענען געשטאַנען אין אַ גרויסער סכּנה.

געהאַט האָבען זיי אַ גרויסען פּאָדריאַד, אויף כּמה וכמה אלפים כּור קמח פאַר'ן חיל אין דער סביבה, און אין קאָנטראַקט, וואָס מען האָט געמאַכט מיט'ן מלכות, איז געשטאַנען, ווי דער סדר־עולם איז, שחור על גבי לבן, אַ תּנאי, אַז אויב, חס־ושלום, מען וועט עובר זיין איין טערמין פון שטעלינג, וועט ווערען פערפאַלען דער גרויסער זאַלאָג, און דאָס מלכות וועט נאָך צונעמען ביי די שותּפים זייערע מויערן, מיט'ן כּלי בית און אַלע מטלטלין, ביז פערד און וואָגען; און האָט נאָך פראַוו, ווי פערצייטענס דער מנהג איז געווען, זיי אַליין צו נעמען און וואַרפען אין קייטען אַריין, און פערשיקען, וואו דער פעפער וואַקסט...

און געווען איז עס פונקט נאָך אַ שוואַכען ווינטער; געלעגען איין ערד—אַ נאַקעטע. אָהן שניי. דער זאָמען פון קאָרן איז אויסגעליפטערט געוואָרען —

איז נאָך ווייניג?

לאָזט נאָך, באַלד נאָכ'ן ווינטער, אַרויס אַ קול, אַז קיר"ה איז זיך מכין למלחמה געגען תּוגר! ווערט גאָר גאָלד און טאָלער קאָרן! און נישט בנמצא.

איין פריץ אין דער סביבה, אַ שׂררה אַ גרויסער, האָט יאָ עטליכע הונדערט קאַרץ קאָרן, און נישט צו צוטרעטען. ער האָט געלאָזט זאָגען, אַז אויב מען וועט איהם נישט ברענגען אַ דרייַ, צי גאָר אַ פיער־פאַכיגען פּרייז פאַר'ן קאָרן, וועט ער אַרויסטרייבען פון פּאַלאַץ, נאָך אָנרייצען די כּלבים...

מיט איין וואָרט—סכּנות נפשות: ברי"ל הדל, און נאָך פערפאַלען צו ווערען אויף כּף הקל...

מילא, איז דאָך אָבער אַ ייד געוואָהנט צו צרות, צו סכּנות נפשות, איז דאָך אויף דעם פערהאַן בטחון... זיצט

זיך מוצאי־שבת קודש דער שותף דער למדן אין שטיבעל און הערט און פערציייהלט מעשיות פון לאַדירער. און דער שותף—דער ערליכער, פשוט׳ער יוד — וואַרט אויף דער מלוה מלכה, און אויף אורחים, און גייהט זיך אַזוי אויף און אָב איבער דער שטוב, און ברומט זיך די אליהו׳ס...

און ווי ער ברומט אַזוי די אליהו׳ס, דערהערט ער פלוצ־לינג פון דרויסען אַ געזועצעריי איבערן ברוק און גאַס; די שויבען קלינגען אונטער: אַ רייטער יאָגט זיך צו צום הויז.

וואָס קאָן עס זיין? אַ רייטער פון פּאָלק? צינד? פאַר מלוה מלכה?

אַ רגע כמימרא—דער רייטער איז שוין פאַר׳ן הויז. ער שפּרינגט שוין אַראָב פון פערד, בינדט עס צו ביים ציימעל צום דראָנג פאַר דער שטוב, ער עפענט שוין די טהיר — דעם שותפ׳ס ווייב רעט שוין איהם:

ער, פאַר מלוה־מלכה ריהרט זיך נישט פון אָרט.

ווייזט זיך אויס: עס איז נישט פון פּאָלק—עס איז אַ שטאַ־פעט פון אַ פּריץ. טאַקע פון גרויסען שררה, וואָס האָט דאָס קאָרן, — אַ בריעף האָט ער אין גרוים איילעניש געשיקט. און דער בריעף איז אַ ישועה פון הימעל: באשר בכן, דער פּריץ איז פּלוצלינג גערופען געוואָרען קיין וויען, תיכף ומיד צו קומען צום מלכות, האַלבער נאַכט מוז ער אַרויספאָהרען, גו — פעהלט איהם הוצאות הדרך (פּריצים האָבען קיינמאָל קיין באַרען גראָשען נישט.) על כן, אויב „יאָש“ (יוסף האָט דער יוד געהייסען, מילא: יוסף—יוסל, יאָש...) אויב יאָש וועט תיך כדי דבור קומען מיט מזומנים, קריגט ער דאָס קאָרן בחצי חנם. אַ מקח, וואָס מען הערט עס נישט אין גרעסטען זול.

האָט די יידענע איבערגעלייענט דעם בריף אין דער ערשטער שטוב, פאַלט זי אַריין מיט דער בשורה צום מאַן, — לויפענדיג צו דער צווייטער שטוב, שרייט אין קיך אַריין צום משרת, ער זאָל געשווינד איינשפּאַנען פערד און וואָגען און —

— הערסט, מיין מאַן!

וויל דער מאַן אָבער נישט הערען.
שרייט זי אוים די בשורה אויף אַ קול:
— חאַפּ, מיין מאַן, פאָהר!

להר"ם! מיין יודעל וויל פאַר „מלוה-מלכה" נישט פאָהרען. ער וועט צוליעב מסחר נישט מבטל זיין זיין מצוה, נישט עובר זיין אויף אַ נהר!

דער יודענע געפעלט עס אפילו; פון דעסטוועגען זאָגט זי:
— נאַרעלע איינער, אינגאַנצען אַ מייל וועגס, און די פערד זע'ען אויסגערוהט... און דאָ שאַבּט מען ערשט די פיש, מען איז נאָך נישט צוריק געקומען פון שוחט... וועסט נאָך, אי"ה, צוריקקומען צו דער צייט... און ווען אַ ביסעל שפּעטער? —

ענטפערט דער מאַן יוסף, אַז פ אַ ר מלוה מלכה מאַכט ער קיין מסחרים נישט.

זאָגט זי, אַז זי וועט שיקען נאָכ'ן שותף. איז ערליכער יוד, אַ למדן, זאָל ער זאָגען...

און איידער זי רעדט אַרוים דאָס וואָרט—אצבע אלקים! דער שותף דער חסיד איז פונקט געקומען צו מלוה מלכה.

הערט ער, דער למדן — דער חסיד וועגען וואָס עס נייהט, לאַכט ער! — פע, זאָגט ער, אָבשטויסען בידים אַ ישועה פון זיין ליעבען נאָמען? און — אַ דבר האבוד, און אַזאַ נס! משוגע מיינע שונאים!"

הייבען זיך אָן צוזאַמענצוקומען אורחים. העלפען זיי אונטער: בעשיינפערליך, אַ גאָט-זאַך!

ווערט דער פשוט'ער ערליכער יוד בטל ומבוטל פאַר די לייטישע אורחים, דער עיקר פאַר'ן שותף דעם ירא שמים, דעם חסיד און דעם גרויסען למדן; בפרט אַז דער רופט זיך נאָך אוים, אַז ער פאָהרט מיט.

דערווייל פאָהרט, פאַרביי פאַר דער טהיר, דער וואָגען מיט'ן קנאַק. דער יונג שפּרינגט אַראָב, גלייכט אוים דאָס געזעם; דער חסיד חאַפּט זיך אַרויף און זיצט שוין. דער פשוט'ער ערליכער יוד קריכט אַרויף—הייסט מען דעם שטאַפּעט רייטען

פאַראויס, רייט ער. הילעכט ווייטער די נאַס פון די מריט פון פערד. שפרינגט אַרויף דער שמייסער אויף דער קעלניע, נאָך אַמאָל אַ קנאַק מיט דער בייטש, דאָס בני בית מיט די עמליכע, שוין אָנגעקומענע אורחים רופען נאָך: אין אַ מזל־דיגער שעה! דאָס ווייב: פאָהר געזונטערהייד און קום געזונטערהייד! דער וואָגען ריהרט. דער פּראָסטער יוד — דער שותף לאָזט אַראָב דעם קאָפּ. עס צופּט איהם עפּיס ביים האַרץ, עפּיס שלעכטע נביאות זאָגט איהם דאָס האַרץ, נור ער שעמט זיך אויסצוזאָגען דעם למדן, — זיפצט ער אָב און שווייגט.

די אורחים מיט'ן בני בית זענען צוריק אין שטוב אַריין, זינגען זמירות...

---

III

און גאָר איננאַנצען איז דעם פּראָסטען יוד'ס האַרץ קיין פאַלשער נביא נישט געווען...

אַרויסגעפאָהרען זענען זיי אין אַ לבנה־נאַכט: שטערען בחול־הים. אָבער קוים האָבען זיי געהאַט די שטאָדט הינטער זיך, האָט זיך דער הימעל פערוואָלקענט. טונקעל איז געוואָרען און וואָס אַמאָל טינקעלער.

דער רייטער איז שוין לאַנג פערשוואונדען געוואָרען; אַ פריציש פערד! די פערדס־טריט הערען זיך נאָך אַ ווײַלע און — פערהילכען!

דערווייל ווערט נאָך טינקעלער, עס הייבט אָן בלאָזען אַ צפון־ווינד אין יאָגט אָן נ י י ע ענגים. די שטערען לעשען זיך, איינס נאָכ'ן אַנדערע ווי קליינע קינדער־לאַמטערענדליך פון ווינד.

עס ווערט חשך, מען פערליערט דעם וועג, מען שניידט זיך עפּיס אַריין אין אַ וואַלד, אויפ'ן וועג דאַרף גאָר קיין וואַלד

נישט זיין; פון וואַנען האָט זיך גענומען אַ וואַלד?

דערווייל פערליערט דער יונג — דער שמייסער די בייטש; שפּרינגט ער אַראָב זוכען די בייטש. די פערד שלעפּען זיך ווייטער, דער שמייסער קומט נישט צוריק. מען רופט, ער ענטפערט נישט. דער אָרימער פּראָסטער יוד זיצט פער־חוש'ט און האַלב פער'חלש'ט פאַר שרעק. דער חסיד שפּרינגט אַראָב זוכען דעם שמייסער, און ווערט אויך נעלם אין דער פינסטערניש. דער פּראָסטער יוד ווערט שוין גאָר פערחלשט; שטאַרקט ער זיך אָבער, שטעלט זיך אויף, קריכט אַרויף אויפ'ן געזעס, גלאָצט אין דער פינסטערניש אַריין מיט די אויגען — ער זעהט נישט.

וויל ער שרייען, קען ער, פאַר גרויס שרעק, נישט אַרויסברענגען קיין קול. דערווייל שלאָגען אָן די פערד מיט'ן דישעל אָן אַ בוים; דער דישעל פּלאַצט, דער וואָגען קעהרט זיך איבער. דער יוד פאַלט אַרויס, צו זיין גליק — אויף אַ בערגיל גראָז. די פערד רייסען זיך אָב פון בוים, און אַנטלויפען, משוגע פאַר שרעק, אין דער וועלט אַריין... עס הילכען אַ ווייל די טריט, די רעדער, און ווערען אויך פער־זונקען אין חשך. און דער פּראָכטער יוד הייבט זיך אויף איי־נער אַליין אין דער פינסטער, ער שטויסט קוים מיט די לעצ־טע כחות אַ קול פון האַלז אַרויס, שרייט; קיינער ענטפערט נישט. דער ווינד חאַפּט דאָס געשריי און צוברעקעלט עס, און צוטראָגט עס און עס, ווערט פערזונקען אין געפּייפעריי.

וואָס זאָל, נעביך, טהון אַ יוד? אין אַ פינסטערן וואַלד איינער אַליין איז ער; מי יודע וואָס פאַר אַ חיות רעות עס האַלטען זיך אויף אין וואַלד, אינ'ם געפּייפעריי פון ווינד דאַכט זיך איהם, ברילען זיי, די חיות...

ענטפערט ער איבער זיין נשמה צום בורא עולם: טהו מיט מיר, ווי דיין ווילען איז, — און הייבט אָן שטיל צו זאָגען ודוי. גרייט האַרץ זיין אַ יוד.

און דער ווינד רוישט, ער הערט זיינע אייגענע ווערטער,

זיין אייגענע ודוי נישט; עס רוישט. פייפט און רייסט די ביימער, די צווייגען.

אָבער אַט — צווישען די פונאַנדערגעריסענע צווייגען, גיט פלוצלינג ווי אַ בליץ, אויף אַ רגע כמימרא בעוויזט זיך אַ ליכט...

מילא, ותחי נפשו! עס מוז דאָך זיין דאָ ערגיץ אַ הויז! די צווייגען האָבען זיך שוין צוריק בעהעפט, פערפלאָכטען אינ׳ם חשך..., הויבט ער אָן צו גייהן צום אָרט, פון וואַגען דאָס ליכט האָט זיך איהם בעוויזען... און ער איז געגאַנגען, און געגאַנגען, ביז גאָט האָט איהם געהאָלפען, און ער איז צוגעקומען צו׳ן אַ הויז מיט אַ ליכטיג פענסטער.

געלויבט איז זיין ליעבער נאָמען!

פון דעסטוועגען צוגייהן גלייך זוכען אַ טיר, האָט ער מורא. אַ קשיא אויף אַ מעשה: אַ הויז אין וואַלד, עס קאָנען זיין גזלנים, עס קאָנען זיין יענע לייט, בעהיט און בעשערעמט זאָל מען זיין... ער וועט נור אַ בליק טהון אין פענסטער... לאָזט ער זיך אַראָב אויף אלע פיער, קריכט שטיל און פאַמעליך צום ליכטיגען פענסטער צו, שטעלט זיך, פאַמעליך און מיט גרוים הארצקלאַפעניש, אויף, בייגט זיך צו, קוקט אַריין, און דערזעהט דאָס, וואָס איך וועל אייך פערציילען אין פיערטען קאַפיטעל.

---

## IV

אַ גרויסע שטוב האָט ער דערזעהן. און ער וואָלט געשוואוירען, זיין שטוב: אין מיטען שטוּם שטייהט אַ טיש, פונקט ווי ביי איהם צו מלוה-מלכה. פונקט אַזאַ טישטוך; פונקט, צו דער האָהר, אַזוינע כלים: זילבער, גאָלד און קאָליערט גלאָז. און טעלער אַזוינע, ווי ביי זיין אשה. און אויף די טעלער די זעלבע מאַכלים... און פונקט אַזוי פיעל

ליכט: הן אויפ'ן טיש אין זילבערנע לייכטער, הן ארום די װענד אין זילבערנע העסען. און די לייכטער זענען זיינע, און די העסען, כהויה דערקענט ער זיי.

איז עס נישט א חלום? גיט ער זיך א צופ ביי דער בארד, א ריס ביים אויער, א ביס אריין אין פינגער. ניין, עס איז קיין חלום נישט!

און ביים טיש, צו איהם אונטערן פענסטער מיט די אקסעל, זיצט א יוד, — דאכט זיך, ער אליין! זיין קרומער אקסעל.

רבונו של עולם. א חלום, צי א כשוף, צי גלאט אזוי א פערבלענדעניש?!

ווי עס איז, ער מוז אריינגייהן. סיי ווי סיי, א יוד זיצט, א טיש צו מלוה־מלכה איז געדעקט; ער וועט גייהן, מקיים זיין די מצוה.

און ער איז גובר די שרעק, רייסט קוים אב די פיס פון דער ערד און גייהט ארום הויז, טאפט און געפינט אין דער צווייטער זייט, פונקט קעגענאיבער דעם פענסטער, א טיר! ער עפענט זי מיט א פערציטערטער האנד, דערזעהט דעם יוד פנים אל פנים, עס הענגט דארט נישט קיין שפיגעל, ער זעהט דעם יוד בחוש, און דער יוד איז ער אליין, זיינע בארד־און־פאות, זיינע ברעמען, זיינע אויגען, זיינע באקען, און די יארמולקע מיט'ן קאפטאן זענען זיינע...

ער אליין איז עס.

און דער יוד, דאס הייסט, ער אליין, זיצט און קוקט אויף איהם מיט שטיל־שווייגענדיגע אויגען, נור פול מיט רחמנות'דיגער שטראף; ווי איינער רעד: וואס האסטו מיר, וואס האסטו, הייסט עס, דיר געטהון? פון וואנען פאלסט עס דו אוים?...

וויל ער פרעגען: וואס? קאן ער ווייטער קיין קול פון האלז נישט ארויסרייסען, נור דאס הארץ זאגט איהם: מבטל געווען מלוה־מלכה, עובר געווען אויף א נדר...

און ווי דאָס האַרץ זאָגט איהם אַזוי, פערליערען פלוצלינג די כלים אויפ'ן טיש זייער גלאַנץ און ווערען ווי פערטריעבט; אין די ליכט, אין די לייכטער און העסען, הייבען אָן טונקעל און טונקעלער ווערען, און ווערען באַלד טאַקע שוואַרץ — שוואַרצע ליכט ברענען! און דער יוד, דאָס הייסט ער אַליין, צוזאַמען מיט'ן טיש, מיט די מאכלים, מיט די כלים, מיט די לייכטער הייבען אָן אַלע צוזאַמען פאַמעליך, פאַמעליך צו זינקען אין דער פאָדלאָגע אַריין... די שוואַרצע ליכט=פלעמליך אין די לייכטער און העסען הויבען אָן צו ווערען רויכיג און רויכיגער. און אַז דער טיש מיט אַלעם אַרום איז שוין אַיינגעזונקען ביז צום אויבערשטען שטח פון טאָוועל, און דער יוד, דאָס הייסט, ער אַליין אין יענער געשטאַלט, איז שוין אַראָב מיט דער באָרד, און עס האַלט שוין ביי די ליפען, האָבען זיך די פלעמליך מיט אַמאָל געטהון אַ לעש אויס...

זאָגט פלוצלינג דאָס האַרץ אונטער דעם יוד: חאַפּ עפּים און מאַך ברכה, זיי מקיים מלוה=מלכה! — שטרעקט ער אויס אַ האַנד, און חאַפּט, איידער דער טיש ווערט אַיינגעזונקען, אַ פּרי פון אַ טעלער אַראָב, מאַכט „בורא פרי העץ“; אַ ביס, אַ שלינגט=אַראָב, און גיט אַ געשריי: דוד מלך ישראל חי וקים!

און דאָס האָט געהאָלפען!

כהרף עין איז אַלץ פערשוואונדען געוואָרען: די געשטאַלט, דער טיש, דאָס הויז, דער וואַלד, — איינער אַליין שטייהט ער וויט אונטער דער שטאָדט, אויף עפּים אַ לאָנקע... און תוך כדי דבור נעמט איהב אָן פון הינטען אַ האַנד; הייבט איהם אויף, טראָגט איהם אין אויר, צו דער שטאָדט צו טראָגט מען איהם, און מען לאָזט איהם אַראָב פאַר זיין אייגענער טיר. —

## V

שטייהט דער יוד מבולבל אונטער זיין איינענער טיר און גלייבט זיינע אויגען נישט.

הערט ער פון אינערווייניג, די אורחים זינגען זמירות, הייבט ער שוין אָן צו גלייבען, — זאָל עס האָבען אַזוי ווייניג געדויערט?

דערהערט ער אָבער, ווי זיין פלונית'טע זאָגט אין קיך:

— שוין אַלץ פאַרטיג, — וואָס זוימט ער זיך, נעביך?! ווער ווייסט, וואָס מיט איהם איז, נעביך, געשעהען?...

טראַכט ער: וואָס איז זי נעביך שולדיג? עפענט ער אויף די טיר און גייהט אריין.

זעהט ער, קיינער וואונדערט זיך נישט.

דאָס ווייב האָט'ס דערזעהען און שמייכעלט.

פרעגט ער: וואו איז דער שתוף?

זאָגט מען: נישטאָ!

„גאָר נישט געווען?" — ניין! — אודאי, ווי אַלע מאָל אין שטיבעל. —

און דאָס ווייב זאָגט איהם: וואַש דיך! און רופט באַלד צו דער קוך; זי הייסט, דער יונג זאָל אריינטראָגען דאָס באָרשטש...

פערשטייהט ער נאָך ווייניגער:

— דער יונג איז אין דערהיים?

— ווי דען?

— און די פערד?

— שטייהען אין שטאַהל, וואו זאָלען זיי זיין? הערסט נישט זייער הירזשען?

ער הערט!

ער הערט אפילו, ווי די פאָדקאָוועס קלאַפּען אָן דער פאָדלאָגע; די שטאַל איז נישט ווייט פון שטוב. —

פערשטייהט ער שוין, אַז עס איז געווען אַ שפּיצעל פון

יענע לייט, אַז נור מיט׳ן „בורא פרי העץ״ און „דוד מלך ישראל חי וקים״ האָט ער זיך מציל געווען פון זייערע הענד. —

הייבט ער אויף די הענד מיט ליוב און דאַנק צו זיין ליעבען נאָמען . . .

און ווי ער דאַנקט אַזוי און לויבט גאָט אין דער שטיל, דערהערען זיך ווייטער פערדס־טריט פון גאַס, הילכט ווייטער אָב דער ברוק; אַ רייטער גענעהנט זיך ראַש צום הויז. און אָט איז ער דאָ, שפרינגט אַראָב, קומט אַריין, — אַ זעלנער איז עס, נישט קיין שטאַפעט — אַ קוראַסיער.

און האַלטענדיג דאָס צוימעל פון פערד איבער דער שוועל, גיט ער איבער אַ פאַפיר:

דאָס איז געווען אַ פריקאַז פון גענעראַל.

און אַזוי האָטדער גענעראַל געשריבען:

„היות דאָס חיל ריקט צוריק אָב קיין ווינען, איז בטל דער פאָדריאַד, דאַרף מען נישט קיין קאָרן.״ —

פערשטייהט איהר שוין אַליין, וואָס פאַר אַ מלוה מלכה עס איז געווען!

# ווי אזוי א פּריש איז געווארן אוים פּרוש

איז געשטאַנען אַ פּרוש, פרייטאָג נאָכ׳ן קניזש, וואָס ער האָט ביי דער שוחט׳קע געגעסען, אין ליידיגען בית־המדרש, אָן דער זייט פון אַ שטענדער. אויף וועלכען עס איז אָפען געווען „שיר השירים״, ווי עס פּאַסט פאַר פרייטאָג.

מיט די הענד האָט ער זיך אַ פּריש בעזעמיל — אַ פּריש בעזעמיל פון פּרישע ברעזינע צווייגלעך און פּרישע, האַרטע, גרינע בלעטער — געבונדען; מיט די פּייכטע־פּער׳חולם׳טע אויגען אין „שיר־השירים״ אַרינגעקוקט, און מיט די ליפּען אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק, האַלב זינגענדיג, געמורמעלט...

אַז ער איז געקומען צום פּסוק: „הנך יפה, רעיתי״—דאָס איז טייטש: דו ביזט מיין חבר׳טאָרין, שיין—האָט ער (דאַכט זיך, צופעליג) צו דער מערב־וואַנד איין אויג געוואָרפען. צום פענסטעריל אין דער מערב־וואַנד, וואָס גייהט אין דער שמש׳טעס שטוב אַריין...

און באותו הרגע האָט ער פלוצלינג דערפיהלט, אַז עפּים הייבט איהם אָן צו שטיקען אין האַלז און רייסט זיך ארוים דורכ׳ן מויל.

דערשרעקט ער זיך, עפענט ברייט דאָס מויל,—שפּרינגט איהם, פון מויל אויפ׳ן שטענדער אַרויף, עפּעס אַ קליינס, אַ גרינליכס, אַ ריהרעוודיגס...

ער קוקט זיך בעסער צו: א קליין־ריהרעוודיג גרינליך מענשעל. נור אַ ווידעלע האָט עס פון הינטען, און אויף היהנערנע פיסעלך שפּרינגט עס.

— ווער ביסטו?

דיין מחשבה: ענטפערט לאַכענדיג דאָס קליינע מענשע־

לע און בעוויזט צוויי שורות ווייסע, שארף־שפיציגע ציינדעלעך.

— איך האָב שיר־השירים געזאָגט! — בעליידיגט זיך דער פרוש,

— „הנך יפה, רעיתי", — אמת: און דערביי צו דער שמש'טעם פענסטעריל איין אויג געוואָרפען — נישט די כנסת ישראל,—ברײנע דער שמש'טעם האָסטו אין זין געהאַט... ווילסט זי זעהן?

רוקט זיך די פרוש אָב דערשראָקען.

—, נו, נו,—לאַכט דאָס מענשעלע—איך האָב סיי־ווי־סיי היינט קיין צייט נישט: איך מוז אַ הינטען, פערשריי־בען זיך אין ספר הנולדים — אַ מעטריקעל מאַכען. איך וועל צוריק קומען.

און פערשווינדט.

מיינט דער פרוש: אַ זעהעניש, אַ פערבלענדעניש גע־ווען... ער שלאָפט שוין נישט אַזוי פיעל נעכט!

שטאַרק ער זיך, נעמט צוזאַמען די צווייגלעך פערענדיגט דאָס בעזימיל און גייהט אין מרחץ אריין.

---

ווייטער אַ פרייטאָג נאָכ'ן אָנבייסען; ער איז ווייטער איי־נער אַליין אין בית־המדרש...

זיצט ער, קוקט אַריין אין „תרגום שני".

הפלא ופלא שלמה דעם מלך'ס פאַלאַץ.

פון קריסטאַל, אין מיטען ים...

פערמאַכט ער די אויגען פאַר גרויס תענוג און עפּאָקעלט מיט'ן קאָפּ אין דער ברייט:

— אַי־אַי־אַי!

בעקומט ער אַ קליין שנעלעכיל אין דער נאָז,

עפענט ער די אויגען — דאָס מענשעלע!

נור גרעסער, דאַכט זיך איהם.

— ביזט, דאַכט זיך, צוגעוואַקסען?

— די טראַכסט און איך וואַקס:

איך האָב נישט געטראַכט! — לייקענט דער פּרוש — „תרגום שני" געלערנט.

— אמת! אָבער טיעף אין שטילען האַרץ געטראַכט:

אין אַזאַ פּאַלאַץ, אין מיטען ים מיט איהר צוזאַמען...

לאָזט דער פּרוש אַראָב דעם קאָפּ.

— זי ווערט אַ כלה? — זיפצט ער.

— נאַרישקייטען:

— מיט יונה ליבעל'ס...

— ער הוסט:

— איז וואָס?

— ווערט ער שפּעטער בעסער הוסטען... שפּייען מיט בלוט...

— איז וואָס — —

— דערווייל גאָר נישט: דאָס פריי'לע מוז זיך אויסשטייהן אויפ'ן בוים...

בעטראַכט איהם דער פּרוש, פאַרשענדיג.

דערזעהט ער, ווי ער איז איבער דער צייט גאָר רויט געוואָרען.

— אוי ווי רויט דו ביסט געוואָרען! — שרייט ער אויס, דערשראָקען.

— „אָדם" — ענטפערט דאָס מענשיל — איז אַ מענש „אדם" איז רויט, „דם" איז בלוט...

— וואָס פּלאַפּעלסטו?

— ס'וועט קומען די רעכטע צייט, וועסטו פערשטייהן!

— זאָג בעסער — מאַכט ווייטער דאָס רויטע מענשעלע נאָך אַ קליינער פּויזע, — ווילסט זי זעהען?

זי צוואָגט זיך צינד.

און אַז דער פּרוש זאָגט נישט: ניין, גיט דאָס רויטע מענשעלע אַ בלאָז צום פענסטעריל-צו אין דער מערב-וואַנד, עפענט זיך דאָס פענסטעריל, שטייהט בריינע, דער שמש'טעס מאַכטער, צו זיי מיט די אַקסעל, איבער אַ שיסעל היים ווא-

סער און צוואָגט זיך לכבוד שבת.
— זעהסט—מאַכט דאָס רויטע מענשעלע—אַ ביסל האָהר!
די שיסעל איז פאַר זיי צו קליין. זי האַלט זיי קוים אין דער שיסעל!
חאַפּט איהם דער פרוש אָן דערשראָקען:
— זי קאָן זיך נאָך אויסדרייהען און דערזעהן!
— וועמען?
— דיך! זי וועט זיך חלילה, דערשרעקען!
— אויסער דיר — ענטפערט דאָס מענשעלע — קאָן מיך קיינער נישט זעהן...
— רייד שטילער!
— אויסער דיר, הערט קיינער נישט מיין קול,.. זעה בעסער דעם האַלז=און=נאַקען: איין אַלאַבאַסטערן וואָס?
און, אַז דער פרוש ציטערט:
— ווילסט, איך זאָל זי דיר ווייזען? ווי אחשורוש האָט געוואָלט זעהן ושתי׳ן, ווילסט?
— ד׳וויל!— ענטפערט דער פרוש, קוים ריהר׳עוודיג מיט די פערברענטע ליפּען...
— וועסט אונטערשרייבען?
— וואָס?
— אַ כתב!—מיט׳ן בלוט פון מינדסטען פינגער...
— ד׳וויל, תיכף, גיב אַהער!
— גייה איך שוין אַראָב און ברענג אַ כתב.
דאָס מענשעלע איז פערשוואונדען, דאָס טירעל איז פערמאַכט, און דער פרוש וואַקעלט זיך קוים צו צו׳ן אַ באַנק.

---

הושענה ו״א, שפּעט ביי=נאַכט.
אויפ׳ן שולחן ברענען זיך צוויי יאָהר=צייט=ליכט.
דער פרוש זיצט אויף דער באַנק אונטער׳ן אויווען. בע=

ווייזט זיך דאָס קליינע מענשעלע, וואָס איז שוין, אייגענט־ליך, נישט אַזוי קליין געווען, — און דערלאַנגט איהם עפּיס צו דער האַנד.

— וואָס איז? פרעגט דער פּרוש.

— „חוזק האָט דעם טאַטען נישט דערקענט“ — וויצעלט זיך דער רויטער. עס איז דאָך דיין קניפּיק. האָסט דאָך מיר איהם געגעבען אויסצושלייפען.

— ווען?

— איינמאָל, האַלבער נאַכט, נאָך אַ זעהעניש.

— נאָך וואָס?

— „אדם“ — אַ מענש, „אדם“ — רויט — — —

— שוויינ! — שרייט אויס דער פּרוש און איין שרעק. שמייכעלט דאָס רויטע און פּעררעד:

— אָבער זעה, ווי אויסגעשלייפט!

ער עפענט דעם קניפּיק — די קלינג גיט אַ בליץ.

— ווי אַ חלף, מאַכט ער, פּרוּוו אויפ'ן נאָגעל.

דער פּרוש נעמט מעכאַניש דאָס מעסער, פּרובט דאָך נישט און זאָגט פערבענקט:

— זעהן וויל איך!

— אַז דו האָסט אונטערגעשריבען, מהיכא־תיתי! ענט־פערט דאָס מענשעל און רופט:

— וואַנד, וואַנד, לאָז זיך אַראָב!

פאָלגט זי די מערב־וואַנד, לאָזט זיך אַראָב — ברייטע שלאָפט אויף אַ באַנק־בעטיל.

זיצט דער פּרוש, פערבאָדען אין שוויים, מיט ציטערינע הענד און פיס, אַ פנים — ווייס ווי קאַליך און ברענענדיג־פערגלאָצטע אויגען און קוקט.

זיצט דער רויטער לעבען איהם און רוימט איהם אין אויער אַריין:

— זעהסט אַ יד'ל, וואָס? אָבגעטאַקט! איין עלענבוי־גען! פון עלפענביין, וואָס?

— מעהר! מעהר! לעכצט דער פרוש מיט פערברענ־טע ליפען.
קאַלדערע אַראָב! הייסט דער רויטער און עס געשיהט.
— ווי מיינסטו, שמייכעלט ער, שענער ווי ושתי!
— שולמית! מאַכט דער פרוש מיט שוים איבער'ן מויל.
— און דער פאַלאַץ, — ציטערט ער — דער פאַלאַץ, קריסטאַל אין מיטען ים?...
— וועט זיין! — פערזיכערט דער רויטער — די פרי איז אויסגעשטאַנען... היינט, מאָרגען וועט זיין, נאָך א קליינינ־קייט פעהלט...
— אָבער ס'העמד, ס'העמד אַראָב! קאַכט דער פרוש — באותו הרגע איז אָבער דאָס גאַנצע זעהעניש פערשוואונ־דען. די וואַנד איז צוריק אַרויף אויף איהר אָרט.
— וואָס איז דאָס? וואָס דאָסטו געטהון?
— נישט איך — ענטפערט דער רויטער, יונה ליבילס!
— יונה ליביל'ס, ער? ווי אַזוי?
— געקומען תורה לערנען... זיצט ביי דער מזרח־וואַנד. האָב איך קיין שליטה נישט... מוז מען וואַרטען. אָדער — זיינער פטור ווערען...

---

מאַכט זיך דער פרוש, די לעצטע ווערטער נישט הע־רענדיג, און בויגט זיך אוים, און שטרעקט אַרוים דעם קאָפּ פון אונטערן אויבען:
אמת. יונה לייבילס זיצט ביי דער מזרח־וואַנד און לערנט.
ער האָט ביים זעהעניש, זיין קומען נישט געהערט.
— און ער הוסט נישט! מאַכט ער בייז, און דריקט, נישט ווילענדיג און וויסענדיג, שטאַרקער דאָס חענטיל פון קניפיק אין דער האַנד. ער הייבט נישט אָן צו הוסען!
— ר'וועט! זאָגט דער רויטער.
הייבט יונה ליבילס אָן צו הוסען.

— אַ פּשוט'ער הוסט! זאָגט דער פּרוש. ווי פון אַ קאַטער.
חאַפּט זיך יונה ליביל אָן ביים לייב;
ער פערקייכלט זיך.

ער הייבט זיך אויף און גייהט צו צום כיור, נאָך אַ ביסעל וואַסער. צוריק צווועגס וואַקעלט ער זיך...

— גברא קטילא, וואָס?

— ניין! ענטפערט דער פּרוש. היינט הושענא־רבא... דער שאָטען גייהט איהם נאָך!

— אַ ציטעריגער, אַ דינער... ווי לאַנג מיינסטו...

— איפּדערוואָך איז די חתונה — האַקט איהם פינסטער איבער דער פּרוש.

— וועט זיין אַ יונגע אלמנה!

— ד'וויל נישט, ער זאָל זי אָנריהרען! שפּרינגט אויף דער פּרוש מיט שוים איבער'ן מויל.

— קענסט דיר איין עצה געבען.

— ווי אזוי —

יונה ליביל'ס האָט זיך אָבגעשטעלט, אָטעם צו חאַפּען און דאָס רויטע מענשעל זאָגט:

— קום צו צו זיין שאָטען!

— וואָס וועט זיין?!

— וועסט זעהען!

זיי גייהען צו, דער פּרוש איז באָרוויס, הערען זיך נישט די טריט.

— פערליער נור נישט — וואָרענט דער רויטער — דעם קניפּיק, ס'וועט טהון אַ קלאַפּ.

דער פּרוש דריקט פעסטער דעם קניפּיק אין דער האַנד.

יונה ליביל'ס שטייהט אין מיטען בית־המדרש, האַלט זיך אָן ביי'ן אַ שטענדיר און קייכט, זיי שטייהען אויף זיין שאָטען.

— ווילסט פּטור ווערען? פרעגט דער רויטער.

— דער פּרוש שאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף יאָ.

זיין קול וואַלט יונה ליביל'ס געהערט.

— לאָז אַראָב דעם קניפּיק אויפ'ן שאָטענס האַלז, גע־שווינד לאָז אַראָב!

און אַז דער פרוש ווייגערט זיך, גיט איהם דער רוי־טער אַ שטויס אָן עלענבויגען; פערליערט ער דאָס מעסער.

פאַלט דאָס מעסער מיט'ן שפּיץ אַראָב, שטעכט דורך דעם שאָטענס האַלז און בלייבט שטעקען אין דער פּאָדלאָגע.

אין דער זעלבער רגע פאַלט יונה ליביל'ס אַנידער, און אַ שטראָם־בלוט שיסט איהם אַרויס פון האַלז.

גיט דער פרוש אַ געשריי: געוואַלד! און האַפּט זיך אויף!

---

וואָרען דאָס אַלץ איז אַ שווערער, ווילדער חלום, אויף דער האַרטער באַנק, אין ליידיגען בית־המדרש, אין אַ לבנה'־דיגער נאַכט געווען...

און אַז דער פרוש האָט זיך אויפגעחאַפּט שטייהענדיג אין מיטען בית־המדרש, פערבאָרען אין שוויים, האָט ער זיך דערשראָקען, דענאָך צוגעוואַקעלט צוריק אונטער'ן אויוען אַרונטער. אַפּערגעשאָרט זיין זעקיל מיט זאַכען פון אונטער אַ באַנק. פערבונדען מיט אַ שטריקעל, געוואָרפען איבער די פּלייצעס און איז אַרויס פון בית־המדרש...

אַהיים אָדער אין דער וועלט אַריין. —

# דאָס פּראָבלעם *).

די זון געהט אונטער. דער עולם זאַמעלט זיך צו נעילה. מיין בעקאַנטער דרעהט זיך אַרום פאַר דער שוהל, שטעלט מיך אָב.

— עס ציהט! — מאַכט ער מיט אַ פערבענקטען בליק צו דער שוהל. — אָבגעריסען, אין דער ערד אַריינגעגראָבען. — „ממעקים"... גליטשיג־פייכט, מיט מאָך בעוואַקסען, און עס ציהט...

איך שמייכעל: אַלטע געפיהלען, טראַדיציע... אַטאַוויזם! דער שטערען פערשאָטענט זיך איהם; די אויגען ווערען איהם טונקעלער, דאַכט זיך, ער האָט זיך אומגעקעהרט צו זיך אין האַרץ אַריין פּרופענדיג.

— דאַכט זיך — ניין! האָט ער אויסגעשטאַמעלט נאָך אַ ווײַלע.

דער עולם געהט פרום און פערטראַכט פאַרביי, ער נעהמט מיך אונטער'ן אָרים און ציהט מיך צו דער ווינקעל־מויער צו.

— איך פיהל מיך — זאָגט ער — עלענד ... פער'יתום'ט... כ'בין עפּיס אַ זאַך, וואָס מען האָט אין גאַס פערלוירען, און שטוב ניט אַריינגענומען, און מען האָט דערין פערגעסען, מען זוכט עס ניט...

דער אָטהעם ווערט ביי איהם האַסטיגער.

— עס איז דאָך מיין פאָלק: מיינע עלטערען, שוועסטער און ברידער, היימישע, פריינד, בעקאַנטע... אַ גאַנץ יאָהר זענען מיר דאָך צוזאַמען; צ'זאַמען געדריקט. מיר צאַפּלען דאָך דאָ אין איין נעץ, אין איין שפּינוועבס — קומט אַ טאָג, אַ טאָג יום־כפּור, געהען זיי זיך אַלע צוזאַמען, געהען זיי אין איין הויז אַריין בעטען צוזאַמען, וויינען צוזאַמען, טרייסטען און שטאַרקען זיך צוזאַמען. און איך איינער בלייב אין דרויסען... — נישט איינער! — פּרוּוו איך איהם טרייסטען — ניט אַלע זענען אין שוהל... זעהר פיעל... ער ווערט אונגעדולדיג. דאָס ווייסט ער... ער קומט עבען פון איין אָרט וואו די אַנדערע זענען.

— זיי האָבען געגעסען און געטרונקען, און האָבען זיך נאָך דאַמען געשיקט... דאָס מעהרסט האָבען זיי איהם אַהער געטריבען! זיי זענען אַזוי עלענד־זיכער, זיי לאַכען אַזוי אידיאָטיש־פעטט. אַ טענצעל און געלאַכט... ער האַפּט מיך אָן ביי די הענד און הייבט מיך אָן האַסטיג צו פיהרען אויף און אָב. — געלע פּנים'ער — געוויס אַזאַ

---

*) השממה פון 7־טען באנד.

בעליידיגונג . אַ קעלער־קניפּע ... אַ טענצעל און געלאַכט ... און איך האָב געזעהן : געלע הערבסט־בלעטער , אָבגעריסענע פון צווייג ... פון אַ הערבסט־ווינטעל אַרומגעטראָגען , און זיי היפּען אַרום ביים , צו זיינע פיס ... — דאָס — מאַכט ער, צו דער שוהל ווייזענדיג — איז דאָך דער שטאַם ... איבערגעפלאַנצט , אין אַ זומפּ אַריינגעשטעלט , אָבער אַ שטאַם מיט וואָרצלען... יענע זענען בלעטער, אָבגעריסענע...

— איך וויל נישט — שרייט ער אויס — אָבגעריסען ווערען!

אין די אויגען בעווייזט זיך איהם שרעק : — עס איז כרת!

פון שוהל הערט זיך דער נעילה־קריש . — קום אַריין ! — און איך נעהם איהם אָן ביי דער האַנד . ער רייסט זיך אויס :

ל — כ'קען נישט !

אין די אויגען איבער'ן געזיכט — שמערץ ... רער אָטהעם ווערט האַסטיג : — איז אָבער פאַרהאַן , — זאָגט ער — עטוואָס העכערס , עטוואָס הייליגערס ווי אַ פאָלק ... פאַרהאַן — — דאָס העכסטע , דאָס גרעסטע — — — ער שטאַמעלט עפּיס . איך וויל טרעפען :

— דער אמת ? מיט געוואַלד רייסט זיך איהם פון מויל אַרויס :

— גאָט ! איך שטוין : — דו און גאָט ! דו גלויבסט ?

— איך ? — איך וויים נאָר — אַ „צופעלינקייט" איז אונזין ... „זעלבסטשעפּפונג" — אַ גרעסערער ! „ענטוויקלונג" — אַ לעקעכיל פאַר קליינע קינדער , פערשטופּ דאָס מויל און פרעג ניט ... אָבגערוקט די שאלה אויף אַ צייט ... — רעדסט קיינמאָל ניט דערפון . קיינמאָל גאָטס נאָמען נישט דערמאָהנט ?! — אַ גאַנץ יאָהר ניט , צווישען מענשען — ניט . עס איז אַוואָרט . אַ גרוים וואָרט . אַ סימבאָל , אַ בעצייכנונג פאַר'ן העכסטען , פאַר'ן הייליגסטען ... האָבען זיי עס אין מויל אַריינגענומען , מיט שפּייעכץ בענעצט ... האָט זיך יעדערער אַ געטעל צו זיין פרנסה צוגעפּאַסט , צו זיין תאוה'לע צוגעשניטען . האָבען זיך געפּריכפּערט און געמעהרט די עבודה זרה'לעך ...

עס דערהערען זיך יעלה'ס . — קום , רעד צו דיין גאָט ...

צאָרניג ענטפערט ער : — מיין גאָט לויבט מען ניט , מיין גאָט בעט מען ניט ... איך קען מיין גאָט ניט בעליידיגען .

— — — — — — — — — — — —

מיר האָבען ביידע נעילה ניט געדאַוונט .